STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08277

NITGEDAYGET

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו זינגען און צו זאָגן

פֿון

סעם ליפּצין

אַרויסגעגעבן פֿון אַמאַלגאַמייטעד בראַנטש 82
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
ניו־יאָרק, 1934.

"NITGEDAIGET"
Copyright by
SAM LIPTZIN (Uncle Sam)
New York 1934

אינהאַלט.

פען-שטיפערייען און מאָנאָלאָגן:

„ניטגעדאַיגעט" — — — — — — — — — — 9

„דער נייער דיל" — — — — — — — — — 13

איר קענט זיי? — — — — — — — — — — — — — 18

מיט א קלאָג צו גאָט — — — — — — — — — 24

„קעיק" — — — — — — — — — — — — — — 30

אוים קריזים — — — — — — — — — — — 34

„א קולטור דירעקטאָר" — — — — — — — — 36

מיר דארפן א פּייסער — — — — — — — — — 39

מ'דארף האָבן סייכל — — — — — — — 41

א פאַראייניגטער פראָנט — — — — — — — — 44

דער לענדלאָרד מיסטער האָמען — — — — — — 46

מאָצע מיט וויין — — — — — — — — — — — 50

וואָס גאָט גיט, דאָס האָט מען — — — — — — 53

זיי א מענטש, וועסטו עסן זאַין סוקע — — — 57

א נייע האָגאָדע — — — — — — — — — — — 60

מ'דארף וויסן דעם וועג... — — — — — — — 66

א אידיש הארץ... — — — — — — — — — — 69

קריזים — — — — — — — — — — — — — — 72

„ארויסגעשטעלט" א נאָז — — — — — — — — 74

די לעבעדיגע און די טויטע — — — — — — — 77

ציינער — — — — — — — — — — — — — — 79

א קאָמפּראָמים — — — — — — — — — — — 81

אויגן — — — — — — — — — — — — — — 84

איך פּאָר, מיין ווייב געגן — — — — — — — — 86

קו־קע־רי־קו — — — — — — — — — — — — 88

צופיל פלייש — — — — — — — — — — — 91

ראַכמאָנעם — — — — — — — — — — — — 94

אז א. ר. מיניען — — — — — — — — — — — 97

געוואַלד, די רענט סטרייקס — — — — — — — — 99

דאָס האַרץ — 101
ווען וועט דאָס שוין זיין? — 103
שטיק־אַרבעט — 105
איין האַנט — 107
אַ באַר־מיצווע — 109
זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן — 113
אַז אַפּן־פאָרום — 116
קום איך ניט היינט, קום איך מאָרגן — 119

זינגען מיר:

גוטער, ליבער כאַווער — 123
אַנקל סעמי איז קראַנק — 124
הופּי — 126
וואָס לערנט אַ אינגעלע? — 130
ביר... — 132
ברענט אַ פייער — 134
גיב איך געלט — 135
סטאָפּ!! — 136
אַ קינדער־ליד — 138
דער פּיאָנער — 139
דער גרינער דיכטער — 140
מען זוכט — 140
פּאָליטישענס — 141
איפּריל־פול — 142

איינאַקטערס:

„ברידער" — 147
לאַנדסלייט — 143
רויט אָדער טויט — 171

לאַך־שראַפּנעלן:

רויטע פּעפּערלעך — נייער ווערטער־בוך —
פון קעמפּ־לעבן — ווי די מאַסן שפּאַסן.

שער־בלאַט געצייכנט פון יאַסל קאָטלער. ״בילד גענומען פון מ. קאַלעס



סעם ליפּצין (אָנקל סעם)

פֿון - שטיפֿערייען
און מאַנאַלאָגן

„ניטגעדאַיגעט“

אַלע זיינע יאָרן האָט סיאָמקע געקעמפט פאַר אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער ווען די רעוואָלוציע איז געקומען, איז ער ניט געווען דערביי, ווייל ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דערהיים קיין אַמעריקע.

סיאָמקע האָט אויף דעם רעכענונג געשפּאָסט צווישן די אַר־בעטער אין שאַפּ: — וואָס כעוורע קענען! געמאַכט אַ מעסע רעוואָלוציע און ניט געוואַרט אויף מיר, איך זאָל קומען און צולייגן אַ האַנט — געמאַכט אָן מיר! אָבער, ברידערלעך, ניטגעדאַיגעט, — פלעגט ער אַ קלאַפּ טאָן איינעם אין פּלייצע, — מיר וועלן זיי נאָך ווייזן, אַז מיר קענען דאָ אויך...

די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן אים גערופן „רענק־און־פייל אַמ־באַסאַדאָר“, ווייל אַלץ וואָס איינער האָט געוואָלט וויסן וועגן סאָ־וועטן־לאַנד, האָט ער געפרעגט סיאָמקע׳ן.

די אַרבעטער פלעגן אים אַרומרינגלען מיטאָג־צייט אין שאַפּ, און יעדער איינער האָט געפרעגט אַנאַנדער פראַגע:

— וועט די רעוואָלוציע אויך קומען אין אַנדערע לענדער?

— איז פאַראַן אַ גרויסע אַרמיי פון רויטע סאָלדאַטן?

— קענען די פּויערים לייענען און שרייבן?

— צי איז שוין פאַראַן גענוג שפּייז? צי האָבן נאָך די ווייס־גוואַרדייער אַ מאַכט? און צי זיינען די טראַקטאָרס וואָס מ׳מאַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַזוי גוט ווי די אַמעריקאַנער? מיט איין וואָרט, אַלע זיינען געקומען צום „אַמבאַסאַדאָר“ און סיאָמקע פלעגט מיט אַ פרייליכן פּאַנים געבן איין ענטפער: — ניטגעדאַיגעט!

אין דעם זעלבן שאַפּ האָט אויך געאַרבעט כאַים דער פּעסימיסט, אָדער ווי די אַרבעטער האָבן אים גערופן פאַרקירצט, כאַים־פּעסי.

דער כאַים האָט זייער ליב געהאַט דאָס וואָרט רעוואָלוציע, נאָר עס האָט אים געפעלט גלויבן, אַז מ׳קען דאָס טאַקע מאַכן. האָט ער אָנשטאָט קעמפן — געקרעכצט.

דערפאַר איז טאַקע כאַים־פּעסי אַרומגעגאַנגען זייער פאַרדאַיגעט ווען אין רוסלאַנד איז פאַרגעקומען די רעוואָלוציע און מיט דערפאָלג:

— וואָס הייסט, — האָט ער געטאַינעט צו סיאָמקע דעם אמבאַ־סאַדאָר, — איר האָט דען אַ באַגריף, וואָס דאָס מיינט? איבער־גענומען אַ מעלוכע אָן פאַבריקן, אָן געשעפטן, אָן באַנען, בלויז פעלדער און וועלדער, און דערצו נאָך אַזויפיל סוואַלאַטשעס, ווי די באַלעבאַטים, פּריצים, גענעראַלן — וואו ווען דאָס די באַלשעוויקעס נעמען אַזוי פיל פאַרלייט, בוכהאַלטער, פאַרוואַלטער און טאַקע די הויפּטזאַך, וויסן ווי צו בויען און פירן אַזאַ ריזיג געשעפט?

— ניטגעדאַיגעט! — האָט סיאָמקע דער אמבאַסאַדאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — מענטשן וואָס קענען פירן אַ רעוואָלוציע, וועלן שוין אויך קענען פירן די געשעפטן נאָך דער רעוואָלוציע.

שפּעטער־צו האָט אים סיאָמקע געוויזן אין די ציימונגען, אַז אין סאָוועטנלאַנד איז פאַראַן גענוג בוכהאַלטער און פאַרוואַלטער, און אַסאַך פון זיי נאָך גוטע שלאַגלער. האָט כאַים־פּעסי אַרויסגעוויזן אַ פרייד: — לאָמיר דיר זאָגן, עס איז מיר אַרונטער אַ יאָד פון קאָפּ.

אָבער אַז מ'האָט גענומען איינפירן אין סאָוועטנלאַנד דעם פיר־טאָג אַרבעט־וואָך, האָט כאַים־פּעסי ווידער געדאַיגעט:

— ווען מ'פרעגט מיך, וואָלט איך זיי דאָס קיינמאָל ניט געלאָזן,
— האָט כאַים־פּעסי געוואָרטשעט — הערט אַ געשיכטע: מ'דאַרף נעמען איבערבויען אַ גאַנצע לאַנד, איז אַנשטאָט צו מאַכן אַ וואָך פון נאַיען־צען טעג, מ'זאָל קענען אַריינאַרבעטן, איז ביי זיי נאָר פאַרקערט: מאַכט מען אַ וואָך פון פיר טעג — איז ווען וועט דאָס אַלץ פאַרטיג ווערן?

— ניטגעדאַיגעט! — האָט סיאָמקע אים גענומען דערקלערן, — אין אַ לאַנד, וואו אַלע אַרבעטן, איז אַ פיר־טאָג וואָך גענוג. זיי זיכער, אַז דער פינף־יאָר פּלאַן וועט זיין אין פיר!

— כ'וויי? — האָט כאַים־פּעסי פאַרקנייטשט דעם שטערן, — ס'איז עמעס, און ס'איז גאַנץ פיין פון די באַלשעוויקעס, וואָס זיי ווילן מאַכן אַלץ גוט פאַר די אַרבעטער. אָבער וואו וועלן זיי נעמען אייזן, שטאָל, מאַשינען, און טאַקע עסן און מעדיצין — מאַלע וואָס מ'דאַרף אין אַן איינגענער מעלוכע?

סיאָמקע דער אמבאַסאַדאָר האָט זיך דערביי צעלאַכט: — פּעסימיסט! טו עפּעס בעסער פאַר אַ רעוואָלוציע איבער גאָר דער וועלט. — וואו וועט סאָוועטנלאַנד נעמען אַלע נויטיגע זאַכן? —

ניטגעדראַיגעט! זיי קענען שוין זייער „שטעטל" באַשטיין...

פונדעסטוועגן, אַז כאַים־פּעסי האָט געפּאַקט אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז געווען פּערזענליך אין סאָוועטנלאַנד, האָט ער פון אים גענומען פּאָמפּען און דער לאַנדסמאַן האָט אים ברייטלעך דערציילט: — מ'עסט דאָרט, מ'אַרבעט, עס בויט זיך אַ ניי לעבן; אַז דאָס גאַנצע אַלטע רוסלאַנד איז מער ניט צו דערקענען. כאַים־פּעסי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. מ'האָט געקענט לייענען פון זיין פּאָנים, אַז אַ שווערער שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן.

אַז כאַים־פּעסי האָט געלייענט אין די באַלעבאַטישע צייטונגען פאַרשידענע אַטאַקעס אויף זיין כאַווער־לאַנד, האָט דאָס אים געשניטן ווי מיט מעסערס און זיין מויעך אַנגעפּילט מיט דאַיגע:

— וואָס טוט מען מיט דער כעוורע? — האָט ער זיך געגעסן דאָס האַרץ.

אויף מאָרגן איז שוין סיאָמקע דער אַמבאַסאַדאָר אַריינגעקומען מיט אַ פריילעך פּאָנים און געוויזן כאַים־פּעסי'ן אויסשניטן פון די אַרבעטער־צייטונגען: — ניטגעדראַיגעט, כאַים, — די אַלע נייעסן, וואָס דו האָסט נעכטן געלייענט, איז ליגן. אָט האָסטו פאַר זיי אַ גרויסן נאָז...

אַזוי האָט מען זייער אָפט געקענט זען ווי כאַים־פּעסי איז פאַר־זאָרגט און פאַרדראַיגעט: — איינמאָל וועגן אַ דורכריים, אַ צווייט מאָל וועגן אַן אָנפאַל, אַ דריט מאָל וועגן שפּיאָנען, אַזוי אויך וועגן מילכאָמע־געפאַר, וועגן אַן אומגליק, אַ קאָנטער־רעוואָלוציע; אָבער אַנשטאָט צו קעמפן, האָט ער שטענדיג געקרעכצט, געוואָרטשעט, און סיאָמקע דער אַמבאַסאַדאָר האָט אים געדאַרפט האַלטן אין איין באַ־רואיגן: — ניטגעדראַיגעט!

אַז סיאָמקע האָט גערעדט אָדער אַרגומענטירט מיט כאַים־פּעסי איז שטענדיג געווען אַ רעדל אַרבעטער אַרום זיי. דערפאַר האָט טאַקע סיאָמקע געזוכט צו ברענגען די סאַמע לעצטע נייעס פון סאָ־וועטנלאַנד. אַז ער האָט באַגעגנט אַ בילד פון אַ נייער פאַבריק, אַ מאַשין, אַן עראָפּלאַן, איז דאָס שוין גלייך געהאָנגען אין שאַפּ אויפ'ן וואַנט, און די אַרבעטער האָבן געקוואָלן פון דעם רענק־און־פייל אַמבאַסאַדאָר.

גאַנץ אָפט, ווען כאַים־פּעסי איז געשטאַנען ביים וואַנט און

באַטראַכט די בילדער, האָבן די אַרבעטער אַרום אין כאָר מיט סיאַמקע׳ן אויסגעשריען: — כאַים־פּעסי, ניטגעדאַיגעט!

כאַים־פּעסי האָט אָבער דאָך געדאַיגעט און זיין לעצטע דאַיגע איז געווען, פאַרוואָס ווערט ניט אַנערקענט זיין סאָוועטנלאַנד. ווי אַ ווערימל האָט דאָס אים געגנאַגט אין זיין מויעך.

— סטייטש, — האָט ער געטאַינעט צו די אַרומיגע, — דאָרטן שטייגט אַלץ אין דערהויך, און דאָ פאַלט און קראַכט און דאָך מאַכט ער נאָך אַן אָנשטעל ווי אַ באָק אויפן דאַך — אַט אַזוי האָט ער געצילט אין דעם באַבערדלטן אָנקל סעם — ער וויל נאָך ניט!

— ניטגעדאַיגעט! האָט סיאַמקע אים געקלאַפּט אין פּלייצע — מ׳וועט אַנערקענען!

אַז די צייטונגען האָבן געבראַכט די נייעס, אַז אַמעריקע האָלט ביים אַנערקענען סאָוועטנלאַנד, זיינען אַלע אַרבעטער אין שאָפּ גע־שטאַנען אַרום טיש און זיך געקוויקט מיט די נייעס, וואָס סיאַמקע דער אַמבאַסאַדאָר האָט זיי פאַרטייטשט:

— איר ווייסט, ברידערלעך, דאָס האָט מען אונז אַנערקענט — און דערביי האָט ער אַ פיר געטאָן זיין האַנט אין אַ רינג אַרום, — מיר און דיר — אונז אַלעמען אפילע דיך אויך — האָט ער אין שפּאָס אָנגעוויזן צו כאַים־פּעסי.

— אָבער ס׳איז נאָך אַלץ ניט דאָס, וואָס דאַרף זיין, — האָט איינער אין דעם רעדל אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל, ווינקענדיג אויף כאַים־פּעסי, — וואו איז אונזער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר קיין רוסלאַנד?

— ניטגעדאַיגעט! — האָט שוין כאַים־פּעסי אַ געשריי געטאָן, — איצט קומט אַן אַמבאַסאַדאָר פון דער רעוואָלוציע — שפּעטער וועט קומען די רעוואָלוציע אַליין! ניטגעדאַיגעט!...

„דער נייער דיל"

(מאַנאָלאָג)

איר האָט עפּעס מישפּאָכע אין אַמעריקע? צו מיין מישפּאָכע איז גאָר ניטאָ קיין פאַרגלייך. וואו איך זאָל ניט אַ וואָרף טאָן אַ שטיין, וועל איך טרעפן אַן אַנקל, אַ שוואָגער, אַ קאָזין, אַ ברודער, אָדער גאָר גלאַט אַן אייגענעם.

אַ שטיקל צייט איז געווען ביי מיין מישפּאָכע ניט אַזוי אַי, אַי, אַי ווי איבעראַל, איז אויך אין מיין מישפּאָכע געווען אַביסל רייסערייען. ס'הייסט, עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט די קראַנקהייט פון דעם „איסטן"‏.... ניין, איך מיין ניט כאָלילע הוסטן, נאָר טאַקע „איסטן"! איר פאַרשטייט אַלץ ניט? גאָר פּאַשעט. דער זיידע האָט געהערט צו די מיזראַכיסטן, מיין שווער—צו די סאָציאַליסטן, מיין שוואָגער—צו די פּויאַלעי־ציעניסטן; אַ קוזינע מיינע — צו די אַנאַרכיסטן, איר כאָסן — צו די אוואַנטוריסטן; מיין ווייב — צו די קאָמוניסטן, מיין טאָכטער — צו די נודיסטן; דער זון מיינער—צו די פיוזיאָניסטן, די שנור — צו די ציעניסטן; מיין שוויגער — צו די פּאַציפיסטן און מיינער אַן אַנקל — צו די ווייסע־שאָוויניסטן. וועגן מיר אַליין פרעגט איר? איך געהער אָפיציעל צו מיין ווייב, אָבער אומאָפיציעל בין איך דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן.... פאַרשטייט זיך, אַז די קליינוואַרג האָט זיך געהאַט אַ באַזונדער „איסטן"־קראַנקהייט פאַר זיך. און דער קאַמף איז געגאַנגען אויף טיש און אויף ביינק.

ס'הייסט, אין די פריערדיגע יאָרן, ווען מענטשן האָבן נאָך געקענט מאַכן אַ לעבן און ניט דיינקען, איז אונזער מישפּאָכע געווען זייער אייניג. מיר האָבן אַלע מאָל ליב געהאַט צו וואוינען אין איין געגנד, און איינע פאַר די אַנדערע זיינען מיר געגאַנגען אין פייער און וואַסער. טאָמער כאָלילע איז עמיצער קראַנק געוואָרן אין אונזער מישפּאָכע, זיינען אַלע גלייך געווען אויף די פיס מיט מעדיצין, מיט הייסע „בעגס", מיט עקס־לאַקס, מיט קלעסטירס, מיט באַנקעס און טאַקע מיט די קרעכצן און וויינען. אין אונזער מישפּאָכע, אויב איינער

איז קראַנק געוואָרן, האָט מען אים ניט געלאָזן קרעכצן, אַפילו ווען ער איז געווען מיט אַ הונדערט און פופציג פיבער. אַלע האָבן גע־קרעכצט, גע׳אַי׳קעט און טאַקע געשוויצט פאַר אים.... און טאַמער האָט איינער אין דער מישפּאָכע געקראַגן אַ קרעמפּ, האָבן זיך אַלע געכאַפּט פאַר די בייכער....

אַז עס זיינען אָבער אָנגעקומען די נייע צייטן מיט נייע דילס, מיט קראַכן מיט קריזיסן און מ׳האָט שוין געמוזט נעמען דיינקען, איז מיט דער פראַגע פון די „איסטן" אין מיין מישפּאָכע געוואָרן טאַקע גאָר ניט פריילעך. ס׳הייסט, אַמאָל פלעגט מען זיך אויך ווען־ניט־ווען אַ דראַפּע טאָן. אָבער אינאַוונט האָט מען זיך צוזאַמען גע־מאַכט אַ קערטל, זיך איבערגעבעטן, און געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און ס׳איז געווען שאַ שטיל, ווי אַלץ אויף דער וועלט.

אָבער זינט מ׳האָט אַ ריע געטאָן אין דעם וועלט סמעטניק און עס האָט זיך גענומען „פּילן" אין די געשעפטן, אין די קעשענעס, האָבן אַלע זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די קעפּ. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס איז געוואָרן הימל, ערד און שטורם...

מיין שווער איז געווען אַ פיינער באַלעבאָס, מיט אַן אייגן הויז, אַן אייגן געשעפט, און דערצו אַ פיינער סאָציאַליסט. האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן, דאָס הויז געקראַכט, דאָס געשעפט פאַרמאַכט. האָט ער זיך אַריינגעקליבן צו מיר. דער זיידע — אויך דאָס איינענע. דער שוואָגער האָט זיך אויף אַ ווייַלע אַריינגעקליבן צו מיר אין אַ צימער ביז ס׳וועט ווערן בעסערע צייטן.... די קוזינע איז געקומען בלויז פאַר איין נאַכט נעכטיגן — איז זי פאַרבליבן אַ באַרדערקע. דער זון מיינער האָט פאַרגעשלאָגן צו נעמען גרעסערע רומס — און האָט זיך אויך אַריינגעקליבן. וואָס דער סאָף איז געווען קענט איר זיך ניט פאַרשטעלן. איך מוז אייך דאָס דערציילן.

מיין שווער האָט אויפגעהאַנגען אויפ׳ן וואַנט אַ בילד פון אייב קאַהאַן, דער זיידע — פון ווילנער גאָען, מיין זון — פון אַ פּאָליטישען, זיין ווייב — פון דאָקטאָר הערצלען, די קוזינע — פון עמאַ גאָלדמאַן, מיין טאָכטער — פון אַ נאַקעטן מענטשן. מיין ווייב, פאַרשטייט זיך, האָט שוין צווישן אַזעלכע פאַרשוינען קיין רעוואָלו־ציאָנערע בילדער ניט געוואָלט הייגגען. און איך? — איך האָב געפילט די ערשטע צייטן, ווי זיך אַליין אויפצוהייגגען....

די יונגוואַרג, פאַרשטייט זיך, האָבן געהאַנגען אויף די ווענט וואָס זיי האָבן געוואָלט: פּרייז־פייטערס, אַקטיאָרן, בייז־באָל שפּילער, שווימער, און טאַקע אויך פירער, פּאָליטישענס און מאַכער.

אַז קיין פּלאַץ איז שוין ניט געווען וואו צו הייגען אויף די ווענט, פלעגט מען הייגען איינע אויף די אַנדערע. אַזוי איז געגאַנגען מיין טאַכטער, די נודיסטן, און אויפגעהאַנגען אַ נאַקעטע מויד איבער דעם ווילנער גאָען. איז געקומען מיין זון, אַרונטערגענומען עמאַ גאָלדמאַן און אויפגעהאַנגען אַ פּאָליטישען. האָט געכאַפּט די קוזינע און אויפגעהאַנגען עמאַ גאָלדמאַן אויף אייב קאַהאַן'ען. האָט דאָס דערזען מיין שווער, האָט ער געכאַפּט דאָס בילד און אויפגעהאַנגען סאַמע אויבן־אָן, האָט גענומען מיין ווייב אייב קאַהאַנס בילד און אַריבערגעמופּט אין באָד־רום. די יונגוואַרג האָבן זיך געטאָן זייערס: אויף דר. הערצלען האָבן זיי אויפגעהאַנגען אַן אַקטריסע, אַן אַקטיאָר — אויף דעם פּאָליטישען, אַ בייז־באָל שפּילער אויף דעם זיידן, אַ פּרייז־פייטער אויף עמאַ גאָלדמאַן. מיט איין וואָרט, די בילדער אויף די ווענט האָבן זיך געביטן, ווי די פּראָגראַמען אין אַ מואָווי...

אַז עס איז געקומען אָוונט, איז זיך יעדער געקומען מיט זיין ציַיטונג. דער שווער איז אַריין מיט'ן „פאָרווערטס" און זיך צע־שפּרייט אויפ'ן טיש. דער זיידע איז אַריינגעקומען, האָט ער אַרונטער־געשאַרט דעם „פאָרווערטס" און זיך צעשפּרייט מיט'ן „מאָרגן זשורנאַל". האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און מיין זון האָט זיך צעשפּרייט מיט'ן „טאָג", און פון „מאָרגן זשורנאַל" איז שוין גע־פלויגן שטיקער אויפ'ן פלאָר. די קוזינע איז אַריינגעקומען מיט איר'ס אַ בלעטל און די טאַכטער מיט אַ „ניוס" און זיי האָבן שוין די אַנדערע אַרונטערגעשאַרט. און אַז מיין ווייב האָט זיך צעלאָזן מיט דער „מאָרגן־פרייהייט", זיינען שוין אַלע געלעגן אויפ'ן פלאָר און זיך געשפּילט מיט שטיקלעך פּאַפּיר, ווי מאַנקים אין אַ שטייג....

אַזוי פלעגט מען זיך רייסן, בייסן, אַנברויגעזן זיך און זיך אָוועקגעלאָזט צום ביכער־שראַנק נאָך אַ בוך צום לייענען. האָט דער זיידע אַנגעטראָפן אויף אַ טריף־פּאָסל אַ בוך, איז ער געפלויגן אין דר'ערד, און אַז מיין שווער האָט געכאַפּט אין האַנט אַ מעדרעש, איז ער געפלויגן אונטערן אויוון. דער סאָף איז געווען, אַז אין פינף מינוט איז דער ביכער־שראַנק געווען ליידיג. און דער יאַרד איז געווען אַנגעפילט מיט ליטעראַטור....

בא אזא איניען פלעגט זיך מיין ווייב ניט מישן, ווייל זי האט געהאט אירע ביכער פארשלאסן באזונדער. איך פלעג אבער ווערן דער אומפארטייאישער טשערמאן, ארונטערגיין אין יארד, צונויפ־קלייבן די ביכער און שאפן צוריק אין שראנק א פאראייניגטן פראנט...

אז אלע זיינען שוין געווען מיד פון קריגן זיך און רייסן זיך, האט זיך יעדערער אריינגעכאפט צו זיך אין צימער אריין. איך מיט מיין ווייב פלעגן דאן בלייבן אין קיך, ווי צוויי טויבן אויף א בוים.

מיטאמאל, דער זיידעניו, א געזונט אויף אים, צעלאזט זיך מיט זיין באסאווער שטימע: „יסמייכו, יסמייכו, בעמאלכוסא". מער ווי דאס האט מען ניט געדארפט. באלד האט זיך מיין שווער צע־לאזן מיט זיין שטימע, וואס האט געקלונגען ווי א סטים־אינדזשען, מיט זיין באליבט ליד: „שא, שא, דער רעבי גייט, אי, אי, דער רעבי גייט". ווערט מיין זון אן אנגעצונדענער און צעזינגט זיך: „מאי קאנטרי". אט אזוי האבן זיך פארוואנדלט אלע צימערן אין א מעשו־גאים־הויז. די שנור זינגט, „אויך לוי אוודא טיקוואסיינו", די טאכטער — „יעס סער, מאי בייבי, נאו סער, לאמטעדריידי", די קינדער זינגען אנדערע גאסן־לידלעך, און מיין ווייב ווייל אלעמען אריבער־שרייען, „אויף פינף אקעאנען זאל ווייען און פלאמען די פאן פון סא־וועטישן פלאט".

פארשטייט זיך, אז איך גיב איר א האנט און מיר גיבן זיי צוויי צו איינס, אבער פאלג מיר א גאנג און שריי אריבער אזא כאר, וואס זעט אוים ווי א שטורם־ווינט זאל ארונטער פון זינעז....

וואס איז דער סאף, פרעגט איר? איצט, זעט איר, קען אזעלכע זאכן אין אונזער מישפאכע ניט פאסירן. מיין ווייב, א לעבן אויף איר, האט זיי אלעמאל געזאגט: „קינדערלעך, אויב איר ווילט ניט לערנען פון בוך, וועט איר לערנען פון בויך. עס וועט אייך קרימען אין מאגן, וועט איר זיך דרייען דעם קאפ..."

מיין שווער ווייל שוין אנפאנגען ארבעטן אויף די עלטערע יארן, האט ער ניט וואו, און זיין „פארווערטס" האט אים געהאלטן אין איין פארזיכערן, אז עס קומען שוין בעסערע צייטן. איצט ווייל ער ניט א קוק טאן אויפ'ן „פארווערטס".

מיין זון האט געהאפט אויף א שטאטישן דזשאב, האט ער גע־קראגן ראמען שניי — איז דאס שוין אויך צעגאנגען....

די שנור מיינע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קלייבן שעקאַלים פאַר ערעץ־איסראַעל, האָט זיך שוין אויך אָפּגעשאָקלט פון זיי, זי ווייס שוין, לאַכט זי, אַז אַנשטאָט דער געאולע וועט קומען פון דאָרטן — א פייג אָן באָקסער.

די קוזינע, די אַנאַרכיסטקע, האָט דעם סיזאָן געקראָגן דריי מאָל רעדאָקשאָנס, פיר מאָל סלעק, און איינמאָל אַרויסגעוואָרפן — פאַר גוט.

איצט, זאָגט זי, ווייסט זי שוין, פאַרוואָס מ׳רופט די סאָציאַליס־טיש־אַנאַרכיסטישע פירער לאַקייען, גרעפטער, פאַרעטער און רע־קעטירער.

מיין טאָכטער איז געוואָרן אוים נודיסטן, ווען ביי איר האָט גענומען וואַקסן א בראָדעווקע אויפ׳ן אָרעם; און צו טראַכטן האָט זי זיך גענומען ווען איר אידישער באָס האָט איר דערקלערט, אַז ער גלייבט ניט קיין אידישע „הענט״...

אזוי האָט די גאַנצע מישפּאָכע דערפילט דעם „נייעם דיל״, אַז אפילע די יונגוואַרג ריידן שוין צווישן זיך, פאַרוואָס גייען די רייכע קינדער מיט גאַנצע שיך און זיי — מיט צעריסענע; פאַרוואָס האָבן די רייכע קינדער צו פרעסן, און זיי — ניט גענוג צום עסן.

צו וואָס אייך לאַנג ברייען, אַז זיי האָבן געעפנט די אויגן, האָבן זיי פאַרמאַכט דאָס מויל... איצט האָבן זיי שוין מיין ווייב גאַרניט וואָס צו זאָגן. און אַז זי ברייננט אַרויף א „מאָרגן־פרייהייט״, צי א „דיילי וואָרקער״, באַפאַלן זיי איר אַלע, ווי וועוורקעס א ניסל....

אויף די ווענט הייננען איצט בלויז צוויי בילדער: מאַרקס און לעניז, און מיין שווער וויל ניט אַנדערש, אַז סטאַלינס בילד זאָל שטיין ביי אים אויפ׳ן דרעסער.

די ביכער אין שראַנק ליגן איצט רואיג, דערפאַר אָבער מיין ווייב׳ס ביכער נאָשט מען — ווי סאָוועטישע צוקערקעס....

קומט צום זיננען, זאָג איך אייך, זיינען אַלע ווי איין כאָר, און איך, אַנשטאָט צו זיין אַן אומפּאַרטייאישער טשערמאַן, בין איך גע־וואָרן א גאַנצער דיריגענט....

וואָס פרעגט איר? וואָס מ׳זינגט? אַז מיין פּיאַנערל זאָל אויפ־שטיין אינמיטן דער נאַכט און אַנשטעלן דעם רעקאָרד אויפ׳ן פאָנאָ־גראַף מיט דעם „אינטערנאַציאָנאַל״, איז אין א סעקונדע מיין גאַנצע מישפּאָכע אויף די פיס... מיט די הענט אינדערהויך....

איר קענט זיי?

(א מאנאלאג פון א אידענע)

א גוט מארגן אייך, (שטעלט אוועק דאס פעקל מיט שפייז), וואס איר זאלט ניט זאגן אויף אונזער פרעזידענט, ער האט פארט אביסל אונז פארגרינגערט. איר זעט דאס פעקל? פריער האב איך געדארפט שלעפן פאר א דאלאר צוויי מאל אזוי פיל פון גראסערי. איצט? עס איז גרינג צו טראגן . . . פונקט א העלפט. . . .

דער גראסערימאן זאגט מיר, עס וועט ווערן נאך טייערער, וואס איז, „אינפלוענציע" (אינפלאציע), דער פרעזידענט האט געמאכט אזא קונץ, אז פון איין דאלאר איז געווארן צוויי, איר פארשטייט? איז פון דעם פעקל געווארן א העלפט. דעם עמעס געזאגט, זאל איך אזוי ניט וויסן פון קיין צארעס, ווי איך קען דאס ניט פארשטיין איך האב דאס טאקע אנומלטן געפרעגט בא א אידענע אין גראסערי סטאר. מיילע, זאג איך, דער וואס האט א דאלאר און מ'מאכט צוויי פון דעם איז אים גוט, אבער וואס איז מיר דער אונטערשייד, צי עס איז „אינפלו־ענציע", צי עס איז קאדאכעס מיט רעטעכלעך, אז ס'איז ניטא קיין צעבראכענע פעני אין הויז.

וואס זאל איך אייך דערציילן, די אידענע איז שוין גאר ניט געווען קיין אידענע, דאס איז א מענטש מיט א געשליפן צינגעלע. און זי האט מיר גענומען דערקלערן, אז די וועלט איז א פאסקודנע, און אין א מינוט האט זי א שפאן געטאן און געוויזן וואס עס טוט זיך אין אלע עקן וועלט. דאס וויים פון שפאניע און טערקיי און רוסלאנד און וויים וואס עס טוט זיך בא די יאפאנטשיקעס, און אפילע פון דער זון מיט דער לעוואנע, מיט איין ווארט, זי האט מיר דערלאנגט דעם הימל מיט דער ערד אפ'ן האנט. . .

פאר אייך, זאגענדיג דעם עמעס, האב איך ניט פארשטאנען די אלע זאכן וואס זי האט גערעדט, אבער מ'קען פארשטיין, אז דאס דארף זיין עפעס רעכטס. . .

אין קורצן אייך דערציילן, זי האט געמאכט פון פרעזידענט א גאר־

נישט און פון גאט א גארנישט שעבענארגישט, מיר אריינגערוקט א ביכעלע אין האנט און איז אוועק.

קומענדיג אהיים, דערציייל איך דאס מיין כאים'ען און גיב אים דאס ביכעלע. נא, זאג איך, אויף טשיקאוועסט, לייען דאס דורך.

כאפט ער א קוק און דערלאנגט זיך א קלאפ אין הארצן: „א בראך איז מיר, דו ביזט אריינגעפאלן אין די ריכטיגע הענט, דאס זיינען דאך די קאמוניסטן."

—„אזוי," זאג איך, „דאס זיינען זיי טאקע?"

זאגט ער מיר, „יע, נאר היט זיך פאר זיי".

מיילע, אין קורצן, אין עטלעכע טעג שפעטער טרעף איך ווידער די זעלביגע אידענע, און זי דערלאנגט מיר א בלעטל. איך כאפ א קוק, זי וויל פון מיר איין קלייניקייט, איך זאל סטאפן מילכאמעס. איך הערט כאטש, וואס מ'וויל פון מיר? נאר דאס איז נאך ניט אלץ. מ'לאדט מיך איין צו א מיטינג וואו איך זאל זאגן מיין מיינונג און לאזן הערן מיין פראטעסט.

וואס זאל איך אייך זאגן, איך האב זיך גוט צעלאכט.

איך האב אנומלטן געזאגט מיין לענדלארד ער זאל מיר פיקסן דעם קראן און פארלאטען דעם סילינג, פון וואנען עס הערט ניט אויף צו קאפען דאס וואסער. האט ער מיר געענטפערט:

—אויב איר גלייכט ניט די רומס, קענט איר פארן צוריק אין אייער שניפעשאק.

און אז איך זאג אמאל מיין כאימען ער זאל אויפהערן צו שפילן פינאקל און בעסער ארויסגיין מיט א קינד אין גאס, ניט ער מיך א מעסט אפ מיט די אויגן און ווערט פארשוואונדן ווי דער סיזאן היינטיגע צייטן . . .

נו, וואס זאגט איר אויף דעם,—זאל איך קומען סטאפן מיל־כאמעס?

פונדעסטוועגן האב איך גענומען דאס בלעטל, אריינגעלייגט אין קעשענע, און בין מיר אוועק אהיים.

אריינקומענדיג אין הויז, נעם איך ארויס דאס בלעטל און ווייז מיין כאים'ען.

—„זע," זאג איך, „בא דיר בין איך א אידענע, א גארנישט, אבער בא לייטן, זעסטו, בעט מען מיך צו קומען סטאפן מילכאמעס, מ'וויל זיך מעיאשעוו זיין מיט מיר, איך זאל לאזן הערן מיין פראטעסט.

מײַן כאַים האָט אָנגעקוקט דאָס בלעטל און זיך צעשריִען:

—„געוויס, בײַ זיי, בײַ די קאָמוניסטן, זײַנען אַלע מענטשן, און אַלע כאַכאָמים; בײַ זיי זײַנען שוואַרצע כאַווײַרים און ווײַבער פילאָ־זאָפן.“

ער האָט אויף גיך צענויפגעלייגט דאָס בלעטל, אַרײַנגעשטעקט אין קעשענע, דערבײַ מיר געוואָרנט מיט׳ן פינגער:

—„זאָלסט ניט דערוועגן זיך גיין צו זיי, ווײַל מיר דאַכט זיך, אַז די זשוליקעס ווילן דיך גאָר אײַנגאַנצן קידנעפּן און מער ווי דאָס פעלט מיר ניט.“ ער האָט דערבײַ נאָכאַמאָל אַ מאַך געטאָן מיט׳ן פינגער:

— „געדיינק, זאָג איך דיר, איך וועל זיי ניט געבן אַ פעני אויסלייז געלט פאַר דיר. . .“

איך האָב זיך צעלאַכט און אים באַרואיגט, אַז פאַר אַזאַ מעציע ווי איך דאַרף ער גאָר קיין מוירע ניט האָבן. אויב מ׳וועט מיך היינט קידנעפּן, וועט מען מיך מאָרגן ברײַנגען צוריק. . . .

וועגן מיטינג האָב איך אָבער באַשלאָסן בײַ זיך, אַז איך מוז גיין זען. מײַלע, אויב שטאַרבן, איז אײַנמאָל דער טויט. אַלע טאָג שטאַרבט מען ניט. אָבער איך מוז זען, ווי ס׳זעען אויס די רויטע, און וואָס פאַר אַ פּאָנים האָבן בײַ זיי די ווײַבער?

אייך זאָגן דעם עמעס, האָט בײַ מיר געקלאַפּט דאָס האַרץ. איך האָב אָנומלטן געלייענט אין אַ פּייפּער, אַז בײַ די רויטע מוז מען זיך מיט אַלץ צעטיילן; פון געלט לאַכן זיי, פון גאָט שפּאָטן זיי, און אַ רייכער האָט בײַ זיי אַ פּאָנעם ווי אַן אָרעמאַן אין מיזורעד־וואַנט. בעקיצער, איך האָב מיר אויסגעטאָן מײַן קעדושן־רינגל, מײַנע אוירינגלעך, אַוועקגעלייגט דאָס טײַסטערל מיט די פּאָר סענט אין הויז. איך האָב אַפילע זיך ניט צוגעפּודערט, אַז איך זאָל אויסזען אַביסל שענער, און אַזוי בין איך אַוועקגעגאַנגען אין האָל אַרײַן.

איר הערט, וואָס זאָל איך אײַך דערציילן, איך בין אַרײַן אין אַ האָל, איז דאָס די גרויס ווי מײַן גאַנצע שטעטל מיט׳ן קלויסטער צו־זאַמען. געטראָפן האָב איך דאָרטן שוואַרצע און ווײַסע, יונג און אַלט, מענער און פרויען, און טאַקע שיינע פרויען. מ׳האָט געזונגען און געשריִען און גערעדט. אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהערט.

מיט אײַנמאָל, אין מיטן זינגען, אַלע ווי זיך צוזאַמענגערעדט, גיבן אַ הויב אויף די הענט און פאַרמעסטן זיך ווי נאָר אַט גייען זיי

און קערן איבער די וועלט. פאר אייך זאגענדיג, איך בין געבליבן זיצן א פארציטערטע און האב אנגעפאנגען ווארפן מיינע אויגן אויף אלע זייטן זוכן דעם וועג אויף ארויסגיין.

דא, פארשטייט זיך, איז מיר קלאר געווארן וואס די רויטע זיינען און פארוואס מיין כאים האט מיך געווארנט. אבער בעפאר איך האב צייט געהאט א טראכט צו טאן פון ווידע, האט מען פארענדיגט זינגען און מ'האט זיך ווידער גענומען באזעצן אויף די פלעצער, און ווידער פרייליך. מיטאמאל, ווי א בליץ גיט מיר א פלי פארביי די אויגן, און איך דערזע פאר זיך כאימען.

וואס זאל איך אייך זאגן, קיינמאל אין מיין לעבן האב איך ניט געהאט אזא פרייד פון דערזען מיין כאימען, ווי דאס מאל...

—כאים, האב איך א געשריי געטאן, וואס טוסטו דא?

—איך בין, זאגט ער, געקומען זען די רויטע. אבער ווי קומסטו אהער?

— וואס טויג דיר, זאג איך, די פראגעס. זאג מיר בעסער וואו איז דיין וואטש און טשיין?

האט ער זיך צעלאכט מיט א ווילד געלעכטער און מיר ארייג־גערוימט א סאד:

—וואס דיינקסטו, זאגט ער, בין איך? עפעס א גרינער? איך וויים דאך, זאגט ער, וואו איך גיי, איך האב דאך געלייענט אין די פייפערס, אז די רויטע ווילן נאר מ'זאל אלץ צעטיילן,, האב איך אלץ מיט אנאנדער אפגעשטעלט אין הויז. און איצט זאלן זיי מיר עפעס טאן.

באם ארויסגיין, אה! אה! אויב זיי האבן ניט געהאט וואס פון אונז צו נעמען, ווילן זיי כאטש נעמען דעם אדרעס.

פון אנפאנג האט ער זיך געשראקן און טאקע ניט געוואלט געבן דעם אדרעס. זאג איך מיין כאימען: — נאראסא, שרעק זיך ניט, ביי זיך אין הויז ביזטו נאך באלעבאס.

אקלאל, מיר האבן זיי געגעבן די אדרעסן. זאגט מען כאימען ער זאל ווערן א מעמבער אין „איקאר"; מיר זאגט מען איך זאל ווערן א מעמבער ביי די פרויען־קאנסולס. טראכט איך מיר, זאלן מיר זיך נאר ארויסכאפן פון דאנען, וועלן מיר שוין זען וואס איז דאס פאר א נעמען, און ווער נאך קומט דארט צו זיי. און אזוי טראכטנדיג האט מען אונז אין געדראנג ארויסגעשטופט מיט די אנדערע טויזענטער אין

גאַס און באַגלייט ווידער מיט זינגען און שרייען, „ווי וואַנט אינ־שורענס", ווי וואַנט דאַס, ווי וואַנט יענעמס", מיט איין וואָרט, זיי האָבן דעם אָרעמאַנ׳ס כיישעק, אַלץ ווילן זיי...

וואָס ווילט איר וויסן, ווי מיר האָבן אָפּגעשניטן? זייער שלעכט. מיר קומען אַהיים, אַן אומגליק, אַ בראַך האָט אונז געטראָפן. גאַנאַווים האָבן זיך אַריינגעבראַכן אין הויז און מ׳האָט צוגענומען די אויערינגלעך, דעם קעדושן־רינגל, כאַים׳ס זייגער און קייטל, מיין טייסטערל מיט דאָס קליינגעלט. מ׳האָט אונז אויסגערייניגט דאָס הויז...

—כאַים, גיב איך אַ פאַרברעך מיט די הענט, איצט זעסטו שוין אויף וואָס מ׳האָט באַ דיר גענבעטן דעם אַדרעס?

—ניין, זאָגט ער, ער זעט ניט, ס׳איז אים פינסטער אין די אויגן.

—איצט אָבער זעסטו שוין?—זאָגט מיר מיין כאַים—אַ אידענע וואָס פאָלגט ניט דעם מאַן מוז האָבן אַ פינצטערן סאָף.

— מיילע, זאָג איך, דאָס שרייען וועט שוין איצטער דיר גאַרניט העלפן. מ׳מוז גיין אין די צייטונגען מאַכן אַ טומל, אַ געוואַלד. זאָלן זיי כאָטש האַנדלען ווי זיי זאָגן. אויב צעטיילן — איז צעטיילן. זאָלן זיי כאָטש צוריקגעבן אַ העלפט.

— ניין!—צעקאָכט ער זיך—אינגאַנצן, אינגאַנצן וועלן זיי מוזן צוריקברענגען די אַלע זאַכן, איך בין נאָך ניט קיין קאָמוניסט וואָס איך זאָל זיך מיט זיי טיילן. איך וועל זיי איבערגעבן צו דער פּאָליציי, אַז דער קלאָג וועט זיי נעמען.

פון אויפרעגונג האָב איך אים אַ גאַנצע נאַכט געמוזט לייגן קאָמ־פּרעסן און ער האָט מיר געליינט כאַליערעס אַלעמאָי איך האָב זיך און אים פאַרפירט צו די קאָמוניסטן.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? גערופן האָט מען מיך צו סטאָפּן מילכאָמעס אויף דער וועלט. דערווייל האָב איך געהאַט די ריכטיגע מילכאָמע אין הויז...

—איר פרעגט, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט?

—הערט און שטיינט. אויף מאָרגן אינדערפרי, מ׳קלאַפּט אין טיר. איך עפן אויף, און ווער מיינט איר קומט אַריין? די זעלביגע צוויי בעוורע וואָס האָבן פאַרשריבן אונזערע אַדרעסן.

—כאַים—זאָג איך—מיר האָבן די דזשולערי.

ניט טויט, ניט לעבעדיג איז כאַים אַריינגעלאָפן אין די פּאַר־זשאַמעס, אָנגעקוקט די צוויי פאַרשוינען:

—הערסט—גיט ער א פאַכע מיט'ן פינגער—קיין טיילן זיך. איך וויל מיין וואַטש און טשיין מיט יעדן רינגעלע.

די צוויי כעוורעליט האָבן אונז אָנגעקוקט און איבערגעפרעגט נאָכאַמאָל, צי דאָס זיינען מיר טאַקע די וואָס האָבן נעכטן געגעבן די אַדרעסן בא דעם מיטינג.

ווער איך שוין אין קאַעס און צעשריי זיך: — וואָס מאַכט איר פאַר אַן אַנשטעל? איר ווייסט נעבעך ניט? בעסער ליינט גלייך אַוועק די דזשולערי, איידער מיין כאַים קומט אַריין אין קאַעס.

—נו, וואָס זאָל איך אייך דערציילן, האָט איינער פון דער כעוורע צעעפנט אַ מויל, אַז כאַים האָט זיך אַוועקגערוקט אין איין ווינקל, איך אין אַ צווייטן. און ער האָט גערעדט:—מיר זיינען די וואָס קעמפן געגן גאַנאַווים, רויבער און שווינדלער. ווי פאַלט אייך איין צו באַשולדיגן אונז אין גענייוווע?

אין דעם שרייען טוט מען אַ קלאַפּ אין טיר. איך עפן, און עס קייקלט זיך אריין אַ פּאָליסמאַן.

אַז מיין כאַים האָט דערזען דעם פּאָליסמאַן, גיט ער זיך גלייך אַ לאָז צו די צוויי כעוורע־לייט און הייסט דעם פּאָליסמאַן ער זאָל זיי טאַקע גלייך אַרעסטירן.

דער פּאָליסמאַן האָט דערקלערט, אַז אַרעסטירן די צוויי יונגעלייט דאַרף מען ניט, וואָרום ער איז געקומען מעלדן, אַז מיר זאָלן גיין אָפּ־נעמען די דזשולערי, ווייל די גאַנאַווים זיינען נעכטן ביינאַכט ניט ווילענדיג אַריינגעפאַלן און זיי האָבן זיך מודע געווען.

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן, ווען מיין כאַים איז ניטאָ דערביי, וואָלט איך די צוויי כעוורע־לייט אַ קוש געטאָן אין שטערן און געבעטן מעכילע, נאָר סיי ווי, מיין כאַים איז שוין ווייכער געוואָרן, געבעטן זיי צו זיצן, אונז אַלץ דערציילן. און וואָס דאַרף איך לאַנג ריידן,—מיר האָבן זיי צוגעזאָגט צו ווערן מעמבערס. (הויבט אויף דאָס פּעקל מיט שפּייז ווי צום גיין).

—אַנטקעגן וואָס איך דערצייל דאָס אייך אַלץ? דאָס איז מיר טאַקע פון זינען אַרויס.

— הערט, איר קענט זיי, די קאָמוניסטן? עפּעס פיינע מענטשן? וואָס זאָגט איר וועגן זיי? מיר דאַרפן דאָס היינט גיין צו אַ מיטינג.

— איר קענט זיי גוט?

מיט אַ קלאָג צו גאָט

אזוי גיך, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געגומען דורכצופירן זיין פּלאַן, איז אַ שרעק אָנגעפאַלן אויף אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. און ניט נאָר אויף זיי, נאָר אויך אויף די בעהיימעס, כאַיעס און שראָצים, וואָס האָבן זיך ארומגעדרייט אין סאָוועטן־לאַנד...

די סיבע איז געווען גאַנץ פּאַשעט: דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז קאָמוניסטן רעדן ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר זיי וועלן דאָס טאַקע טאָן.

און די קאָמוניסטן האָבן זיך טאַקע גענומען טאָן. דאָס ערשטע האָבן זיי גענומען בויען ריזיגע קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, און דורך דעם קאַליע געמאַכט דאָס פּריוואַטע געשעפטל... צווייטנס, האָבן זיי גלייך גענומען איינפירן אויטאָמאָבילן אַנשטאָט דעם פערד־און־וואָגן, אָפּגעשאַפט דעם אָקס און די סאָכע און איינגעפירט דעם טראַקטאָר, אויפגעבויט מאָדערנע הייזער מיט אַ געזונטן פונדאַמענט, מיט מאָדערנע איינריכטונגען, און מיט דעם אָפּגעשאַפט די מייז־לעבער און די רינשטאָקן.

מ'האָט זיך אויך גענומען בויען לופט־שיפן און פירן מיט זיי מאַסע, און דערמיט באַזייטיגט דעם אייזל... מ'האָט אַוועקגענומען די מאַיאָנטקעס פון די פריצים און איינגעפירט „קאָלעקטיוויזאַציע" צווישן די פויערם, און פאָטער געוואָרן פון די פריצים מיט די פריציִשע הינט...

מיט איין וואָרט: די שוואַרצע און געלע האָבן דערפילט, אַז זיי גייען אונטער. ניטאָ מער פאַר זיי קיין פּלאַץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

האָבן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן גלייך פאַררופן אַ מאַס־מיטינג פון אַלע כאַיעס, בעהיימעס, און שראָצים און זיך גענומען אָרגאַניזירן צו באַקעמפן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט זיינע פּלענער.

פאַר דעם צוועק איז גלייך אויסגעקליבן געוואָרן אַ גאַלעד, אַ ראָוו, אַ פּאָפּ, אַ פּאָליטישען, אַ פערד און אַ טכויר. און זיי זיינען אַוועק מיט אַ קלאָג צו גאָט...

האָט גאָט זיי אויסגעהערט און דערקלערט, אַז ער וועט אויף־

נעמען יעדע „קלאָגע” באַזונדער.

די ערשטע האָבן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן גענומען דאָס וואָרט:

— טייערער גאָט פון אַלע בעהיימעס, כאַיעס און שראָצים! מיר האָבן אַלע געגלויבט אין דיר, אַכטונג געגעבן אויף דיינע געשעפטן און אויפגעפּאַסט אויף דיין קרעמל.... איצט, גאָט אין הימל, גיב אַ קוק וואָס די קאָמוניסטן מאַכן פון אונז.

האָט גאָט אויסגעהערט זייערע רייד, זיך אַ גלעט געטאָן איבער דער באָרד און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

קינדערלעך, שוואַרצע און געלע, זייט וויסן, אַז סאָוועטן־לאַנד איז אַ זינדיק לאַנד, און לעבן אין אַ זינדיק לאַנד איז ערגער ווי אין געהענעם. דערפאַר דערגייט די קאָמוניסטן די יאָרן, און זיי וועלן אייך סאָף־קאָל־סאָף מוזן אַרויסשיקן אין גאַן עידן אַריין...

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האָבן גאָט געדאַנקט פאַר דער עיצע און זיך גלייך אַ נעם געטאָן צו זייער שוואַרצער אַרבעט... און זיי פירן אויס: די מערסטע פון זיי האָבן שוין זייער מאָקעם מענוכע אין גאַן עידן...

האָבן די כאַיעס, בעהיימעס און שראָצים דערזען גאָט'ס מאַכט, האָבן זיי גענומען לויפן צו גאָט און זיך צעשטעלט אין דער ריי: אַ כאַזער, אַ פערד, אַן אָקס, אַן אייזל, אַ קאַץ, אַ טכויר, אַ מויז, אַ הונט און נאָך אַנדערע באַשעפענישן, אַפילע אַ לויז האָט זיך אויך געשטעלט אין דער ריי.

דער ערשטער האָט אַ ריטשע געטאָן דער כאַזער:

— אַלגעמיינער גאָט פון אַלע כאַזיירים! וואָס טוט מען, וואָס? אונז כאַזיירים איז אַלעמאָל אזוי גוט געווען אין רוסלאַנד. מיר האָבן געלעבט אַ כאַזערשן טאָג. וואו מיר זיינען געגאַנגען איז געווען פאַר אונז אַ רינשטאָק, בלאָטע און שמוץ... און היינט? ווייִ איז אונז. ניטאָ מער קיין רינשטאָק, ניטאָ מער קיין בלאָטעס. זיי, די קאָמוניסטן, האָבן אויפגעבויט מאָדערנע הייזער, און מיר האָבן איצט ניט וואו אַ שנוק אַריינצורוקן...

גאָט האָט אַ דריי געטאָן אַ פּעיע און אַ געשריי געטאָן:

— כאַזיירים, האָט סייכל! ווערט אימפּעריאַליסטישע פירער, און וואו נאָר איר קענט אַריינרוקן אייער שנוק, רוקט אַריין, און זאָלן די קאָמוניסטן וויסן...

— נעקסט, האָט גאָט אַ רוף געטאָן.

דער פערד האָט זיך צעהירזשעט און גענומען דאָס וואָרט:

— גאָט פון אַלע פערד! ווי דו קוקסט אונז אָן, זיינען מיר אַלע מאָל געשטאַנען אין וואָגן און געפירט די גרעסטע מענטשן... און היינט — ווײַ איז אונזער פערדישער וועלט! זינט די קאָמוניסטן האָבן זיך גענומען צו דעם פינף־יאָר פּלאַן, האָבן מיר מער קיין ווערט ניט. קיינער רעכנט זיך ניט מיט אַ פערד. די רעדער דרייען זיך אַליין און אונז פערד האָט מען אין דער ערד...

גאָט האָט זיך אַ וויש געטאָן די נאָז מיט זיין בלויער נאָז־טיכל, און אַ פּאַטש געטאָן אָן אַ זייט, זיי איינראַמענדיג אין אויער:

— פערד, ווערט שרייבער אין די געלע און שוואַרצע צייטונגען און ברוקעט אין די קאָמוניסטן ווי פערד קענען...

די בעהיימעס האָבן זיך איבערגעוואונקען און שטיל צוגעפּאַטשט מיט די פיס.

דער אָקס האָט געקראָגן דאָס וואָרט:

— ליבער גאָט פון אַלע אָקסן! ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אַלע מאָל געגאַנגען ווי עס דאַרף גיין אַן אָקס אין דער סאָכע. זיינען געקומען די באָלשעוויקעס מיט זייערע פּלענער און האָבן אוועקגע־שטעלט טראַקטאָרס אויף מיין פּלאַץ. און איך אָקס האָב קיין אָרט ניט מער... ניטאָ מער פאַר מיר קיין אַרבעט.

גאָט האָט אַריינגערוקט דעם גראָבן פינגער אין קאָמזויל, און האָט בייז זיך צעשריען:

— אָקסן! ווערט קאָרעספּאָנדענטן פאַר די אַמעריקאַנישע געלע צייטונגען און איר וועט דורך דעם נאָך מער פאַרגרעסערן אייער אָקסן־מישפּאָכע איבער דער גאַנצער וועלט... און די קאָמוניסטן וועלן וויסן, אַז אָקסן מוזן בלייבן אָקסן...

— בראַוואָ! — האָבן אַלע בעהיימעס זיך צערעוועט. דער אייזל האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די לאַנגע אויערן, און איז צוגעלאָפן צו גאָט:

— גוטער גאָט פון אַלע אייזלען! זיי וויסן, אַז איך בין שוין אַן אייזל מעקאָמאָ שאָנים וועשאָנים, אַפילע מיין טאַטע, מיין זיידע און עלטער זיידע זיינען געווען אייזלען... און היינט דאַרף איך מיט מיינע אויערן זיך פאַרשטעלן די אויגן פון מיין אייזלשן קאָפּ, קעדיי

איך זאָל ניט דאַרפן זען ווי אַז עראָפּלאַן זאָל פירן מיינע פּעקלעך. איך וואָלט דאָך אים צעריסן, ווען איך קען אים דערגרייכן...

גאָט האָט דעם אייזל אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן אויער:

— אייזלען! גייט גלייך אַריין אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איר וועט האָבן אויף זיך גענוג פּעקלעך צו טראָגן...

די קאַץ איז אונטערגעשפּרונגען און זיך צעמיאַקעט:

— גאָט פון אַלע קעץ! זע וואָס די קאָמוניסטן האָבן געטאָן צו אונז — אַמאָל האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד נאַרעס, זיינען געווען מייז. האָבן מיר געהאַט וואָס אַ כאַפּ צו טאָן... טאָמער ניט, האָבן מיר אַזוי געהאַט שיראַים, אַביינדל אָפּצולעקן. אָבער היינט כאַטש שטאַרב פון הונגער — ניטאָ וואָס אַ לעק צו טאָן...

גאָט האָט אַ גלעט געטאָן די קאַץ און איר געראָטן:

— קעץ, ווערט רעדאַקטאָרן אין די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען און איר וועט האָבן גענוג טעלער צו לעקן ביי אייערע באַלעבאַטים...

די לויז האָט אַ קריך געגעבן פאַראויס און אָנגעהויבן צו שעפּטשען אויף איר לויזן־שפּראַך:

— גאָט פון אַלע לייז־און לויזער! ווי קענסטו צוזען אונזער צאַר. די קאָמוניסטן האָבן צעשמעטערט אונזער היים. אַמאָליגע צייטן האָבן מיר זיך געוואָרימט אין די פּעיעס, אין די בערד, אין די פאַרשמאַלצענע יאַרמולקעס, און איצט זיינען מיר היימלאָז און „באָרדלאָז“... לעניז זייערער האָט זיי געהייסן: „ראָט אוים די לויז, אַז ניט וועט די לויז דיך אויסראָטן“. מאַכן זיי טאַקע אַ טעל אוילאָם פון אונז.

גאָט האָט זיך אַ קראַץ געטאָן און געגעבן אַ באַפעל:

— לייזעלעך, גייט און ווערט קלעי קוידעש, און וואו איר קענט אַ בים טאָן אַ קאָמוניסט, בייסט און זאָלן זיי זיך האָבן צו קראַצן פון אייך...

דער טכויר האָט זיך אַ רוק געטאָן פאַראויס און זיך גלייך געלאָזט הערן...

— גאָט פון אַלע טכוירן, פאַרנעם אונזער געבעט. ביז איצט האָבן מיר געקאָנט טאָן אין רוסלאַנד וואָס מיר האָבן געוואָלט, אומעטום האָבן מיר זיך געקענט אַריינכאַפּן, און טאָן „אונזערס“...

היינט אָבער היט מען אונז, און מען „דערשמעקט" גלייך וואו מיר געפינען זיך...

גאָט האָט אים אויסגעהערט און אַ וויַיז געטאָן מיט'ן פינגער:

— טכוירן! ווערט רענעגאַטן און גיט די קאָמוניסטן צו „פילן"... אייער מאַכט...

— הוראַ! האָבן אַלע געטאַנצט פאַר פרייד. און די מויז האָט גענומען דאָס וואָרט:

— גאָט פון אַלע מייז און ראַטן! ווי דו ווייסט שוין זיינען מיר יאָרן לאַנג געלעגן אין די מייז־לעכער. איצט זיינען געקומען די קאָמוניסטן מיט זייער פינף־יאָר פּלאַן און אויפגעבויט הייזער מיט אַ געזונטן פונדאַמענט... און פאַר אונז זיינען אַלע לעכער פאַרשטאָפּט געוואָרן, כאָטש נעם און פלי זיך אַריין אין דער פּאַסטקע...

— גענוג, — האָט גאָט אויסגערופן.

—ראַטן, ווערט שפּיאָנען, און איר מייז, האַלט זיך אין די לעכער. היט די קאָמוניסטן. זייט גוטע דעטעקטיוום און סקעבס...

— גרויסאַרטיג! — האָבן די כאַיעס, בעהיימעס און שראַצים געטרייסלט מיט די מאַרדעס.

אין דעם איז ווילד צוגעלאָפן דער הונט און האָט זיך שטאַרק צעבילט:

— הינטישער גאָט! או, או, או. וואָס טוט מען, וואָס? פאַר יאָרן לאַנג האָבן מיר, הינט, געשפּילט אַ ראָלע אין רוסלאַנד און זיך טאָמיד געלאָזט הערן. אין די צאַרסקע צייטן האָבן מיר, הינט, פאַר־נומען אַן אויבן־אָן. מיר האָבן שטענדיג באַוואַכט אונזערע באַלע־באַטים. ביי אַלע פּריצישע הויפן זיינען מיר געשטאַנען. און היינט טאָרן מיר הינט אַ מויל ניט עפענען. די הויפן האָט מען צוגענומען, די טויערן האָט מען מיט שלעסער באַזאָרגט און מיר הינט זיינען גע־בליבן אין דרויסן...

גאָט האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייַלע און געבורטשעט אונטער דער באָרד:

— אָך, ווי הינטיש בלוט איז דאָס געוואָרן העפקער. ער איז געוואָרן בייז און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן פוס אין הימל.

— הינט, אָרגאַניזירט זיך אין פאַשיסטן, ציוניסטן, און נעמט זיך צו דער אַרבעט טאָמיד צו בילן אויף די קאָמוניסטן. און אויב איר

וועט אַרבעטן געטריי, וועט איר קענען האָווקען טאָג און נאַכט...

די כאַיעס, בעהיימעס און שראַצים האָבן גלייך אָפּגעזונגען אַ לויב־געזאַנג פאַר זיין גרויסן נאָמען.

איצט, ווען עס ווערט דערמאָנט דער דערפאָלג פון סאָוועטן־לאַנד, צעלאָזט זיך די קלעי־קוידעש, צעכריוקעט זיך דער כאַזער, צעהושעט זיך דאָס פערד, צערעוועט זיך דער אָקס, צעהירזשעט זיך דער אייזל, צעמיאַקעט זיך די קאַץ, „צעלאָזט" זיך דער טכויר, צעקוויטשען זיך די מייז און עס צעקריכן זיך די לייז. און די הינטישע מישפּאָכע רייסט זיך אָפּ פון די קייטן און צעהאָווקעט זיך, כאָטש הימל עפן זיך:

— גוואַלט! וואָס טוט מען צו צעשטערן די סאָוועטן מיט זייערע פּלענער?

„קעיק"

(א „וויסענשאפטליכע" מאיסע אז „וויסן")

ווי איר זעט מיך לעבן, אז עס איז שוין בעסער צו געבן פעטש, ווי ארומצופארן און געבן לעקציעס. פארשטייט זיך, אז ווען מ׳גיט פעטש, דארף מען אויך דערווארטן צוריקצוקריגן, אבער דאך — ווי זאגט מען — א פאטש פארגייט און א ווארט באשטייט.

דערפאר וואלט איך ניט געוואונטשן קיין סוינע אפילו צו זיין א גאסט און געבן וויסענשאפטליכע לעקציעס. און די הויפטזאך — די ענטפערס אויף די פראגן.

קאידעמקאל דארפט איר ענטפערן אויף אלע געראטענע און ניט־געראטענע פראגן, אין שייכעס צו דער לעקציע, ווארום אז אינטעלי־גענטער מענטש דארף און מוז אלץ וויסן, איבערהויפט, אז מ׳קומט פון א גרויסער שטאט.

ערשט נאך דער לעקציע הויבט זיך אן א סעדרע פראגן פונדאסניי, און איבערהויפט — ווען איר זייט נאך א גאסט אין א פרעמדער שטאט.

איינער פרעגט: צי די ברוקלין בריק הייגגט נאך אלץ אין דער לופטן. א צווייטער פרעגט: איז דאס עמעס, אז מ׳פארט שוין אין ניו־יארק מיט אן עראפלאן צו דער ארבעט, און אז אויב איינער האט ניט קיין „פלי־פעיר" כאפט ער זיך ארוים מיט זיין רעגן־שירם — און א גוטן?

אט־אזוי ווערט איר באהאגלט מיט פראגן אויף פראגן.

א צווייטע צארע איז, וואס מיט יעדער פראגע קומט אויך א שאלעם־אלייכעם. זעט איר, דער שאלעם־אלייכעם איז שוין באלד גע־פערליכער ווי די פראגן. ווארים שטעלט אייך פאר, אז דער לעקטאר דארף האלטן זיין האנט שטענדיג גרייט, ארויף־און־אראפ. איר טראכט דעמאלט, אז ס׳וואלט געווען א גוטער איינפאל, ווען דער גאסט זאל האבן לעבן זיך הייגגען א הילצערנע האנט, איינגעארדנט מיט א שטריקעלע אין קעשענע, און ווען איינער קומט צו מיט א שאלעם־אלייכעם, זאל ער א ציי־טאן דאס שטריקל, און די הילצערנע האנט זאל ענטפערן „אלייכעם־שאלעם".

אבער נאך געפערליכער פאר די שאלעם־אליכעם׳ס זיינען די איינלאדונגען צו די באנקעטן. דאס, זעט איר, איז שוין, ווי איינער וואלט אייך דערלאנגט א שאלעם־אליכעם מיט א פראגע צוזאמען.

שטעלט אייך פאר: איר קומט צו א באנקעט, און צום באנקעט האט מען איינגעלאדן אלע מיטגלידער און פריינט פון דער ארגאניזאציע, אז זיי זאלן ברענגען קעיק. נו, ווי מיינט איר? עמיצער וועט וואגן זיך אפזאגן פון ברענגען קעיק צו העלפן מאכן די אונטערנעמונג דערפאלגרייך?

ברענגט מען קעיק: ספאנדזש־קעיק, טשיז־קעיק, מאן־קעיק, טשאקאלאד־קעיק, קאפע־קעיק, געפילטע־קעיק, רייזן־קעיק אראנדזש־קעיק, נאט־קעיק, האניג־לעקעד, שטרודל, אייער־קיכלעך רונדע־קיכלעך סקווער־קיכלעך, לאנגע־קיכלעך, קעיק מיט סטראבערים, קעיק מיט עפל, קעיק מיט קעיק און גלאט קעיק.

איז קלאר: אז מ׳באקט קעיק, איז דאס צום עסן. מוז טאקע דער גאסט פארזוכן, ווארום, וואס מיינט איר, מהאט דאס עפעס געבאקט פון אייערטוועגן?

צעשטעלט זיך א „ליין", וואו מ׳טראגט־צו „סאמפלס": „פארזוכט נאר דאס שטיקעלע קעיק, ס׳צעגייט אין מויל" — זאגט איינע. „גיט נאר א ביס דאס שטיקעלע שטרודל" — זאגט א צווייטע, — איר וועט פילן אלע טאמים".

א דריטע לויפט פאראויס: „איר ווילט פילן טאם גאן־עידן? נעמט א קיכעלע פון מיינע, דאס איז אייגענע געבאקטע".

א פערטע ווארט שוין ניט ביז מ׳וועט נעמען, נאר גיט דעם גאסט א רוק אריין א שטיק טשאקאלאד־קעיק גלייך אין מויל אריין און מאכט אים דערביי א דעקאראציע אויפ׳ן פאנים.

א פינפטע נעמט זיך שוין אן זיין קריוודע און שטופט יענער אוועק אין א זייט, באמערקנדיג: „איר דארפט דאך ניט פאקן אייערע קעיק יענעם מיט געוואלד. און אויב שוין עסן קעיק, און טשאקאלאד־קעיק, וועט שוין אונזער גאסט פארזוכן גראד מיינע, ווארים מיינע איז אינגאנצן פון אייער־טשאקאלאד און קרים".

אבער דער גאסט פאספייעט נאך ניט אנצוקוקן די קעיק, וואס איז אינגאנצן פון אייער־טשאקאלאד און קרים, — און עס איז שוין דעקארירט די צווייטע זייט פון פאנים מיט טשאקאלאד.

דער גאַסט איז אָבער מיט דעם נאָך ניט פאַרטיג. די וואָס קאָן ניט צוקומען גלייך צו אים אין מויל אַריין, לייגט אַזוי אַוועק לעבן אים אַ שטיקעלע קעיק און פאַרגעסט ניט אים צו דערמאָנען:

— איר זאָלט דאָס אויפעסן, איר הערט? דאָס איז אייגענער־געבאַקטע.

אַזוי־אַרום וואַקסט אויס אין עטלעכע מינוט אַ פּיראַמיד, אַ כינעזישע וואַנט פון קעיק — אַ וואַנט, פון וועלכער עס סטאַרטשען אַרויס סטראָבערים, עפּל, ניס, אייז־קרים, פלוימען און טשאָקאָלאַד. מיט איין וואָרט: אַ וואַנט, וואָס רינט מיט כּאַלעוו און דוואָש, און בעט זיך: טייערער גאַסט, גריזשע די וואַנט!...

ערשט נאָך דעם אָוונט טראָגט מען אים צו אַ שיין פּעקעלע: נאָט אייך, טייערער פריינט, וועט איר מיר האָבן צו גערדיינקען.... אַ שטיקעלע קעיק, אַזאַ געזונט אויף מיר — איר וועט האָבן אויפ'ן גאַנצן וועג צום עסן....

ווי איר זעט, איז אַפילע אַ לעקטאָר גאָרניט זיכער, אַז פון אים זאָל ניט ווערן אַ שטיק קעיק, ווי פון לויט'ס ווייב אַ שטיק זאַלץ, סיידן ער זאָל אַרויסהייגען אויף זיך אַ גרויסן סיין, אַז ער ליידעט פון צוקערקראַנקהייט...

איינער אַ לעקטאָר האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט פאַר דעם צוועק זיך געשאַפן אַ מייסעלע וועגן "די פראַגן, שאָלעם־אַליכעמס און קעיק", און וואו ער קומט אין אַ שטאָט, איז די ערשטע זאַך דערציילט ער זיי דאָס מייסעלע.

נאָר פונדעסטוועגן — זאָגט ער — איז ער נאָך גאָרניט זיכער. אַז ער וועט ניט שטאַרבן מיט אַ זיסן טויט... וואָרים אין דער ערשטער שטאָט, וואו ער האָט אָנגעהויבן דאָס מייסעלע מיט די "קעיק פראַגן און שאָלעם־אַלייכעמס", האָבן זיך עטליכע פון די מיטגלידער אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז איינער האָט באַלד געשטעלט אַ פראַגע: וואו קאָן ער קריגן דאָס מייסעלע? אַ צווייטער איז צוגעלאָפן און אים דערלאַנגט אַן אייזערנעם שאָלעם־אַלייכעם פון באַגייסטערונג, און איינע פון דער קאָמיטע, וואָס איז געווען פאַרנומען אין קיך מיט צוגרייטן טיי מיט קעיק, איז אַריינגעלאָפן מיט אַ שפּיץ קעיק אין האַנט און זיך צעשריען:

— פאַר דער מייסעלע זייט איר ווערט דעם גאַנצן שפּיצל קעיק,— און זי האָט דאָס אים גלייך אַריינגערוקט אין מויל אַריין.

ווי עס זעט אויס פון די צאָרעס מיט די פראַגן, קאָן נאָך די פראַגע געלייזט ווערן. די דריקעניש פון די שאָלעם־אַלייכעמס קאָן מען ווי־עס־איז אָוועקמאַכן מיט דער האַנט... אָבער, זעט איר, די קעיק־פראַגע — דאָס איז אַ ביטערע מייסע...

אויס קריזיס

— אַ גוטער מאָרגן אײַך, — קלאַפּט מיר אָן מײַן לענדלאָרד אין טיר, — וואָס הערט זיך מיט רענט?

— וואָס זאָל זיך הערן, — זאָג איך, — דאָס זעלבע וואָס לעצטן מאָנאַט, כ׳האָב ניט.

— וואָס הייסט דאָס? — כאַפּט מײַן לענדלאָרד אַרויס אַ צײַטונג פֿון קעשענע, — ט׳איר ניט געזען די „פּייפּערס". שוין אויס קריזיס! איר׳ט שוין צאָלן רענט, עט־איר שוין!

— וואָס טויגן מיר די „פּייפּערס", — צעלאַך איך זיך, — אַז מ׳קען די פּייפּערס ניט אויסבײַטן. און מאָלע וואָס די „פּייפּערס" שרײַבן. אויב אײן „פּייפּער שרײַבט, אַז ס׳איז שוין אויס קריזיס, האָט זיך ביי אַ צווייטן „פּייפּער" דער קריזיס נאָך ניט אָנגעהויבן.

— אַזוי גאָר! — צעקאָכט זיך דער לענדלאָרד, — דאָס, וואָס אַ פּרעזידענט זאָגט, איז ביי אײַך גאָרניט? און דאָס, וואָס „פּייפּערס" שרײַבן, גלויבט איר אויך ניט, עט׳איר טאָקע אַזוי גוט זײַן און מיר געבן רענט. ביי מיר, אַז דער פּרעזידענט זאָגט, איז געזאָגט.

אין די רייד מיט דעם לענדלאָרד, קומט אַרײַן דער קאָסטימער־פּעדלער.

— אַ גוטן מאָרגן אײַך. ווי איך זע, זײַנט איר טאָקע היינט פּריילעכער. נו, קיין וואונדער ניט, ס׳קומען בעסערע צײַטן, פּאָטער געוואָרן פֿון קריזיס, טאָקע אַרונטער אַ יאָך פֿון קאָפּ. איז פּאָר וויפֿיל וואָכן צאָלט איר היינט?

— וואָס מיינט איר? — קוק איך אָן דעם אידן, ווי ער רעדט.

— וואָס מיינט איר? — צעקאָכט ער זיך, — איר מיינט עפּעס אַ וועלט שלאַפֿט? איר מיינט, אַז איך לייען גאָר ניט קיין צײַטונגען? נאָט, זעט, — כאַפּט ער אַרויס אַ צײַטונג פֿון קעשענע, — איר מיינט עפּעס, אַז אַ פּרעזידענט ווייס ניט וואָס ער רעדט?

— טאָ גייט צום פּרעזידענט, — שפּאָס איך, — און זאָל ער אײַך צאָלן די בילס.

מ׳קלאַפּט אין טיר. איך עפֿן אויף. מײַן קאָזין, דער אינשורענס־

אגענט, קומט אריין.

— וואָס טוסטו עפּעס אַזוי פרי ביי מיר אין הויז, — פרעג איך אים, — האָסט היינט גאָרניט וואָס צו טאָן ?

— וואָס הייסט איך האָב ניט ? פאַרוואָס דען בין איך דאָ געקומען ?

ער כאַפּט ארויס פון קעשענע אַ ציַיטונג.

— זעסט, שוין אויס קריזיס, וויל איך, זאָלסט מיר איינצאָלן עטלעכע דאָלאַר אויף דער פּאָליסי, און דעם פינף־און־צוואַנציגער איז שוין אויך צייט דו זאָלסט מיר אָפּצאָלן.

איך בלייב שטיין אַ ווײַלע ווי צעטומלט. אָבער מ'קלאַפּט ווידער אין טיר. איך עפן, און עס קייקלט זיך אריין דער בוטשער, דער גראָסערימאַן, דער מאַן פון שוך־סטאָר, אַלע מיט ציַיטונגען אין די הענט.

— אויס קריזיס, — ווייזט מיר איינער.

— „פּראָספּעריטי", —זאָגט אַ צווייטער.

— וואָס הערט זיך מיט די פּאָר דאָלאַר ? — פרעגט אַ דריטער.

— איצט פאַרשטיי איך שוין, — צעקאָכט זיך מיַין ווייבל, — איבעראַל איז שוין אויס קריזיס, נאָר דו האָלסט אים אָן, ווילסט פּאַשעט ניט אַרבעטן.

איך בלייב שטיין געפּלעפט און טראַכט, עפּשער ?...

איך כאַפּ אַ ציַיטונג, לאָז זיי אַלעמען איבער אין הויז, און לויף אין שאַפּ.

איך האָב געטראָפן די טירן פון שאַפּ פאַרשלאָסן. נאָר ווען איך האָב באַגעגנט מיַין פאָרמאַן און אים אַ פרעג געטאָן :

— ווען פאַנגט דער שאַפּ אָן צו אַרבעטן ?

האָט ער זיך צעלאַכט :

— וואָס, דו ווייסט גאָר ניט, אַז אין אַזאַ קריזיס דאַרף מען זיין משוגע צו עפענען אַ שאַפּ ?

— אָבער עס איז שוין אויס קריזיס, — האָב איך זיך צעשריען און ארויסגעכאַפּט אַ ציַיטונג, — נאַ, זע ! דער פּרעזידענט זאָגט, אַז עס איז שוין מער ניטאָ קיין קריזיס.

— טאָ גיי צום פּרעזידענט, — האָט דער פאָרמאַן זיך צעלאַכט, — און זאָל ער דיר געבן אַרבעט.

איצט שטיי איך און איך טראַכט : וואו זאָל איך גיין — צו זיך אין הויז, אָדער אין „וויַיסן־הויז" ?...

„אַ קולטור דירעקטאָר"

— דערציילן אייך, וואס עס טוט זיך אין אונזער ברענטש פון ארבעטער רינג? וועט איר האבן וואס צו שרייבן, און אייערע לייענער צום לאכן, — אזוי רעדט צו מיר א מיטגליד פון ארבעטער־רינג.

— פארוואס לאך איך ניט? — גיט דער מיטגליד א שמייכל. — נו, וואלט דאס ניט זיין מיין צארע, וואלט איך אויך געלאכט.

איך האב ערנסט אנגעשטעלט מיין אויער, און ער האט מיט ערנסט גענומען דערציילן:

— איך קום מיר אנומלטן צו מיין ברענטש און נעם טייטשן: „סטייטש", זאג איך, „בעוורע, פארוואס לערנט איר זיך ניט פון לייטן? איך בין געווען ביי א מיטינג פון די לינקע, דאס הייסט, ביי א ברענטש מיטינג פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן, האב איך אנגעקוואלן. ביים טיר זיצט א יונגערמאן מיט ליטעראטור, מיט צייטונגען אלערליי, ביכלעך, זשורנאלן, בילדער. א מעכאיע פאר'ן אויג, און טאקע פאר'ן קאפּ פון די, וואס קויפן זיי. און ביי אונז וויסן די פירער נאר פון איין ביכל — א באנק־ביכל".

די מיטגלידער אין אונזער ברענטש האט דאס האנאע געטאן:

— טאקע, — האבן זיך דערהערט שטימען פון אלע זייטן, — פארוואס זאל מען ביי אונזערע מיטינגען ניט קריגן די ליטעראטור, וואס ארבעטער דארפן האבן צום לייענען?

וואס זאל איך אייך לאנג ברייען. האט די מאשינקע פון אונזער ברענטש, ד. ה. די עקזעקוטיווע, א טראכט געטאן און באשלאסן אונז צו געבן ליטעראטור. דערביי אויך באשטימט איינעם דזשייקעלע גאלון פאר'ן קולטור־דירעקטאר.

דערציילן אייך, ווער ס'איז דער דזשייקעלע, איז א מייסע פאר זיך. נאר וועגן זיין קולטור־ארבעט מוז איך אייך דערציילן. ס'הייסט, ווען איך זאל אייך אנווייזן וואס ער טוט ניט, וואלט פארנומען צופיל צייט. וועל איך אייך בעסער דערציילן, וואס ער טוט יא.

מאכט ווער א פארשלאג צו ארגאנזשירן א לעקציע, שטעלט

זיך אויף דזשייקעלע גאַלון און זאָגט אַזוי:

— שוין ווידער אַ לעקציע? איר דיינקט, אַז די וועלט האָט מער גאָר ניט וואָס צו טאָן ווי נאָר הערן לעקציעס?

מאַכט אַ צווייטער אַ פאָרשלאָג צו אַראַנזשירן אַ סימפּאָזיום. איז ווידער דזשייקעלע, דער קולטור־דירעקטאָר, אויף די פיס מיט אַן אָפן מויל:

— נאָך ווינציג, וואָס יעדער איינער רעדט פאַר זיך, ווילט איר נאָך אַראַנזשירן אַ כאָר פון רעדנער? איר מיינט, אַז איר וועט דאָס געבן אַ פענסי נאָמען „סימפּאָזיום", ווייס איך ניט וואָס דאָס איז?

קומט פרייטאָג אָוונט, צעלייגט ער אין אַ ווינקעלע אויף אַ טישל זיין ליטעראַטור: אַ פּאָר אַלטע נומערן פון „וועקער", אַן אַלטן נומער „צוקונפט" פון פאַר צוויי יאָרן, עטלעכע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע בראָשורן, אַ פּאָר בעד־רום ראָמאַנען, אייבעלעס לעבנס טראַגעדיע און נאָך עטליכע אַזוינע זאַכן, וואָס הערן זיך מיט שימל...

גאָר ניט פרייליך ווערט דזשייקעלע'ן ווען איינער פון די מיטגלידער גיט אים אַ פרעג אויף אַ נייער בראָשורע, וואָס איז לעצטנס אַרויס פון דרוק.

פאַרשטייט זיך, אַז ווענן נייע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער ליטעראַטור האָט ער אַ פאַרטיגן ענטפער:

— מער ווי דאָס פעלט ניט. נאָך ברייננען אייך נייע בראָשורן, נייע אויסגאַבן? — ער ווייזט דערביי אָן: —איר זעט? אַ ראָמאַן אַן אַנטיקל, ליגט דאָס ווי אַ באַרג. און דאָס זעט איר? אַ בראָשור אַ צאַצקע. מ'האָט דאָס געדאַרפט צעכאַפּן, ליגט דאָס שוין ביי מיר פון דעם ערשטן אָן און קיינער נעמט דאָס אין האַנט ניט. און וואָס איז טאַקע מיט דעם בוך? — ווייזט ער אָן, — מ'וויל אַפילע ניט אַ קוק טאָן דערויף.

— אָבער דזשייקעלע, — טאַינעט אַ מיטגליד פון ברענטש, — די ביכער מעגן ליגן אין סטאַק. דו ברייננ נאָר די ריכטיגע בראָשורן, און זיי וועלן פאַרקויפט ווערן ווי זיי ווערן פאַרקויפט ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

ווערט דזשייקעלע עמעס בייז און צעשרייט זיך:

— וואָס מיינט איר בין איך, עפּעס אַ באַנקיר, אָדער אַ באַנק־

דירעקטאָר, וואָס איך זאָל האַלטן בײַ זיך „פאָרפּראָרענע סטאָקס"?

דער סאָף איז, אַז דזשייקעלע דער קולטור־דירעקטאָר קויפט ניט איין קיין נייע ליטעראַטור. און די מיטגלידער קויפן ניט אויס די אַלטע ליטעראַטור.

דער אַרבעטער־רינג מיטגליד האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

אויב איר וועט שרייבן די מייסע אין די צייטונגען, בעט איך אייך, זייט אַזוי גוט און פרעגט אָן: עפּשער זוכט אימיצער אַלטוואַרג פאַר אַן אַרכיוו? זאָלן זיי באַזוכן אונזער דזשייקעלע דעם קולטור־דירעקטאָר און דאָס אָפּקויפן. מיר וועלן עפּשער דערנאָך קאָנען אַנזעצן אַ נייע בראָשור אויפ'ן טיש.

מיר דאַרפן אַ פייסעך

מיך אַרט ניט וואָס איר וועט זאָגן, לינקע. איך האַלט פון פייסעך.
און אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז איך מיין ניט די האַגאָדע, נאָר די קניידלעך, וועל איך אייך ענטפערן, אַז דאָס איז ניט ריכטיג, כאָטש איך בין גראָדע אַ קניידל־ליבהאָבער.

איך וויל אָבער אַ פייסעך — אַ פייסעך מיט אַלע פיטשעווקעס. אויב מיר האָבן ניט ביי אונז אין אַמעריקע צו ראַמען די וואַנצן ערעוו פייסעך, ווי אין דער אַלטער היים; אויב אונז פעלט דאָ די לאָקשן־ברעט אויף שייערן און קאַשערן (ווייל מיר קריגן דאָ פאַרטיגע לאָקשן); אויב מיר דאַרפן דאָ ניט גליען דעם אויוון, ווייל אין „טשאָפּ־סואי הויז" שטייט שוין פאַרטיג דער פייסעך — מאַצע אין באַזונדערע קערבלאַך, און ברויט אין אַנדערע — פונדעסטוועגן בין איך פאַר פייסעך.

און גלויבט מיר, אַז ניט דערפאַר, קעדיי די מאַצע־פעקטאָרים זאָלן טאָן גוטע געשעפטן, און דאָס אידישע פאָלק זאָל האָבן אַ דיס־קוסיע: וועלכע מאַצע איז בעסער — די „קרוכלע מאַצע", צי די „מאַצע מיט אַלע מיילעס", צי גאָר „די מאַצע מיט געשמאַק". אפילע אויך ניט צוליב דעם, אַז די כריין־רייבער אינדוסטריע זאָל זיך צעבליען.

יעס, איך האַלט פון פייסעך. כאָטש איך בין אַ געגנער פון קעניגן, מעג דאָס זיין אַפילע בלויז אויף צוויי אָוונטן, דאַך פיל איך ווי אויסצושרייען: „אַרבעטער, האַלט פון פייסעך, וואַרפט אַרויס דעם כאָמעץ אין די הייזער!...— קאַשערט אויס"!

איר וועט מיר זאָגן, אַז די האַגאָדע איז אַ נאַרישע זאַך, אַז דער סיידער איז אַ קינדער־שפּיל, אַז דער גאַנצער פייסעך איז „ביזנעס". נו, טאָ איז וואָס? זאָלן די יונגע שרייבן אַ נייע האַגאָדע, זאָלן די אַרבעטער פּראַווען אַ נייעם סיידער... מיר דאַרפן דאָס, מיר מוזן דאָס האָבן.

אי דאַרף מען קאַשערן אי דאַרף מען שייערן, אי דאַרף מען ראַמען... איר הערט, לינקע? פייסעך זאָל זיין!

ווען מיר האָבן פּייסעך — זעצן מיר אויף דעם העסע־בעט דעם, וואָס האָט שווער געאַרבעט צו שאַפן די אַלע גוטע זאַכן אויף פּייסעך. מיר וואָלטן געעפנט די אַלע קאַפּעטעריעס מיט יוניאָן אַר־בעטער, און געזאָגט צו אַלע הונגעריגע פּאַריער, שניידער, מאַינער: קאָל דיכפּין יויסע ווע‍ייכל! קומט, אַרבעטער, עסט! מיר פּראַווען איצט דעם סיידער!...

מיר וואָלטן אַלע זיך אַ נעם געטאָן אויסצורייניגן די אַמעריקאַני־זירטע וואַנצן פון „פאָרווערטס", מיר וואָלטן אויסגעקערט דעם שימל פון די געווערקשאַפטן, די טרייפעס פון די א. פ. און ל., דעם כאָמעץ פון דער אַרבעטער גאַס, און די קאַלירערייכע פּודרע פון „טאָג'ס פּאָנים.

מיר וואָלטן זיך אַ נעם געטאָן צו שייערן די ביינקלעך אין די יוניאָן אָפיסעס פון די שטענדיגע באַזיצער, וואָס פאַרזויערן דאָס לעבן פון די אַרבעטער.

מיר וואָלטן אויסגעגליט די באַוועגונג פון דעם פאַרגליווערטן שמוץ, וואָס האָט זיך אַרומגעקליבן.

מיר וואָלטן פאַרברענט דעם כאָמעץ פון די סופּלעמענטערי אַגרימענטס.

מיר וואָלטן געקענט ווייזן דעם אונטערשייד פון אַ כאַד־גאַדיע ביז אַ פינף־יאָר פּלאַן!

מיר וואָלטן געקענט לייענען די עמעסע האַגאָדע, ווי די רעכטע האָבן פאַרראַטן די אַרבעטער, ווי זיי האָבן געהאַנדלט ווי די פּאַרעס: פריער די אַרבעטער אַרויסגעטריבן, דערנאָך זיי געיאָגט צוריקצוקריגן, און טאַקע דעם שיינעם סאָף, ווי זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דעם גרויסן יאַם פון מאַסן־פּראָטעסטן און קאַמפן.

מיט איין וואָרט: יעווּסעקן, מיר דאַרפן פּייסעך.

מ׳דאַרף האָבן סייכל

אז שאַרזאַן, דער קליידער־מאַנופעקטשורער, פלעגט אַריינגיין אין שאַפּ, איז שטיל געוואָרן ווי אויף אַ בעסוילעם, נאָר די מאַשינען פלעגן זיך צעפּאָרן ווי פון אַ שטורעם געטראָגן.

דער פאָרמאַן, דזשייקאָבס, פלעגט אים וואַרפן אַ כעניפע־שמייכל. גאָסי די בוכהאַלטערין, וואָס איז שטענדיק געווען קרענקליך און זויער, פלעגט אויסטשירען אירע ווייסע ציינער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי אַ פאַרקאַן אַרום אַ גרינער לאַנקע, און אים לאָבן אין פּנים אַריין.

ער, שאַרזאַן, פלעגט אַרונטערוואַרפן זיין מאַנטל און הוט, פאַרשטעקן זיינע גראָבע פינגער אין דער וועסט און זיך אַדורכלאָזן דורכ׳ן שאַפּ.

אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט די אויגן פון זיין לאַנדסמאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים אַלס פּרעסער, איז ער שטיין געבליבן און געכאַפּט אַ שמועס מיט אים.

אַזוי, פאַר די אַלע יאָרן, האָט דער לאַנדסמאַן געהערט איין פראַזע פון זיין באָס:

— עס איז ניט קיין צופאַל, ברודערל, וואָס דו ביזט אַ פּרעסער, און איך אַ רייכער מאַן, אַ באָס — מ׳דאַרף האָבן סייכל.

ווען ער, שאַרזאַן, האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, פלעגט ער וואַרפן אויגן אַרום און אַרום, צי האָבן דאָס די אַנדערע אַרבעטער אויך געהערט, פאַרוואָס זיין פירמע איז אַזאַ דערפאָלג, און אַז ער, שאַרזאַן, האָט סייכל.

אַז שאַרזאַן האָט דערהערט, ווי די אַרבעטער אין זיין שאַפּ טרעטן אַריין אין דער יוניאָן, איז ער אַרומגעגאַנגען פון טיש צום טיש און גערעדט צו די אַרבעטער:

— די יוניאָן וועט פאַר אייך גאָרניט טאָן. אָט האָב איך זיך אַרויפגעאַרבעט אַ דאַנקן גאָט אָן אַ יוניאָן. דאָס איינציגע, וואָס מ׳דאַרף יאָ האָבן, איז סייכל.

אַז שאַרזאַן האָט דערזען אין אַ צייטונג, אַז אַ באַנק האָט זיך

פארמאכט, א פירמע האט באנקראטירט, איז ער שוין מיט דער ציימונג געלאפן פון איינעם צום צווייטן און געוויזן:

— איר זעט, אז מענטשן האבן ניט קיין סייכל? מ'האט דאך געקענט זען, אז די באנק איז פון שטרוי געפלאכטן. מיין געלט וועט ניט פארלארן גיין אין אזא באנקל. מ'דארף האבן סייכל.

אז זיין פאמיליע האט זיך ווען געווענדעט צו אים, ער זאל העלפן אימיצן פון דיר מישפאכע, איז ער פאר יעדן סענט ארומגעלאפן צו די לאנדסלייט און דערציילט:

איך האב דעם און דעם היינט געגעבן אזויפיל און אזויפיל. אבער וועט דאס דען העלפן? דער מענטש וייס ניט וואס צו טאן מיט דעם געלט, ער וועט דאס פאטערן און ווידער בלייבן ליידיג. נאר — פלעגט ער זיך צוריקכאפן, אריינשטעקן די צוויי פינגער אין וועסט און ארויס־זאגן מיט א פולן מויל — מ'דארף האבן סייכל.

נאר אז דער קריזיס האט זיך צעוויגט אין דער גאנצער ברייט, האט שארזאן אביסל ארונטערגעלאזט פון זיין כאכמע, נאר דאך פון צייט צו צייט פלעגט ער פאר'ן לאנדסמאן אנווייזן אין א ציימונג:

— זעסט? די פירמע איז צוגלייך מיט מיר אריינגעגאנגען אין ביזנעס. אבער גיב נאר א קוק, שוין פארטיג, באנקראט. — דא פלעגט ער שוין צוגרייטן א באדן פאר זיך. — אבער זיי ווייסן, אז אפילע צו באנקראט דארף מען אויך האבן סייכל.

עס האט לאנג ניט גענומען און שארזאן האט דורכגעמאכט א באנקראט און האט זייער שלעכט אפגעשניטן, אזוי אז די ארבעטער האבן פארלארן די ארבעט, און דער באס — דעם סייכל.

איין פרימארגן, ווען דער לאנדסמאן, דער פרעסער, האט זיך ארויסגעלאזט אין מארקעט טיילן ליפלעטס, האט ער באגעגנט א באַ־קאנטן פאנים, שטייענדיג אפגעריסן, פארזארגט. ער האט אים אריינ־געקוקט אין די אויגן און אים דערקאנט — דאס איז אזוי געשטאנען זיין געוועזענער באס, וואס האט פארלארן זיין סייכל.

שארזאן, ניט קענענדיג אים אויסמיידן, האט זיך צערעדט מיט זיין לאנדסמאן, און ביסלעכווייז האט ער אים דערציילט וועגן זיין טרויעריגער לאגע, און אז מ'האלט אים שוין ביים ארויסשטעלן פון די רומס.

זיין לאנדסמאן, דער פרעסער, האט אריינגעשטעקט זיינע פינגער

איז וועסט אוז האָט זיך שטאַרק צעלאַכט:

— מ'האָט מיך שוין ניט איינמאָל געוואָלט אַרויסשטעלן פון די רומס.

— נו? — האָט נייגעריג דער געוועזענער באָס אַ פרעג געטאָן, — טאָ וואָס איז געוואָרן?

— מ'דאַרף האָבן סייכל... — האָט דער אַרבעטער געענטפערט.

אַ פֿאַראייניגטער פראָנט

אַלע זיינע יאָרן האָט הערשל געאַרבעט ביי קלאָוקס. געמאַכט אַ לעבן, און פון צייט צו צייט נאָך געשפּאָרט אַ דאָלאַר. זיינע קאַמפן זיינען באַשטאַנען אין פירן אַ קאַמף מיט די איבעריגע אַרבעטער אַריינצוכאַפּן אַ גרעסערן באַנדל.

האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג אויסצורייניגן די יוניאָן פון גרעפט און קאָרופּציע, האָט הערשל געשטיצט די פירער־רעקעטירער.

זיין פרוי, העלען, האָט פון דעם אַלעמען ניט געוואוסט, ווייל זי פלעגט זיצן אין הויז, און קיין זאָרג פון כעיונע איז ניט געווען.

ווען דער קריזיס האָט זיך פאַרשאַרפט, האָט מען אויפגעגעסן יעדן אָפּגעשפּאָרטן סענט. האָט העלען גענומען טראַכטן פון גיין זוכן אַרבעט — העלפן טראָגן דעם יאָך.

ווען העלען איז געקומען אין באַרירונג מיט די אַלע פּראָבלעמען, האָט זי זיך שנעל אָריענטירט און גענומען מאָנען פון הערשלען: וואו גיט ער אוועק זיין פרייע צייט, און פאַרוואָס שטיצט ער ניט דעם קאַמף פון די לינקע?

אַזוי האָט זיך דער קאַמף ביי הערשלען אויסגעברייטערט....

כאָטש קריגן זיך מיט די אַרבעטער פאַר אַ גרעסערן באַנדל, פלעגט ער זיך אויך אַרומרייסן מיט העלען׳ען וועגן דער לאַגע אין דער באַוועגונג.

פלעגט העלען ברייגען אין הויז אַ „מאָרגן־פרייהייט", האָט הערשל געבראַכט אַ „פאָרווערטס" מיט אַ „טאָג". האָט העלען געזונגען אַ רעוואָלוציאָנערע ליד, פלעגט ער מיט אַלע קויכעס זי איבערשרייען, זינגענדיג אַ נאַריש גאַסן־לידל. און אַז העלען איז ווען געגאַנגען צו אַ קאָמוניסטישער דעמאָנסטראַציע, פלעגט ער פאַר קאָעס אוועקגיין שפּילן אַ פּאָוקער.

דאָך האָבןביידע זיך ליב געהאַט, און עס פלעגט זיי אָפּט פאַרדריסן, פאַרוואָס זיי קענען ניט גיין צוזאַמען.

הערשל׳ס וואונטש איז געוואָרן: — אַריינצונעמען זיין פרוי אין זיין שאַפּ צו דער אַרבעט. זאָל זי נאָר זיין מיט אים צוזאַמען,

אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ רעכטער פֿירערשאַפֿט און אַ רעכטער אַטמאָספֿערע, וועט ער זי שוין באַאַרבעטן, זי זאָל זיך אויך אַנשליסן אין „זיין יוניאָן".

ער האָט זי אַריינגענומען אין „זיין" שאַפּ.

העלען איז געווען צופֿרידן, וואָס זי וועט קענען אַריינגיין אין אַזאַ שאַפּ און אויפֿקלערן די אַרבעטער, געבן זיי צו פֿאַרשטיין, וואָס עס מיינט דער קאַמף פֿון די קאָמוניסטן.

ביידנס כאַלוימעס זיינען אָבער צורונען געוואָרן. דער שאַפּ האָט זיך גאָר גיך פֿאַרמאַכט.

ווען הערשל האָט גענומען קומען אין מאַרקעט זוכן אַרבעט, איז פֿאַרגעקומען אין אים אַן איבערקערעניש, און ער האָט גענומען טראַכטן, אַז העלען'ס רייד זיינען עפּעס ריכטיגער ווי זיינע. דאָך איך נאָכגעבן האָט ער ניט געוואָלט. וואָס הייסט, — האָט ער צו זיך געטראַכט. — זי, אַ פֿרוי, זאָל זיין די גערעכטע?

מיט דעם אָנקומען פֿון דעם ערשטן מאַי האָט זיך געשטעלט פֿאַר זיינע אויגן אַ גרויסער פֿראַגע־צייכן: מיט וועמען זאָל ער פּאַ־ראַדירן?

זי, העלען, וועט מיט אים זיכער ניט גיין אונטער דעם באַנער פֿון די רעקעטירער אין זיין יוניאָן. זאָל ער גיין מיט איר? מיינט דאָס, ווידער, איך נאָכגעבן. נאָכגיין נאָך אַ פֿרוי...

אין איין שיינעם אָוונט לויפֿט הערשל אַריין אין הויז זייער אויפֿגעלייגט, און דערלאַנגט העלען'ען אַ ליפֿלעט, וואָס ער האָט געקראָגן אין גאַס. דער ליפֿלעט האָט גערופֿן צו אַ פֿאַראייניגטן פֿראָנט צום ערשטן מאַי.

העלען האָט אים אָנגעקוקט מיט נייגיריגקייט. זי האָט געפֿרעגט:

— נו, איז וואָס זאָגסטו?

הערשל האָט ווי אַ באָכער, פֿאַרשעמט אויסגערופֿן:

— איך האָב ניט געוואָלט גיין מיט די קאָמוניסטן. דו ווילסט ניט גיין מיט די סאָציאַליסטן. אויב אַזוי לאָמיר ביידע גיין מיט דעם פֿאַראייניגטן פֿראָנט!

האָבן טאַקע ביידע פּאַראַדירט צום ערשטן מאַי דאָס ערשטע מאָל צוזאַמען.

דער לענדלאָרד מיסטער האָמען

(א פּורים־שטיפעריי)

ביי אייך איז נאָך פּורים
ביי מיר איז שוין אוים!
איך גלייך ניט די מייסעס
וואָס מ׳טראַכט זיי מיר אוים...

אין דער מעגילע ווערט דערציילט אַן אויסגעטראַכטע מייסע וועגן א פּורים, א האָמען, א וואַיזאָטע. און די אויסגעטראַכטע האָמען׳ס און וואַיזאָטע׳ס האָבן ביי מיר א פּאַנים ווי א מיידל וואָס איז באַ־פּודערט, באַשמינקט און באַליפּסטיקט. איך וועל פאַר אייך איצט דער־ציילן א מייסע פון אַן עמעסן האָמען און א מאָדערנעם וואַיזאָטע, וואָס האָבן זיך פאַרדינט צו האָבן אייביגע רו אין א נייער מעגילע.

וואַיהי — איז געווען א לענדלאָרד. ווי ער האָט געהייסן—ווייס איך ניט, אָבער גערופן האָט מען אים האָמען. פלעגט ער אַרומגיין און קלאַפּן אין די טירן:

היינט איז דער ערשטער, מאָרגן איז אוים,
גיט מיר די רענט, אַז ניט — וואַרף איך אַרוים.

האָט מען אים געטראָגן די רענט אַנטקעגן, האָט מען זיך געבוקט פאַר אים, מ׳האָט אים געבעטן זיצן. אַנדערע באַלעבאָסטעס פלעגן אים געבן פאַרזוכן דעם זופּ, צי עס פעלט ניט קיין זאַלץ — אַבי אַנער־קענען זיין גרויסע מאַכט.

דער האָמען האָט אַליין געוואוינט אויף ריווערסייד דרייוו מיט זיין ווייב און א קליין אינגעלע (דערווייל נאָך ניט קיין וואַיזאָטע). פון צייט צו צייט איז ער אַרונטערגעפאָרן דאַון־טאַון און אָביסל א העכער געטאָן די רענט.

די שכיינים האָבן אים אַזוי לאַנג געהעכערט די רענט, ביז זיי האָבן גענומען גיין אויף צוריק — און אַרונטערגענומען. דאָ האָט האָמען א שאָקל געטאָן מיט דער מאָרדע און אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז אַז אַלע אידן זאָלן גלייך מופּן, ווייל אים לאָזט ניט זיין אידישע האַרץ

זיי ארויסצושטעלן אויפ'ן גאס... נאר טאמער מופן זיי ניט, וועט ער אריינלאזן שווארצע אין הויז — און עס וועט זיך טאן כווישער...

האבן די שכיינים געשיקט איינעם א קאמיטעמאן (וואס האט גראדע ניט געהייסן מארדכע) ער זאל ווארנען דעם לענדלארד דאס ניט צו טאן. קעדיי ער זאל דאס יע טאן, וועלן די ווייסע און שווארצע זיין פאראייניגט אונטער איין דאך.

טראכט האמען אויב יע אזוי, האט ער גלייך פארדונגען דריי רומס צו א שווארצער פאמיליע. און ווייטער געסטראשעט, אז ער וועט ניט ארויסשטעלן קיינעם. נאר אלע ליידיגע רומס וועט ער „פאר־שווארצן". האבן די שכיינים ווידער געשיקט א קאמיטע (דאכט זיך ניט קיין עסטער, נאר א מעמבער פון פרויען קאנסול) און געבעטן דעם לענדלארד, ער זאל ניט אויסגיסן דעם צארן אויפ'ן פאלק. האט האמען א דריגע געטאן מיט די פיס און געזאגט, אז ער וועט צוצאלן די שווארצע, אבי זיי זאלן אריינמופן און פארטרייבן די ווייסע.

אז אלע רומס זיינען שוין געווען באזעצט, האט די הויז־קאמיטע צוזאמענגערופן א פיינעם מיטינג פון די ווייסע און שווארצע, און אלע האבן זיך געשווארן פון היינט און ווייטער:

מיר בוקן זיך מער ניט פאר'ן לענדלארד,
מיר גיבן קיין שטול ניט צו זיצן,
ניטא מער קיין זופ צו פארזוכן,
פאר רענט זאל ער קלאפן און שוויצן.

האט גענומען מיסטער האמען און פארזאגט דעם דזשעניטאר ניט צו נעמען מער קיין „גארבעדזש" און פון זיכערקייט וועגן האט ער דעם דזשעניטאר אוועקגעשיקט. האבן גענומען די שכיינים, די ווייסע און שווארצע, צעעפנט די פענסטער, און ווען דער לענדלארד איז ארוים פון הויז, האט ער געקראגן צו וויסן, וואס מ'האט געקאכט אין יעדן הויז: אויפן קאפעליוש זיינען געלעגןביינדלעך פון טשיקען, קעפלעך פון הערינג, דאס אינוויינגסטע פון א פופיקל, צוגעברענטע פארפל פון א טעפל. ער האט געקראגן...

אזוי האבן די שכיינים געגן אים געסטרייקט און געסטרייקט ביז ער האט פארלארן די הויז אויף ריווערסייד דרייוו און באשלאסן אליין אריינצומופן מיט די ווייסע און שווארצע אין זעלבן הויז.

אז זיין ווייב האט דערהערט פון מופן דאון־טאון, האט זי אים

געסטראַשעט מיט אַ געט. אָבער אַזוי ווי הײנטיגע צייטן איז מען מיט קיין לענדלאַרד ניט זיכער, האָט זי איינגעפּאַקט די זאַכן און געמופט.

אַז זי האָט זיך שוין אַריינגעקליבן אין הויז, האָט זי גלייך אָנ־געזאָגט איר אינגעלע: אַלץ אין דער וועלט, נאָר דו זאָלסט זיך ניט שפּילן מיט די שוואַרצע אינגלעך, ווייל דו ביזט אַ זון פון אַ טאַטן, דו הערסט!

דאָס נאַריש אינגעלע איז אַרויס אין יאַרד און דערציילט די אינגלעך, וואָס די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט. האָבן די קינדערלעך זיך צעלאַכט און געשריען: „ווי געפעלט אייך דעם האַמענס וואיזאַ־סעלע״? (דאַ ווערט ער שוין אַ וואיזאַסעלע). האָבן די ווייסע אינגעלעך אים אַרומגענומען, געגלעט און געגלעט מיט סאַזשע ביז וואַנען דאָס וואיזאַסעלע איז געוואָרן אויסגעשמירט ווי אַן עמעס נעגערל. דערנאָך האָבן זיי אים געשיקט צו דער מאַמען.

אַז וואיזאַסעלע איז אַריין אין הויז האָט די מאַמע אים אַ נעם געטאָן פאַר דער הענטעלע און אַרויסגעוואָרפן פון הויז. „אַרויס פון דאַנען״, האָט זי געשריען, „מיין אינגל וועט זיך ניט שפּילן מיט אייך נעגער־קינדער. אייער פּוס זאָל צו מיר אין הויז ניט אַריין״.

איז וואיזאַסע אַוועק און זיך געזעצט וויינען אונטער די טרעפּ, און איז אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן. אין אָוונט איז געוואָרן אַ ליאַרם, מ׳האָט איר געקידנעפּט דאָס אינגעלע. זיינען אַלע אינגלעך אַרומ־געלאָפן איבער׳ן גאַס און געזונגען:

האַמענ זוכט וואיזאַסען
דער צאַר איז אים גרויס,
זאָל ער נאָכאַמאָל קיין שוואַרצע
ניט וואַרפן פון הויז.

ער אַליין, האַמען, איז געלאָפן פון הויז אין בייסמענט און צוריק, האָט געזען שלאָפן דעם שוואַרצן אינגעלע: שוואַרצע קינדער מעגן שלאָפן אונטער די טרעפּ, אָבער זיין אינגעלע? — געוואַלד, וואו איז דאָס אינגעלע?

אַז וואיזאַסעלע איז געוואָרן הונגעריג, איז ער אויפגעשטאַנען און איז ווידער אַוועק צום טיר.

— אוועק ! — האט די מאמע א האק געטאן די טיר — שווארצע זאלן מיר אין הויז ניט אריינקומען.

אז וואיזאסעלע האט זיך צעוויינט אויפ'ן קאל, האט די מאמע דערזען, אז דאס איז איר וואיזאסעלע, וואס איז נעבעך פארשווארצט געווארן, האט זי אים גענומען בוכען און זעצן :

— איך האב דיר געזאגט, שפּיל זיך ניט מיט די שווארצע אינגעלעך, דו וועסט פארשווארצט ווערן.

אז האמען איז אריין אין הויז האט ער זיך דערפרייט מיט דעם וואיזאסעלע, ווי מיט א מאנאט רענט.

אויף מארגן פרי, אז מיסטער האמען, דער לענדלארד, האט זיך ארונטערגעלאזט אין גאס אריין צו גיין קאלעקטן רענט, האט זיין ווייב אים נאכגעשריען : „נעם דעם גארבעדזש אין גאס ארויס, ווארום עס שטינקט אין הויז". אבער האמען האט זיך ניט צוגעהערט.

וואיזאסעלע איז ארויסגעשפרונגען פון בעטל און צוגעלאפן, א כאפ געטאן דעם גארבעדזש : — מאמע, איך וויים שוין וואו מ'טוט אהין דאן־טאון די „גארבעדזש„.

ער איז צוגעלאפן צום פענסטער אז עפן געטאן און — בוכץ ! געטראפן פונקט דעם טאטע האמענען אין קאפ.

אז דער טאטע האט ארונטערגעכאפּט דעם קאפעלוש און דערזען די צוגעברענטע מער־צימעס, האט ער זיך א פאטש געטאן אין די באקעס און זיך צעשריען :

— מיין ווייב, דו ביזט א רענגעלע וואשטי, א בראך נאך דיר !

זיין ווייב איז געשטאנען אין פענסטער און זיך געבראכן די הענט : — ניט איך, דאס זונעלע האט דאס געטאן !

— אזוי ? — האט האמען זיך געקאכט — האסט אויסגעהאדעוועט א וואיזאסעלע, וואס מעג געהאנגען ווערן ווי אין דער מעגילע שטייט :

אזוי איז האמען געשטאנען
מיט שאנד און יעסורים.

— — — — — — —

און די שכיינים האבן געפראוועט
אן עמעסן פורים.

מאַצע מיט ווײַן

איר ווילט עפּעס הערן אַ כאַד־גאַדיע? זאָג איך אײַך, אַז עס גע־פעלט מיר דער יאַנטעוו פּייסעד. און ער געפעלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך וואָלט אים וועלן האָבן ביז מיר וועלן זיך באַפרייען פון די היינטיגע פּאַרעס און פּאַרכעס.

פאַרוואָס, פרעגט איר?

טאָ הערט. טאַקע די צייטן ווערט צוויי יאָר ווי איך גיי אַרום אָן אַרבעט. מיין באָס, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט אַריבער צוואַנציג יאָר, איז זייער אַ פרומער־איד, האָט ער זיך מיטאַמאָל גע־כאַפּט, אַז אידן טאָר מען ניט עקספּלואַטירן, און דערפאַר האָט ער אונז אין אַ שיינעם טאָג אַלע אידן אַרויסגעוואָרפן פון שאַפּ.

— פאַר אַ אידן, — האָט ער אונז געזאָגט, — איז ניט שיין צו אַרבעטן. און עס איז טאַקע ניט פאַר אידישע קויכעס... האָט ער אונז מעשאַלעיעד געווען, און אויף אונזער פּלאַץ אַריינגענומען גויאים, גויעס, שוואַרצע, ווייסע, אָבער ניט קיין אידן.

זיינען מיר אַזוי אַרומגעגאַנגען מאַנאַטן־לאַנג און געהונגערט. האָט דער מאַגן גענומען בורטשען עסן. האָבן מיר אים נאָכגעבור־טשעט. ביז עס האָבן זיך פאַראייניגט אַלע מאַגנס, מיין ווייב׳ס און פון די קינדער, און גענומען שרייען איין וואָרט: „עסן!“.

בין איך מיר אַוועק צו מיין באַלעבאָס און אַ פרעג געטאָן: עפּשער וועט שוין זיין אידיש האַרץ פּלאַצן און אַריינגעמען אַ אידן צו דער אַרבעט.

ט׳ער געענטפערט: — ניין אידן דאַרפן ניט אַרבעטן!

איז אַוועק מיין ווייב מיט די קינדער און געוויינט פאַר אים: סטייטש, מיר האָבן קיין ברויט ניט!

זאָגט ער: ס׳איז אַ גוטער סימען. ער האָט אַמאָל ניט געהאַט קיין אַרבעט, איז ער אַריין אין ביזנעס, און איצט, כוץ זיין שאַדן, אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. צוווייטנס, זאָגט ער צו מיין ווייב, אַז ער האָט פון זיין זייט געניג געטאָן, וואָס ער האָט מיך באַפרייט

פון דער ארבעט... אָבער נאָך באַזאָרגן מיך מיט ברויט — דאָס קען ער ניט.

האָבן מיר ווייטער געהונגערט אין קאָמפּאַני, ביז ס'איז אונ־טערגעקומען פּעיסעך. איצט אָבער, — אַלעוואַי איז אַלע טאָג פּייסעך, איר הערט?

איך גיב אַקוק, ס'איז אַדווערטייזט אין אַלע צייטונגען, אַז מיין באָס גיט פאַר אידן אויף פּייסעך מאַצעס און — קאָל דיכפּין יויסע וועיויכל".

טראַכט איך מיר: קיין ברויט איז ניטאָ, טאָ לאָמיר עסן מאַצעס.

ביז איך מיר אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס און פאַר־לאַנגט מיין ביילעק מאַצעס פאַר מיין „אידישן" מאָגן.

אין דער ריי זע איך ווי אַ אידל שפּרינגט אַרום און שושקעט אַריין אַלעמען עפּעס אין אויער און רוקט אונטער אַ פּעקל. עס איז געקומען צו מיין נעקסט, און ער פרעגט מיך:

— האָט איר אויף קויסעס?

— ניין! — זאָג איך אים.

— טאָ נאָט אייך! — האָט ער מיר אַריינגערוקט אַ פלעשל וויין — און האָט אַ קאָשערן פּייסעך.

ביז איך גלייך מיט מיינע פּעקלעך אַוועק אין די העדקוואָרטערס פון דעם אונעמפּלאָימענט קאָנסול און געטראָפן מיינע הונגעריגע אַרבעטסלאָזע כאַוויירים.

— כעוורע, — זאָג איך, — ברויט וויל מען אַ גאַנץ יאָר ניט געבן, מ'לאָזט אונז שטאַרבן פון הונגער. אָבער איצט גיבן די גאָטס־סטראַפּטשעס, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר גערויבט אונזער בלוט, מאַצעס אויף פּייסעך. יע, מאַצעס מיט וויין וויפיל דאָס האַרץ גלוסט...

טאָני, דער איטאַליענער, מעקאַרטי, דער איירישמאַן, און דזשעקסאָן, דער נעגער, האָבן זיך צעלאַכט און דערביי אויסגעגלאָצט די אויגן, וואָס האָט באַדייט: דיר איז גוט צו ריידן, דו ביזט אַ איד... אָבער ווי קענען מיר קריגן?

איך האָב זיי באַלד באַרואיגט און געזאָגט:

— טאָני, דו ווער אַ שטומער איד. גיי דאָרטן און מאַך בלויז

מיט די הענט. דו, מעקארטי, זאָג זיי, אַז דו ביזט אַן אַמעריקאַנער איד, און דו, דזשעקסאָן, זאָג, אַז דו ביזט אַ שווארצער איד. ווען איר וועט דאָרטן קומען, זאָגט זיי צוויי ווערטער: „פּייסער, נאָ כאַמעץ...

טאָני האָט באַלד גענומען מאַכן מיט די הענט, און מעקארטי און דזשעקסאָן האָבן גענומען איינשטודירן די צוויי ווערטער: „פּייסעך נאָ קאַמעץ" און גלייך אַוועק צו שפּילן אַ אידישע ראָל...

אין אָוונט זיינען אַלע געקומען אין די העדקוואַדערס מיט די פּעקלעך אונטערן אָרעם.

אויף גיך איז צוגעגרייט געוואָרן אַ טיש פֿאַר די איבעריגע אַרבעטסלאָזע, וואָס זיינען אָנגעקומען, און מ'האָט גענומען פּראָווען אַ רויטן סיידער, זינגענדיג, „יו וויל איט באַי ענד באַי".

צווישן דעם געזאַנג האָט מען געפרעגט קאַשעס. מעקארטי האָט געפרעגט:

— ווי קומט דאָס, וואָס אַ גאַנץ יאָר גיט ניט דער באָס זיינע שקלאַפן געגוג ברויט, און פּייסעך גיט ער מאַצעס און ווייַן?

טאָני האָט געפרעגט: — צי קען מען אויך קריגן פּייסעכדיגע ספּאַגעטי?

דזשעקסאָן האָט געפרעגט: — ווען איז נאָכאַמאָל אַזאַ יאָנטעוו „פּייסאַך נאָ קאַמעץ"?

און איך האָב געפרעגט, און פרעג איצט ווידער: צו וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר דאַרפן מיר באַלעבאַטים, וואָס זאָלן אַ גאַנץ יאָר אונז פאַרהונגערן און איינמאָל אין יאָר אונז וועלן פאַרשטאָפּן דעם מאָגן מיט מאַצעס און פאַרדרייען אונז דעם קאָפּ מיט ווייַן???..

וואָס גאָט גיט, דאָס האָט מען

פון קינדוווייז אָן האָט מען יאָסלען געלערנט, אַז אַלץ ווערט באַשטימט פון גאָט און וואָס גאָט גיט, דאָס האָט מען.

אַז יאָסל איז אַריבערגעקומען אין אַמעריקע און געקראָגן דעם ערשטן פּאַטש פון אַ פאָרמאַן אין שאַפּ, האָט יאָסל אַראָנטערגערוקט דאָס היטל און שטיל צו זיך געמורמלט: „וואָס גאָט גיט, דאָס האָט מען".

אַזוי איז אויך געווען ווען יאָסל האָט אָפּגעשפּאָרט זיין ערשטן הונדערטער, אַריינגעלייגט אין באַנק און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך די באַנק פאַרמאַכט. יאָסל, ווי אַלע דעפּאָזיטאָרס, זיינען געלאָפן, געשטאַנען אין „ליין" און ענדליך געקראָגן פופציג פּראָצענט פון דעם געלט.

ווען ער האָט דאָס דערציילט זיין פרוי, האָט זי זיך צעשריען:

— צו וואָס האָסטו דאָס גענומען? פאַרוואָס האָט איר זיך ניט פאַראייניגט אַנצופירן אַ קאַמף געגן אַזאַ רויבעריי?

יאָסל האָט איר רואיג געענטפערט:

— אַלץ איז באַשטימט פון גאָט. וואָס גאָט גיט, דאָס האָט מען.

מיט דעם אָנקומען פון דעם שווערן קריזיס אין לאַנד זיינען אויך געקומען שווערע צייטן פאַר יאָסלען. אָבער יאָסל האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ גזאַר פון הימל: אַזוי האָט גאָט באַשטימט, אַזוי דאַרף עס זיין.

ווען יאָסלס לאַגע איז געוואָרן שווערער מיט יעדן טאָג, עס איז שוין אוועק דער דריטער כוידעש ווי ער האָט קיין דירע־געלט ניט באַצאָלט, האָט אים געראָטן זיין פרוי:

— גיי צום לענדלאָרד, ער איז דאָך עפּעס אַ איד מיט אַ גוטער האַרץ, אַ פּרעזידענט פון אַ שול, עפּשער וועט ער ראַכמאָנעס האָבן און באַטש לאָזן אונז איבערזיצן די יאָנטויווים.

יאָסל איז אוועק, געבעטן ראַכמים ביים לענדלאָרד, ער זאָל אים ניט אַרויסשטעלן מיט ווייב און קינדער אין גאַס ערעוו יאָם־קיפּער.

דער לענדלאָרד האָט אים געגעבן אַ שטול צום זיצן און דערביי גענומען דערקלערן:

— ווען איר זייט ביי מיר בלויז איין טענענט, נו, מילא, וואָלט איך שוין אַרויסגעוואָרפן אַ פּאָר מאָנאַטן רענט, אָבער ווי איר זעט, איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט. אין מיינע אַלע אַכצן הייזער אַרבעטן ניט די טענענטס און צאָלן מיר ניט די רענט. נו, איז וואָס איז? איך בין עפּעס אַ גאָט, וואָס איך זאָל זיי געבן פרייע רענט? זייט אידן, גייט אין שול, בעט ביי גאָט און ער וועט אייך געבן.

יאָסל איז אַוועק אַ דערשלאָגענער אַהיים. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט זיין געוועזענעם באָס. ער איז אַ ווײַלע געבליבן פאַרשעמט, אָבער באַלד זיך אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען און אַ פרעג געטאָן:

— מיסטער ליוויי, קען איך אייך עפּשער בעטן אַ טויווע? מען האַלט מיך איצט ביים אַרויסשטעלן אין גאַס, טאַקע ערעוו יאָנטעוו. קענט איר מיר עפּשער באָרגן פינף און צוואַנציג דאָלאַר? ווי גיך איך וועל נעמען אַרבעטן וועט איר מיר אַרונטערנעמען פון מיינע ווײדזשעס.

מיסטער ליוויי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און אַ שפּיי געטאָן אין זיין ריכטונג:

—אַ כוצפּע אַ ביסל, שטעלט מיך אָפּ אין מיטן גאַס באָרגן געלט! וואָס איז, איך בין עפּעס אַ גייענדיגע „לאָאַן סאָסייעטי"? ס'איז איצט ערעוו יאָם־קיפּער — האָט ער ציניש אַ לאַך געטאָן — גיי אין שול און בעט ביי גאָט, וועט ער דיר געבן.

יאָסל האָט פאַרשטשימעט זיינע ליפּן און מיט געבויגענע טריט האָט ער זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט אין גאַס. גייענדיג און טראַכטנדיג, איז אים גאָר איינגעפאַלן אַריינצוגיין צום ראָוו — ער האָט דאָך אים אַזוי פיל דאָלאַרס געשטופּט פון זיינע אָרימע פאַרדינסטן. ער האָט די לעצטע סענטן קישקע־געלט געטראָגן פּידיען צום ראָוו. וועט איצט דער ראָוו זיכער עפּעס העלפן.

מיט זיכערע טריט איז יאָסל אַריין צום ראָוו, דערקלערט דעם צוועק פון זיין קומען.

דער ראָוו האָט אַרויפגעשאָרט די יאַרמולקע צום שפּיץ קאָפּ, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר בייזע אויגן, ווי אַ ווילדע קאַץ, און זיך בייז צעשריען:

— וואָס, איך זייט אַ ראָוו, זייט איר, וואָס מ׳זאָל אייך געבן געלט? אַ איד איז אויף צאָרעס, גיט מען צדאָקע, פּאַסט מען, מ׳גיט דעם ראָוו פּידיען, און גאָט וועט העלפן. „דאָס וואָס גאָט גיט, דאָס האָט מען״.

יאָסל איז אַרויס פון ראָווס הויז מיטן געדאַנק, אַז דער ראָוו איז גערעכט: טאַקע, טאַקע, לעצטנס צוליב דער זאָרג פאַר פּאַרנאָסע האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן צו גיין אין שול, פון געבן צדאָקע איז אָפּגערעדט. און טאָמער פאַסט ער אַמאָל, איז דאָס אויך ניט צוליב גאָט, נאָר פּאַשעט דערפאַר, ווייל ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסן.

ווען ענדליך ער האָט געקראָגן געבאָרגט ביי אַ פריינט געלט, האָט יאָסל דערקלערט:

— צו אַלעם ערשטן ריים איך אָפּ אַ דאָלאַר און גיי קויפן אַ טיקעט אין שול צו האָבן וואו אויסצובעטן אַ גוט יאָר.

זיין פריינט האָט אים אָנגעקוקט ווי מעשוגע:

— געלט זיי געבן? איך וואָלט זיי געבן אַ שפּיי אין פּאָנים.

יאָסל איז געוואָרן אַ ביסל ברויגעזלעך פאַר ריידן אַזוי וועגן הייליגע מענטשן. ער האָט אָבער באַלד פאַרגעסן, אַוועקגעלאָפן און געקויפט אַ טיקעט אין איינער פון די שולן.

יאָם־קיפּער נאַכט איז יאָסל מיט אַ צעבראָכן האַרץ אַוועק אין שול. עס איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז ער וועט בעטן גאָט ניט נאָר פאַר דעם, אַז ער זאָל אים העלפן, נאָר אויך, אַז גאָט זאָל באַשטראָפן די בלוט־זויגערס. זיין לענדלאָרד, זיין באָס און אַנדערע וואָס האָבן זיך אָנטזאָגט אים צו העלפן.

ווען יאָסל האָט זיך דערנענטערט צום שול און דערזען די גרויסע שילד, וואָס האָט זיך געלייענט: „זע האַשאַר לאַדענאַי, צאַדיקים יאַ־וואויו בוי״, האָט זיך אַ פרייד צעגאָסן אויף זיין פּאָנים.

ער איז אַריין אין שול, און זיין פּאָנים איז באַלד ווי מיט אַ וואָלקן באַצויגן געוואָרן. אויבנאָן, אין מיזרעד וואַנט שטייט זיין לענדלאָרד, וואָס איז דער פּרעזידענט פון שול. ביי דער צווייטער זייט שטייט זיין באָס, וואָס איז דער וויס־פּרעזידענט. לעבן אַמוד שטייט דער ראָוו. ביי דער בימע דערקענט ער זיצנדיג פּראָצענטניקעס, וואָס רייסן פון אים די הויט.

—דאָס זיינען די צאַדיקים? — האָט ער צו זיך גערעדט.

מיט ווילדער רעציכע איז ער צוגעלאָפן צום ראַוו און מיט קאַעס א פרעג געטאָן:

— רעבע, ווען שפּייט אַ איד אין שול?

דער ראַוו האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט און דאַן געענט־פערט אויף דער מאָדנער פראַגע:

— אַ איד שפּייט אין שול ביים ענדע דאַוונען, צו אַליינו.

— צו ענדע פון דאַוונען, — האָט יאָסל איבערגעזאָגט. נייִן, איך שפּיי ביים אָנפאַנג. — ער האָט מיט נאָל אַ שפּיי געטאָן צום מיזרעד־וואַנט, אין דער ריכטונג פון די שיינע באַלעבאַטים.

— וואָס איז דאָס? — זיינען ביין צוגעלאָפן דער באָס, דער לענד־לאָרד און די פּראַצענטניקעס.

— דאָס איז אַ שפּיי אויף אייך, — האָט יאָסל ניפּטיג זיך צעשריען, — „וואָס נאָט גיט, דאָס האָט מען"...

זיי אַ מענטש, ווען דו עסט אין סוקע

אַז גאָט האָט געהאָלפֿן... רעב אַשערן צו בויען דאָס ערשטע גרויסע אַפּאַרטמענט הויז, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן אַריינצונעמען פֿאַר שכיינים אַלע זיבעציג לעשוינעם.

— ביי מיר וועט קיין יוניאָן פֿון טענענטס ניט זיין, — האָט ער געטאַינעט צו זיינע ברידער פֿון דער לענדלאָרד אַסאָסיאיישאָן, — איך טו ווי גאָט האָט געטאָן — אַ דאָר האַפּלאָגע... וועלן זיי זיך רייסן ביי די נעזער איינס דאָס אַנדערע און איך וועל אַלע מאָנאַט קאָלעקטן דירע־געלט.

צווישן די שכיינים האָט זיך אויך געפֿונען אַן עלטערער איד, איטשע. מיט דעם אידן האָט דער לענדלאָרד רעב אַשער איינגע־טאַינעט:

— איר, רעב איטשע, זיינט דאָך עפּעס מעאַכעינו בענעי איס־ראָעל, איז אַז איר וועט עפּעס הערן דאָבערן די אַריילים וועגן יוניאָן סטרייקס, ביליגער רענט, ט'איר אַזוי גוט זיין און מיר דאָס איבערגעבן. איר ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט, „אַז מ'איז אַ מענטש, עסט מען אין סוקע".. איטשע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע.

אין קורצן האָבן זיך די שכיינים גענומען אָרגאַניזירן און אויך איטשע איז גערופֿן געוואָרן צו אַ מיטינג. איטשע איז אָבער אַוועק־געלאָפֿן צום לענדלאָרד צו פֿרעגן וואָס צו טאָן.

דער לענדלאָרד האָט מיט צופֿרידנקייט אים אויסגעהערט און דריקענדיג אים די האַנט, אַזוי געזאָגט:

— אָט אַזוי דאַרף האַנדלען אַ איד. גאָט וועט אייך דערפֿאַר באַצאָלן. וואָס דען, סטרייקן? דאָס איז דאָך געגן גאָט און געגן דער טוירע. אַ איד מיט אַ אידן דאַרפֿן זיך ניט רייסן.

נאָכדעם ווי ער האָט אים אָנגעקלאַפּט אַ פּלייצע מיט דאַנקבאַר־קייט, האָט ער אים אַריינגעשושקעט אין אויער:

— איר, רעב איטשע, גייט צום מיטינג, און וואָס זיי וועלן באַשליסן, גיט מיר דאָס גלייך איבער.

איטשע איז אַוועק צום מיטינג. ווי איבעראַשט איז ער אָבער

געוואָרן, ווען ער האָט ביים מיטינג געטראָפן אַלעמען פאַראייניגט מיט איין פעסטן באַשלוס צו קעמפן געגן עוויקשאַנס, פאַר אַ רעדאַקשאַן אין רענט און פאַר סאַניטאַרישע באַדינגונגען.

דער אַלטער איטשע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס רעדנדיג צו זיך :

— דאָס איז דאָך גאָר ניט שלעכט. זיי זיינען דאָך באַלד גערעכט, די רויטע.

נאָכדעם ווי ער איז צו זיך געקומען, אויסהערנדיג אַזעלכע רייד פון די אַנפּירער, וואָס דאָס איז אים אויסגעקומען צום ערשטן מאָל אין לעבן צו הערן, האָט ער זיך אַליין אָנגעכאַפּט צו זיין איינער פון דער קאָמיטע, וואָס זאָלן גיין צום לענדלאָרד מיט די אַלע פאָדערונגען.

ווען איטשע איז מיט דער קאָמיטע אין אָוונט אריינגעקומען צום לענדלאָרד, האָט רעב אָשער אַ וואונק געטאָן צו אים, אוועקצוגיין אַן אַ זייט אויסצופאָרשן, וואָס איז געוואָרן באַשלאָסן.

איטשע האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, זאָגענדיג דערביי :

— מיר זיינען דאָ אַלע פאַר איין צוועק, און אַנשטאָט שטילערהייט אייך איבערגעבן די באַשלוסן, וועלן מיר דאָס טאָן אין דער הויך.

ער האָט איבערגעגעבן דאָס וואָרט צו דעם טשערמאַן פון דער קאָמיטע, און דער טשערמאַן האָט פון אַ צעטל געלייענט און איבער־געגעבן צום לענדלאָרד די פאָדערונגען מיט די אונטערשריפטן פון די טענענטס.

ווען רעב אָשער האָט דערזען אויך דעם נאָמען פון איטשען, איז ער שטיין געבליבן געפּלעפט, און דאַן מיט קאַעס אויסגעשריען :

— אַזוי טוט אַ איד אַ אידן ? שעמען מעגט איר זיך — ער האָט דערביי אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. — מאָרגן וועט איר מיר שוין ליגן אין גאַס.

איטשע האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרלאָרן און אויסגערופן :

— רעב אָשער, אום סוקעס וועט איר אַרויסשטעלן אַ אידן אין גאַס ?

— איר זייט קיין איד ניט ! — האָט דער לענדלאָרד זיך געקאָכט — איינער וואָס קען מאַכן יאַדאָכעס מיט גוים טאָר זיך אין אַ אידיש הויז ניט געפינען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָבן די מאַרשאַלס אונטער דער

אַנפּירערשאַפט פון רעב אַשערן געטראָגן דעם אַלטן איטשעס זאַכן צוזאַמען מיט זיין סוקע, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט אין יאַרד, אין גאַס אַרויס, און די טענענטס האָבן דאָס געטראָגן צוריק אין הויז אַריין.

ווען די ווינטן האָבן צעטראָגן איבערן גאָס די סכאַך פון דעם אַלטן איטשעס סוקע, איז דער אַלטער איטשע געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים טיר מיט פייערלעך אין די אויגן און שטיל גערעדט צו די שכיינים:

— איצט פאַרשטיי איך שוין די עמעסע באַדייטונג, וואָס עס מיינט ביי אַ לענדלאָרד, „אַז דו וועסט זיין אַ מענטש, וועסטו עסן אין סוקע"...

אַ נייע האַגאָדע

אַרבעטער, נעמט די שטולן פון אַלע קעניגן, הערשער און ביור־ראַקראַטן און מאַכט פון זיי אַ העסע־בעט; צעזעצט זיך ברייטלעך, ווי ביי זיך אינדערהיים, און שפּאַרט זיך אָן לינקס מיט אַ קאַס אין דער רעכטער האַנט און זאָגט אַ נייע האַגאַדע.

בעדיקעס כאָמעץ.

צעעפנט די טירן און פענסטער און זאָגט אַלע אין כאָר: אַר־בעטער פון אַלע לענדער, שאַרט צוזאַמען דעם גאַנצן כאָמעץ וואָס פאַרזויערט דאָס לעבן פון אַרבעטער, ווי די באַסעס, פאַרעטער, ביור־ראַקראַטן, רענעגאַטן, פּאָליטישענס, פינסטערע קליי־קאַידעשניקעס און גלאַט פּאַסקודניאַקעס; צעלייגט אַ פייער פון רעוואָלוציע אין יעדן שאַפּ און גאַס און זאָגט בעקאָל ראַם: זאָל דאָס כאָמעץ פאַר־ברענט ווערן, וועלן מיר האָבן ברויט אין הויז...

סיידער.

זעצט זיך אַוועק מיט דער יוגנט און מאַכט אַ סיידער אין אונזער אַרבעט, אַז אַלע, יונג און אַלט, שוואַרץ און ווייס, מאַן און פרוי זאָלן זיין גרייט ווען מ'וועט אַ רוף טאָן: — אַרבעטער, ברענט דעם כאָמעץ!... זאָל געברענט ווערן, אַז קיין ברעקל שימל זאָל ניט בלייבן!

מאָרער.

דערציילט פאַר דער יוגנט, פאַרוואָס עס איז אַזוי ביטער דעם אַרבעטער, ווי אַזוי די באַסעס עסן כריין מיט פיש און דער אַרבעטער קריגט מאַרער אַנשטאָט ברויט — אַ גאַנץ יאָר.

קאַרפּאַס.

נעמט די גרינ'ס פון דער א. פ. און ל., טונקט זיי איין אין זאַלץ־וואַסער און זאָגט די בראָכע, „בוירע פּרי אַדאָמע". זאָל דאָס ליגן אין דר'ערד מיט דעם גאַנצן בינטל, ביז עס וועלן וואַקסן שטיינער אויפ'ן פּלאַץ.

יאַכאַץ.

איצט וואַשט אָפּ די הענט און טוט אָן אַ פּאָר „שוואַרצע גלאַווס" און נעמט זיך צו די איבעריגע פּאַראַזיטן און פאַררעטער. נעמט אַוועק אַלץ וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפן און צעטיילט דאָס דעם אַר־בעטער־קלאַס.

מאַגיד.

זאָגט אַזוי שטאַרק, אַז אַלע זאָלן דערהערן: דער וואָס אַרבעט ניט, קריגט מאַקעס, ניט עסן!

שולכן אָרעך.

נעמט איבער די פירערשאַפט איבער גאַר דער וועלט און גרייט דעם טיש, אַז אַלע וואָס אַרבעטן זאָל האָבן וואָס צו עסן!

האַ לאַכמאַ אַניאַ.

די ברעד־לײַנס מוזן אָפּגעשאַפט ווערן און אַ רויטער דעקרעט זאָל אַרויסגעבן ווערן פון דעם אַרבעטער קלאַס: קאָל דיכפּין יעיסי וועיויכל". קומט אַלע מיט אַ גוטן אַפּעטיט און עסט געזונטערהייט.

נעמט דאָס רויטע געווער אין האַנט און זאָגט, ווי אַ קאָמוניסט דאַרף זאָגן:

האַשאַטאַ אַוודי, ביז איצט זײַנען מיר געווען קנעכט, געליטן פון ראַציאָנאַליזאַציע, ספּיד־אַפּ, סלעק, סעק, און אַנדערע שלעק. אָבער — גענוג!

מאַ נישטאַנאַ — פרעגט די פיר קאַשעס:

— פאַרוואָס זאָל איינער אַרבעטן און אַ צווייטער — הול־טייעווען?

— פאַרוואָס זאָל דער אַרבעטער בויען הײַזער און אַליין ווערן אַרויסגעוואָרפן אין גאַס?

— פאַרוואָס זאָלן זיך אין אַזאַ רײַכער וועלט געפינען אַזוי פיל קאַבצאַנים?

און די פערטע קאַשע — צו וואָס זיך לאָזן פירן פון פּאַרע'ס און פאַרכעס?

איצט די האַגאַדע.

אַוואָדים האָיינו — מיר זײַנען געווען געהאַרכזאַמע קנעכט,

געגלויבט אין ניסים, זיך געלאָזט פירן פון סאָציאַל־פאַשיסטן און גאָטס־סטראַפּטשעס. געבוקט זיך צו גאָט, איז מען אונז געקראָכן אויפ'ן קאַרק און געקלאַפּט אין די זייטן.

מייסע — האָט אָבער פּאַסירט א מייסע מיט די סאָציאַל־דע־מאָקראַטן ווי זיי האָבן אָפּגענאַרט די אַרבעטער און זיך פאַרבונדן אָפן מיט די קלעי־קווידעש, מיט די באַלעבאַטים און רעקעטירער. האָט זיך דער אַרבעטער אויפגעכאַפּט און איז פון זיי אַנטלאָפן. אַנגעפאַנגען קעמפן און פאָדערן. און אַנשטאָט צו שלעפּן שטרוי און ציגל און בויען פּיסעם־ווערטאָמזעס פאַר די רייכע, האָט זיך דער אַרבעטער גאָר גענומען בויען אַ סאָוועטן־וועלט.

האָבן די פּאַרע'ס פון די סאָציאַל־פאַשיסטן זיך א לאָז געטאָן און געוואָלט צוריקהאַלטן די שקלאַפן זיי זאָלן ניט אַנטלויפן. איז געוואָרן א קאַמף צווישן די אַרבאַע באָנים — די פיר צייטונגען.

כ אָ כ ע ם — די „מאָרגן־פרייהייט" זאָגט:

רויט איז מיין בלוט און רויט איז מיין האַרץ,
איך פיר אָן א קאַמף מיט געל, בלוי און שוואַרץ;
איך קעמף געגן דאַלעס, איך קעמף געגן נויט,
איך טייל ניט קיין מאַצעס און רויב ניט דאָס ברויט.
איך שרייב ניט קיין שעקער, קיין זנוס און קיין שונד,
שפּאַלט ניט קיין קעפ, און הייל דאָך א וואונד...
אָנערקען ניט קיין געטער, קיין קייסער, קיין האַר,
רוף צו דעם שוואַכן — זיי ניט קיין נאַר.
באַפריי זיך פון הערשער — שוואַרץ, בלוי, צי געל,
מיט פאַראייניגטע קויכעס, מאַך פון זיי א טעל.
דאָס איז מיין אַרבעט, טאָג־איין און טאָג־אויס,
פון סוינע די צייגער רייס איך אויס.
איך בין די „פרייהייט" וואָס שטורעמט די גאַס,
איך קעמף מיט די סאָנים פון אַרבעטער קלאַס.

ר אָ ש ע — דער „פאָרווערטס" זאָגט:

איך בין דער „פאָרווערטס", דער פייפער פון לאַנד,
וואָס שרייבט שיינע מייסעס פון שונד און פון שאַנד.
צען שטאָק פאַרמאָג איך, און פיר אַלץ אַליין,
פיל אויס די זייטן — פּאַשעט און פּליין.

איך לערן די לעזער שטענדיג אין פעיפער,
ווי די נאז זיך צו ווישן מיט א טרוקענעם דאיפער.
איך גיב זיי „סטארים" פון בעד־רום און קיך,
מיטלען צום מאגן און האר פאר א פליך.
איך ברייגג אפט צוזאמען א וואנט מיט א וואנט,
און זע אז דאס אלעם זאל ווערן באַ'קאהאַנ'ט...
איך קעמף געגן לינקע, מאך פון אלעם א טעל,
כ'דערלאנג א מעסירע — און פארפאק זיי אין דזשייל.
זיי רופן מיך ראשע, דאך מיך ארט ניט א האר,
אזוי לאנג ווי איך בין באס פון צען גרויסע פלאר.

ט א ם — דער „טאג" זאגט

איך בין דער „טאג", לויף אהער־און־אהין,
א קאץ און אן אינדיק — ביי מיר איז איין מין.
איך שרייב פאר די געלע, שרייב אויך פאר רויט,
אז כ'וויל — עס איך מאצעס, אז כ'וויל — עס איך ברויט.
איך בין אומפארטייאיש, אזוי און אזוי,
אמאל שריי איך וועי, אמאל שריי איך אוי.
אמאל עס איך כאזער, און אמאל עס איך צימעס,
איך קוליע אזוי זיך, און טו דאס בענימעס.
כ'שרייב וואס עס לאזט זיך, פאר דער פען איז אלץ גלייך,
שרייב איך פאר ארעם, שרייב איך פאר רייך.
רוף מיך אן טאם, אבי נאר באצאל,
כ'קען גיין שאבעס אין שול און אין טעמעני־האל
איך בין דער „טאג", וואס ברייגגט שטענדיג ליכט,
ווי גרוים איז די פיידי — אזוי דער באריכט...

ש ע ע י נ י י ע י ד ע י א ל י ש ע ל. — דער „מארגן־זשורנאל" זאגט:

איך קום צום לעזער אויפן ניכטערן מאגן,
מיט אידישע טרערן און אידישע קלאגן,
ברייגג צו דעם לעזער וויכטיגע נייעס,
פון א כאזן, א מאגיד, א שול און לעוואיעס.
איך ווייס ניט און וויל ניט פון גאר קיין זאך וויסן,
כוץ פון טעלער און טאלער צו קענען געניסן.

שרייב מיר משיקאווע, וואָס דאַרף זיך ניט קלעפּן,
שטעל צו די באַסעם סקעבס אויף צו סקעבן.
איך לאָז פון פּרינציפּן, ס'האָט ניט קיין צורע,
די הויפּט זאַך איז קענען פּאַרקויפן די שורע.
איר מעגט זיך דיינקען, אַז איך ווייס פון גאַרנישט,
דאַך מאַך איך אַ לעבן פון אַלץ וואָס מ'טאָר נישט.

זייכער.

איצט גיסט זיך אַן נאָך אַ קאָס, צעברעכט אַ לעבל ברויט פּאַר אַ זייכער פון די רעכטע ברעכער, און זאָגט מיט אַפּעטיט:

בימסעי־מיאַט — מיט אַ הייפעלע קאָמוניסטן האָבן מיר אָנגעפאַנגען אונזער באַוועגונג. איצט איז פול די וועלט מיט זיי.

וואַייראָו אייסאַנו האַמיצרים — האָבן די שוואַרץ־מעיעניקעס זיך אַ נעם געטאָן און גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע געלע.

האַווּאַ ניסכאַקמאַ — מיר מוזן ברוין און בלוי מאַכן די רויטע...

וואַניצאַק — האָבן די לינקע זיך צעשריען: „דאַוועראַכער, וואָו שטופּסטו זיך בעיאַד כאַזאַקע?..."

האָבן די שוואַרץ־מעיעניקעס גלייך געענטפערט מיט צען מאַקעס:

דאַם — פאַליציי, מיר פייפן אויף זיי.
צפאַרדעיאַ — אַ שמוץ־בונד. זיי וועלן קראַקען אין בלאָטע.
קינים — די פּרעסע — מיר האָבן איר אין באָד.
אַרעוו — צעמישן די מויכעס. מיר'ן זיי אויפקלערן.
דאַוועך — ביוראָקראַטיע. מיר'ן עס דיזענפעקטירן.
שכין — פאַשיזם, מיר'ן זיי אויסטריקענען.
באָראָד — אינדזשאַנקשאַנס. מיר וועלן באַקעמפן.
אַרבאַ — בלויע פויגלען. זיי וועלן ווייט ניט פליען.
כוישעך — רעליגיע. מיר וועלן עפענען די אויגן.
מאַקעס בעכעירעס — פאַרשפאַרן אין טורמע אונזערע פירער. מיר'ן זיי באַפרייען.

איצט נעמט אַ רויטע גלאָז וויין און זאָגט מיט מוט:

שפאָך כאַמאָסכאָ — אַ קלאָג אויף אַלע פּאַרטעטער, נאַציאָנאַליסטן, שאָוועניסטן, רענעגאַטן, ביוראָקראַטן, בורזשויען און סטאַם קלעי־קוידעש שווינדלער. ווי אין פּאַסעק שטייט:

ווען די פירער וואָלטן ניט פאַרשוועגדעט אונזער בלוט, נאָר בלויז גענומען גרעפּס — דאַיעינו.

ווען די פירער וואָלטן ניט גענומען קיין גרעפּס, נאָר בלויז פאַר־ראַטן — דאַיעינו.

ווען די פירער וואָלטן ניט פאַראַטן, נאָר בלויז פאַרפירט — דאַיעינו.

אַל אַכעם קאַמע ועקאַמע—אַז די פירער האָבן פון אַלץ פאַרזוכט, מוז'ן מיר דאָך געוויס זאָגן — דאַיעינו.

איצט נעמט אַלע די פּויסטן אין די הענט און זינגט אין כאָר:

כאַד גאַדיאָ, כאַד גאַדיאָ,

בורזשוי וויל דעם קאַמף פון אַרבעטער דערשטיקן.
זאָגט מען אַז יעדן טאָג — עס קומט נייע גליקן —
כאַד גאַדיאָ, כאַד גאַדיאָ,
מ'טרייסט מיט באַלאַשעס, עס קומען נייע צייטן,
אָבער אַלע פאַרשטייען, וואָס דאָס קען באַדייטן —
כאַד גאַדיאָ, כאַד גאַדיאָ.
די פרעמע קלאַפּט אַ פרייליכס, עס בלאָזן נייע ווינטן,
מ'צעשניידט זיך דעם פאַרנט און מ'לאַטעט דעם הינטן —
כאַד גאַדיאָ, כאַד גאַדיאָ.
אין שולן, אין קלויסטערס, מ'האַלט אין שרייען און קלינגען,
צו הערן דעם באָס, ווי זיס ער טוט זינגען —
כאַד גאַדיאָ, כאַד גאַדיאָ.
איצט ווייסע און שוואַרצע, מענער און פרויען,
אַ וועלט פון סאָוועטן איז צייט נעמען בויען,
און זאָלן די באָסעס בילן און וואַיען —
כאַד גאַדיאָ, כאַד גאַדיאָ.

מ׳דאַרף וויסן דעם וועג...

מיט אַ פרייליכער פּנים איז געשטאַנען באַוווּרטע ראָזענבערג און פּאַרקנאַטן אַ טאַרט. ניט געזשאַלעוועט קיין אייער, צוקער, ניס און קרים. האָט זי געמומען דעם טאַרט אויסגעפּוצן, האָט זי ניט געזשאַלעוועט קיין צייט און קיין מי. אויסגעמאָלן אַרום און אַרום די ווערטער: „קינדער שולע ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן". אינמיטן פון דעם טאַרט — אַ קיילעכדיגן סערפּ און אַ זאַפטיגן האַמער.

דאָס האָט באַוווּרטע ראָזענבערג צוגעגרייט צו דעם ערשטן יאָנטעוו פון דער קינדער־שולע, וואו איר האַימעלע גייט לערנען.

זי האָט זיך שוין אַ סך אָנגעהערט וועגן דער שולע פון די שכנים און טאַקע פון איר האַימעלען, ווי אַזוי מ׳לערנט שרייבן, לייענען, דעקלאַמירן, שפּילן און זינגען.

האַימעלע ווייזט איר אָן: ווי אַזוי די מיידעלע פון צווייטן פלאָר האָט אין דריי וואָכן צייט זיך אויסגעלערנט צו שרייבן אַ בריוועלע צום זיידן אין סאָוועטנלאַנד און טאַקע ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַרבעטערס אַ קינד. יאַסעלע, זיין באַוווער, לייענט שוין גוט אידיש און לייענט פאַר אַלע טאָג פאַר זיין מאַמען די וויכטיגסטע אַרבעטער נייעס.

באַוווּרטע ראָזענבערג האָט געקוואָלן, וואָס איר האַימעלע האָט ליב די שולע, האָט ליב ווי דער לערער לערנט און שפּילט זיך אַזוי פיין מיט די קינדער.

פאַרענדיג זיך אַרום אויוון, האָט באַוווּרטע ראָזענבערג געהאַלטן אין איין פרעגן האַימעלען, צי דער לערער וועט אויך זיין. זי וויל אים קענען, טאַקע אַליין מיט אירע אייגענע הענט אים דערלאַנגען אַ טייל פון דעם טאַרט, דעם סערפּ, דעם האַמער, אָדער גאָר דעם טייל וואו עס איז אָנגעשריבן „קינדער שול"?

אין אָוונט פון דער אונטערנעמונג איז באַוווּרטע ראָזענבערג מיט האַימעלען ביי דער האַנט און דעם טאַרט אין אַ גרויסער פּאַפּירענער שאַכטל אַוועק אין זאַל אַריין.

ביים טיר האָט זי געטראָפן שמייענדיג קאַמיטעט אַהין און צוריק.

זי האָט זיי דערלאַנגט דעם טאָרט, געקויפט אַ בילעט און זיך געלאָזט אויף די טרעפּ צו אַריינגיין אינוויינינ.

די קאָמיטע האָט איבערגענומען דעם טאָרט, האָט באַטראַכט דאָס שאַכטל פון אַלע זייטן, אַראָפּגענומען דאָס דעקל מיט פראַגע־צייכנס אין די אויגן און געקוקט אויף דעם סערפּ און האַמער.

כאַוועריטע ראָזענבערג האָט מיט האַימעלען געשפּאַנט אויף די טרעפּ און ווײַלע אים אַנגעזאָגט:

שרעק זיך ניט, קינד מיינס, ווען דו וועסט היינט צום ערשטן מאָל אַרויסטרעטן צו דעקלאַמירן, האַלט זיך גוט.

האַימעלע האָט איר פאַרזיכערט:

— דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, מאַמע. אין שולע לערנען מיר דאָס אַלע טאָג.

אַריינגייענדיג אין זאַל, איז כאַוועריטע ראָזענבערג געוועזן נייגעריג צו באַקאַנען זיך גיכער מיט די פאַרוואַלטער און מיט דעם לערער. האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבערן זאַל און געוואָרפן אירע אויגן אין אַלע ווינקעלעך.

האַימעלע האָט זי פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט:

— מאַ, מיר זיינען ניט אין ריכטיגן פּלאַץ. ס׳איז ניט אונזער פּאַן.

די כאַוועריטע ראָזענבערג איז געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

האַימעלע האָט שוין מער ניט גערעדט, נאָר זיך אַוועקגעלאָזט הינטער דער בינע צו זען וואָס דאָרט טוט זיך.

דאָרט איז געשטאַנען אַ לערער מיט עטלעכע קינדער און איינ־געשטודירט אַ שפּיל, וואָס איז געווען פול מיט אידישע פענדעלעך, מיט טוירעלעך און קינדערלעך מיט פּעיעלעך.

היימעלע האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל, ער זאָל ניט אַרויסשיסן אַ געלעכטער. ער איז גלייך צוגעלאָפן צו דער מאַמען, איר פאַרטרויט:

— מאַמע, מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט. דאָ זיינען גאָר ציור־ניסטעלעך.

כאַוועריטע ראָזענבערג האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ:

— ווײ איז צו מיין טאָרט! אַזאַ געראָטענער סערפּ און האַמער!

זי האָט אַ נעם געטאָן האַסטיק די האַנט און זיך אַ לאָז געטאָן צום באָקס אָפּיס צו פאַרלאַנגען צוריק דאָס געלט און דעם טאָרט.

— איך בין ניט געגאַנגען צו אייך — האָט זי גענומען דערקלערן דער קאָמיטע, — נאָר צו דער שולע ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

די קאָמיטע האָט זיך איבערגעקוקט און געענטפערט:

— דעם קוואָדער פאַרן טיקעט קריגט איר צוריק, אָבער דעם טאָרט, דאָס ניט. די קאָמיטע האָט אים שוין צורעכט געמאַכט. אַזעלכע טאָרטן קען מען לאַנג ניט לאָזן ליגן...

שפּאַנענדיק נאָך צוויי פלאָר העכער, צו דעם ריכטיגן פּלאַץ, האָט די פרוי שטיל גערעדט, ווי צו זיך:

— איצט זע איך, אַז מ'דאַרף טאַקע וויסן ווי אַזוי צו פירן אַ קינד אויפן ריכטיגן וועג...

אַ אידיש האַרץ...

— איר זייט עפּעס אַ גוטער באַרבער? זייט אַזוי גוט און שערט מיר אָפּ מײַן באָרד.

— איר וואונדערט זיך, ווי קומט איצט, ערעוו די שרעקלעכע טעג, ווען מענטשן פאַרלאָזן זיך גאָר בערך צו מאַכן עטלעכע טאָלער, קום איך, אַ איד מיט אַזאַ בעזים אונטער דער מאָרדע, און הייס זיך גאָר אָפּשערן? ס'איז אויך ביזנעס, יו נאָו...

—הערט אַ מאַיסע. ווי איר קוקט מיך אָן, האָדעווע איך שוין מײַן באָרד פון קינדווייז־אָן.

אין די יונגע יאָרן האָב איך צוליב דער באָרד פאַרלאָרן אַ שידער. מ'האָט מיר גערעדט אַ מיידל אַ שיינע, אַ פיינע. נאָר אַז איך האָב זיך געטראָפן מיט איר, זאָגט זי, אַז זי וויל אַ באָכער מיט אַ פּאָנים, אָבער ניט אַ גאָז מיט אַ באָרד. טראַכט איך בײַ זיך: אויב עס איז באַשערט פון גאָט, וועט איר גאָרניט העלפן און זי וועט מיט מיר מוזן כאַסענע האָבן. צייגט זיך אָבער אַרויס, אַז גאָט האָט איר באַזאָרגט מיט עמיצן אַנדערש, און איך האָב געמוזט וואַרטן אויף דער, וואָס גאָט האָט פאַר מיר באַשטימט.

— האָב איך כאַסענע געהאַט מיט מײַן באַשערטער, געהאַט קינדער און געלויבט און געגלויבט גאָט. די קינדער זיינען זיך גע־וואַקסן, די באָרד איז געוואַקסן, און צוזאַמען אויך דער דאַלעס אין שטוב.

— איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, בין אַ פּרעסער ביים טרייד, קען אַריינשיסן אַ גוטן טאָג אַרבעט. אָבער ס'איז ניטאָ בײַ וואָס צו שיסן.

— מ'זאָגט, אַז אין אַמעריקע איז אַ קריזיס. דאָס קומט פון איבער־פּראָדוקציע. ווייס איך אָבער, אַז בײַ מיר איז דער קריזיס פון באָרד — וואָס מער איך גלויב גאָט, ליגט מיך גאָט מערער אין דר'ערד.

— איך בעט אייך, האַלט מיך ניט פאַר קיין נאַר. איר מיינט, אַז איר רעדט דאָ מיט אַ פאַנאַטישן אידן, מאַכט איר אַ טאָעס, איר

זאָלט מיר מויכל זיין. געווען אַמאָל פרום, פאַנאַטיש, האָב איך גע־רימט גאָט, געוואָרפן אין די פּושקעס, געגעבן די „גוטע־אידן”, און אַליין מיט ווייב און קינדער געפּעכגעט פאַר הונגער.

— היינט איז אַנדערש. איר ווייסט ווענן וואָס איך בין גע־קומען צו איך?

— הערט טאַקע די מאַיסע. איך האָב אַ טעכטערל, אַ קינד מיט גאָלד צוגלייך. רוף איך זיך אָן איינמאָל צו מיין באָס, וואו איך האָב געאַרבעט: עפּשער וואָלט איר אַריינגענומען מיין טעכטערל צו דער אַרבעט? ס'וואָלט אייך ניט געשאַדט און איר וואָלט געטאָן אַ טויווע אַ אידן. זאָגט מיר דער באָס: ער האָט טאַקע זייער ליב אידן, ווייל ער אַליין איז אַ איד צו גאָט און צו לייט. נאָר צו דער אַרבעט וויל ער בעסער שיקסעס, ווייל — זאָגט ער — דער פאָרמאַן אין שאָפּ איז אַ רעגעלער בלוטזויגער, וויל ער בעסער האָבן אין שאָפּ שיקסעס, אַבי ניט צו פאַרגיסן אידיש בלוט...

— פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז איך מיט מיינע קינדער האָבן ניט געאַרבעט. אַ גויאישער באָס האָט ניט געוואָלט אַריינגעמען, ווייל ער דיינקט, אַז אַלע אידן זיינען שלעכטע. און אַ אידישער באָס האָט ניט געוואָלט געבן קיין אַרבעט, ווייל ער דיינקט, אַז אַלע אידן זיינען גוטע, און ס'איז אַ שאָד, אַז אַ איד זאָל אַרבעטן...

זאָגט מיר מיין לאַנדסמאַן: מיסטער כאַים, (אַזוי היים איך, כאַים), עס וועט גאַרניט העלפן. לאָמיר זיך אַרויסלאָזן זוכן אַרבעט.

— מיין לאַנדסמאַן איז אַפּילע אַ פריידיינקער, ראַזירט זיך אַלע יאָרן די באָרד, אָבער אַ קלוגער מענטש. האָב איך ליב געהאַט מיט אים צו גיין און ריידן.

— אַזוי זיינען מיר זיך געגאַנגען פון שאָפּ צו שאָפּ, ביז מיר האָבן געטראָפן אַ פּלאַץ, וואו מ'דאַרף צוויי פּרעסערס. שטייען מיר אַזוי צופרידענע, קוקן זיך איבער, ביז עס קומט אַרויס דער באָס פון אָפיס, מעסט אונז אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

דער סאָף איז געווען, אַז מיין לאַנדסמאַן, וואָס איז מיט דריי יאָר עלטער פון מיר, האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, און מיר האָט דער באָס דערקלערט:

— איך האָב ניט קיין האַרץ נעמען אַ אידן מיט אַזאַ גרויסער שיינער באָרד און מאַכן פאַר אַ פּרעסער. איר פאַרשטייט, איך בין אַ איד

מיט אַ אידיש האַרץ און קען זיך ניט דערלויבן צו לאָזן אַלטע אידן זיך מאַטערן ביי מיר. זעט איר, יענעם האָב איך אָוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט. ער זעט נאָך אויס אַ געזונטער גוי, זאָל ער אַרבעטן...

— אין אַ צווייטן שאָפּ זאָגט מיר אַ באָס מיט אַ אידיש האַרץ: ער וואָלט מיר געבן מאַכן אַ וואָך אַרבעט, נאָר וואָס דען, ער דאַרף האָבן די אַרבעט פאַרטיג אויף יאַנטעוו, מוז מען אַרבעטן ביי אים שאַבעס... פאַרשטייט ער פון מיין באָרד, אַז איך וועל שאַבעס ניט אַרבעטן.

— דער סאָף איז, אַז אַנשטאָט אַרבעטן, גיי איך אַרום און גלעט מיר מיין באָרד.

— איר הערט אַ מאַיסע? זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר זייט עפּעס אַ גוטער באַרבער? שערט מיר אָפּ די באָרד!

— אויב אידן קענען צוליב ביזנעס זיך פאַרלאָזן אַ באָרד, מעג אַ איד צוליב מאַכן אַ לעבן זיך אָפּשערן די באָרד...

קריזיס

רופט דאָס אַ קריזיס, „דעפּרעשאַן", אָדער אַפילו מיט דעם אַלטן פּאַשעטן נאָמען סלעק, וועט איר מיט דעם אַלץ ניט קענען פאַר־פּאַסטן קיין טאַנעם.

מיין זיידע פלעגט זאָגן, אַז ווען אַ מענטש איז קראַנק, איז אַ טאַנעם אַ גוטע רפואה, דאָס הייסט, פּאַסטן זאָלן געזונטע — וועט דער קראַנקער געהאָלפן ווערן.

איצט, זאָגט מען, איז דער קאַפּיטאַליזם אַביסעלע מעבולע צו־ליבן קריזיס, דעפּרעשאַן אָדער סלעק. הייסט מען דעם געזונטן פאָלק פּאַסטן. אָבער דער קראַנקער ווערט עפּעס ניט געהאָלפן.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך וויל אייך נאָר דערציילן, ווי אַזוי איך זוך אַ דזשאָב און וואָס עס קומט דערפון אַרויס.

אַנומלטן לייען איך אין אַ צייטונג, אַז ערגעץ איז אַ גאַס דאַרף מען „העלפּ". קום איך און טרעף אַנדערע און עס קומען נאָך אַנדערע, און מיר שפּריימן אויס אונזערע הענט גרייט זיי צו פאַרדינגען פאַר יעדן פּרייז.

אַ מענטש (אַזוי האָט ער אויסגעזען) באַקוקט אונז, באַטאַפּט אונז און דערקלערט — וואָס ער האָט דערקלערט אַנדערע, ווייס איך ניט, — נאָר מיר האָט ער געזאָגט: — מיסטער לעבן, איך זע נאָך אייער סוט, אַז אייער לאַגע איז נאָך ניט אַזוי שלעכט. און איך בין אַ מענטש מיט אַ מענטשליך האַרץ. איך נעם צו דער אַרבעט נאָר אַזוינע, וואָס מוזן טאַקע האָבן אַ דזשאָב, און באַלד.

ער האָט אויסגעקליבן דעם, וואָס איז גרייט געווען צו אַרבעטן פאַר דער „מענטשליכער האַרץ" גאָר־גאָר האַלב אומזיסט.

אויף מאָרגן טו איך שוין אָן מיינע ערגסטע צעריסענע קליידער. איך קום אַריין אין אַ שאַפּ. דער באָס קוקט מיך אָן און ווייזט מיר די טיר.

— מיר, — זאָגט ער — דאַרפן מענטשן מיט לעבעדיגע פּנימער, נעט־געקליידעט. מיר ווילן, אַז ווען אַ בייער קומט אַריין אין אונזער שאַפּ, זאָל ער זען אַרבעטער ציכטיגע, ריינע.

אויפֿן דריטן טאָג בין איך אוועק אויף אַ נייעם אַדרעס. אַ מיידל קוקט אַרויס פֿון אַפּיס־פֿענסטער און פֿרעגט מיך: — אַ איד?

איך בין געבליבן אין אַ פֿאַרלעגענהייט. אַדעראַבע, וואָס זאָל איך זאָגן? אָבער איך האָב זיך געפֿאַסט מוט און געענטפֿערט: — יע, אַ איד.

דאָס מיידל האָט מיר געענטפֿערט קורץ און שאַרף: — ניין, מיר נעמען נישט קיין אידן. מיר ווילן נישט קיין סטרייקס. אַלע אידן זיינען באָלשעוויקעס.

— מיינט איר מיר צו זאָגן, — גיב איך אַ פֿרעג דעם מיידל, — אַז דער באָס פֿון דעם שאַפּ, מיסטער מייעראָוויטש, איז אַ באָלשעוויק?

— נעווערמיינד, — ענטפֿערט זי כוצפּעדיג, — די אידישע באָסעס זיינען אַלרייט, אָבער די אידישע אַרבעטער זיינען אַלע „נאָו־גוד".

בין איך מיר אַריין אין אַנאַנדער שאַפּ, און ווידער די זעלבע פֿראַגע.

דאָס מאָל טראַכט איך שוין נישט און ענטפֿער גלייך: — אַ גוי!

— אַ גוי, — האָט דער באָס זיך אַ קראַץ געטאָן אונטער דער פּאַכווע, — ניין, אין דער איצטיגער שלעכטער צייט, — גיט ער אַ בורטשע צום פֿאָרמאַן, — נעם אַריין נאָר אידן. איך האָב דאָך פּאָרט אַ אידיש האַרץ. זאָל אַ איד געניסן, האָבן אויף שאַבעס.

מיילע, טראַכט איר מיר, זאָל אַ איד האָבן אויף שאַבעס, אָבער איך דאַרף דאָך אויף זונטאָג אויך.

— וואָס פֿרעגט איר? וואָס וועט זיין דער סאָף? סלעק, דע־פּרעשאָן, קריזיס, — רופֿט דאָס ווי איר ווילט. דערווייל זוך איך אַ דזשאָב.

איר האָט עפּשער אַ סיגאַרעטל? וואָס זאָגט איר, איר רויכערט נישט? נו, גאָר געראָטן אין די אַמעריקאַנער פֿאַבריקן: זיי רויכערן אויך נישט...

„אַרויסגעשטעלט" אַ נאָז

זי, גיטעלע, איז געווען באַקאַנט ביי די פּיאָנערן פאַר דער גרעס־טער בעריע פון אַלע קינדער צו פאַרשפּרייטן בלעטלעך. וואו אַ סטרייק, אַ דעמאָנסטראַציע, אַ מיטינג, פלעגט זי, גיטעלע, זיין פון די ערשטע צו גיין און קלעפּן אויף די ווענט. עס זיינען פול געווען אַלע ווענט מיט די בלעטלעך. זי פלעגט זיי אויך דערלאַנגען אין האַנט אריין און אַפילו אריינשטופּן אין די קעשענעס, אָנזאָגן, אַז אַלע זאָלן וויסן: וואָס, וואו און ווען.

ווען אין דער גרויסער אַפּאַרטמענט־הויז פון דעם לענדלאָרד, מיסטער קרעפּל, איז דערקלערט געוואָרן אַ רענט־סטרייק און מ'האָט אַלע שכיינים ארום געדאַרפט אָנזאָגן און רופן זיי צו קומען העלפן פּיקעטן, ניט צו דערלויבן דעם לענדלאָרד מאַכן אַן „עוויקשאָן", האָט מען זיך געווענדעט צו דער קליינער גיטעלע, די אָנפירערן פון דער פּיאָנערן־גרופּע.

גיטל האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט. אריינגעלאָפן אין דרוק־שאַפּ, אויף דערזעלבער גאַס, אָפּצונעמען אַ פּאַרטיגן ליפלעט, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט פון דעם טענענט־קאָמיטעט.

אַריינקומענדיג אין דרוק־שאַפּ, האָט גיטעלע דערזען אויך אַ צווייטן ליפלעט ליגענדיג פאַרטיג וועגן דעם רענט־סטרייק אין דער זעלבער הויז. עס האָט זיך אַזוי געלייענט:

„טייערע טענענטס, לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון די קאָמוניסטן אין אַ רענט־סטרייק. זייט וויסן, אַז מיסטער קרעפּל, אייער לענדלאָרד, איז אַ איד מיט אַ אידישער האַרץ, און אויב עס פעלט אייך עפּעס, לאָזט מיר וויסן. איך בין דער פּרעזידענט פון ביקער־כּוילים, דער טרעזשורער פון לעכעם אַניאַים און דער סעקרעטאַר פון מאַלבוש אַרומים. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, אַז קיין אידן וועל איך ניט אַרויס־שטעלן אין גאַס. די זעקס, וואָס האָבן געקראָגן די „דיספּאָזעסעס", זיינען גאָר קיין אידן ניט. זיי זיינען קאָמוניסטן. אַ סימען האָט איר, זיי צאָלן ניט דעם מילכמאָו, צאָלן ניט אין גראָסערי, און איצט ווילן

זיי קיין רענט שוין אויך ניט צאָלן. העלפט מיר און דערפאַר וועט אייך גאָט העלפן".

אזוי גיך ווי גיטעלע האָט דאָס דורכגעלייענט, האָט זי גלייך אוועקגערופן איר ברודער דזשעקן אַן אַ זייט און דאָס אים דערציילט, זאָגנדיג דערביי:

— הער, דזשעק, דער לענדלאָרד, מיסטער קרעפּל, וויל ארויס־שטעלן אונזערע כאַווירים, די אָרימע אַרבעטער־טענענטס. מוזן מיר אים מאַכן אַ קונץ און אַרויסשטעלן אַ נאַז...

זי האָט איינגעגנורעט איר קעפּל אין דזשעקס אויער און פאַר־טרויט:

גיי צו אין דרוק־שאַפּ און פרעג צי איז שוין פאַרטיג דער ליפלעט פאַר מיסטער קרעפּל. ווען דו וועסט קריגן דעם פּעקל מיט זיך, ברייננג אים אַריין צום לענדלאָרד און זאָג אים, אַז דאָס האָט געשיקט דער דרוקער, דערביי פרעג אים, צי דאַרף ער קינדער, וואָס זאָלן דעם ליפלעט פאַרשפּרייטן אין גאַס. פאַרשטייט זיך, אַז יע.

— דאַן, — האָט גיטעלע אַ שמייכל געטאָן.

— דאַן, — האָט דזשעק זיך צעלאַכט, — דאַרפסט מיר שוין מער גאָרנישט זאָגן...

ווי אַ וויכער איז דזשעק אוועקגעלאָפן אין דרוק־שאַפּ, אָפּגענומען די ליפלעטס און אוועקגעטראָגן צום לענדלאָרד מיסטער קרעפּל.

מיסטער קרעפּל, דערהערענדיג אַז ער קען קריגן צוגעשטעלט קינדער, וואָס זאָלן דעם ליפלעט פאַרשפּרייטן, איז געווען זייער צופרידן און געהייסן זיי טאַקע באַלד קומען.

אין פינף מינוט שפּעטער איז שוין די גאַנצע פּיאָנערן־גרופּע געשטאַנען ביי דער טיר פון מיסטער קרעפּל, וואו ער האָט זיי אָנגע־זאָגט:

— איר הערט, קינדערלעך, מאַכט נאָר אַ גוטן דזשאָב, איך גיב אייך אַלעמען צו פינף און צוואַנציג סענט, נעמט צו פּעקלעך ליפלעטס און גייט אַרום און אַרום די גאַנצע גאַס און גיט איבער צו אַלע שכיינים אַ ליפלעט. טוט דאָס זעלבע מיט די פאַרבייגייער אין גאַס.

די קינדערלעך האָבן צוגענומען די פּעקלעך ליפלעטס מיט די פינף און צוואַנציג סענטיגע, און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פון זיגער זיינען זיי אַרונטער די טרעפּ און זיך אוועקגעלאָזט אין גאַס אַריין.

גיטעלע האט ווידער געהאט א מיטינג מיט דער פיאנערן־גרופע און זיי אזוי געזאגט:

— איצט, כאווירים, נעמט דעם ליפלעט פון טענענט־קאמיטעט און לייגט אריין אינווייניג, מאכט א „סענדוויטש" אין דעם לענדלארדס ליפלעט און לאזט זיך ארויס צו די ארבעטער אין די גאסן זיי פאר־שפרייטן.

גיטעלע האט דערביי א וואונק געטאן מיט איר שטיפעריש אויגל,

— באגעגנט איר א פאליסמאן, גיט אים א „קרעקער" פון „סענדוויטש", באגעגנט איר אן ארבעטער, א טענענט, גיט די „אייז־קרים" פון „סענד־וויטש"...

אזוי איז געווען! ווען מיסטער קרעפל איז דורכגעגאנגען די גאס האט זיין הארץ געקוואלן, ווי אקטיוו עס זיינען דאס די קינדערלעך, אין אלע טירן, אין אלע בריוו־קעסטלעך. אויף די פליגלען פון ווינט האבן זיך געזען און געטראגן ליפלעטס.

ווען א פאליסמאן האט א כאפ געטאן א פיאנערל מיט א פעקל ליפלעטס און דורכגעלייענט די באדייטונג, האט ער א ליבלעכן גלעט געטאן דעם פיאנערל איבערן קעפל און איז זיך אוועק ווייטער, וויגנדיג דעם פאליס־שטעקן.

* * *

אין אוונט איז דער מיטינג גערופן פון דעם טענענט־קאמיטעט געווען איבערגעפאקט מיט ארבעטער פון דעם געגנט.

ווען גיטעלע האט געקראגן דאס ווארט צו ריידן אין נאמען פון די פיאנערן, אז זיי, די קינדער וועלן העלפן די טאטעס און מאמעס אין דעם קאמף געגן דעם לענדלארד, מיסטער קרעפל, איז אויפגע־שפרונגען א צווייטע פיאנערקע און האט איבערגעגעבן דעם טענענט־קאמיטעט אין נאמען פון דער גרופע צוויי מיט א האלבן דאלאר, וואס זיי האבן „פארדינט" פון דעם לענדלארד מיסטער קרעפל פאר „אויס־טיילן זיינע ליפלעטס"...

די לעבעדיגע און די טויטע —

(א קלאג פון א רעכטן)

איר מעגט אייך זאגן וואס איר ווילט, אויב עס וואלטן ניט געווען קיין לינקע, וואלטן מיר זיי באדארפט אויסטראכטן.

אט נעמט א פאקט, מיין ברענטש פון ארבעטער רינג, און אויב איך זאל וועלן זאגן ריכטיג, דארף איך זאגן מיין ברענטש אלעוו־האר־שאלעם.

אין מיין ברענטש איז אלע מאל געווען לעבעדיג אזוי לאנג, ווי עס האבן זיך געפונען די לינקע. די מיטינגען זיינען געווען גוט באַזוכט. די לינקע פלעגן קומען אויפן ארדער פון מאסקווע מיט פלענער, מיט ליטעראטור, מיט לעקציעס, מיט געזאנג. און די רעכטע ווידער פלעגן קומען צעשטערן די ארדערס. די רעכטע פירער פלעגן טאקע מוזן קומען. זיי האבן איבערגעלאזט זייערע געשעפטן, אויפגעגעבן גיימס, פלעגן אפילע ארומפארן מיט זייערע מאשינען און צוזאמענ־ברענגען די מיטגלידער.

היינט, אז די לינקע זיינען אוועק, קומט ניט אנדערש אויס ווי זיי האבן צוגענומען אויך די רעכטע: ניטא! איינגעזונקען!

טאקע וועגן דעם וויל איך אייך דערציילן. לעצטע וואך זיצן מיר אזוי און באטראכטן די לאגע: וואס טוט מען, וואס? מיר האבן שוין געשריבן בריוו און איינגעלאדן די מיטגלידער צו באנקעטן, צו פרייע קאנצערטן, צו פארדעס. וואס האבן מיר שוין ניט געטאן, און עס העלפט ניט, כאטש נעם און ברייננג זיי צוריק די לינקע...

איז געפאלן א פארשלאג פון אונזער טשערמאן. ווי איר ווייסט, איז ער פון די עלטערע און קליגערע מיטגלידער און טאקע איינער פון די גרינדער.

— שיקט ארויס — זאגט ער — א „ספעשעל דעליווערי” בריוו, און שרייבט זיי, אז איך, דער טשערמאן, בין געשטארבן, עפשער וועט דאס זיי צוזאמענברייננגען צו א מיטינג, וואו מיר וועלן קענען באשליסן וואס ווייטער צו טאן.

ווי איר ווייסט, איז אונזער טשערמאן געווען זייער באליבט ביי די מיטגלידער. האבן מיר געטראכט, אז דאס איז אן איינפאל, אז

מיט זיין „טויט" וועט ער עפשער קענען אויפלעבן דעם ברענטש פון „ארבעטער רינג".

גערעדט און געטאָן. ארויסגעשיקט א בריוו און געמאָלדן זיי פון דעם גרויסן „בראָד", וואָס עס האָט געטראָפן דעם „ארבעטער רינג", אַז אזאַ וויכטיגער צווייג איז אַפּגעבראָכן געוואָרן...

מיילע, וואָס זאָל איך אייך זאָגן: דער בריוו האָט אָנגערישן! פרייטאָג אַ גאַנצן טאָג האָט מען געהאַלטן אין רופן און פרעגן ווען וועט זיין די לעוואיע, און מיר האָבן געהאַט איין ענטפער, אַז היינט פרייטאָג צום מיטינג וועט באַשלאָסן ווערן.

דעם מאָל, פריער ווי ווען עס איז בעפאַר, האָבן די מיטגלידער זיך גענומען קלייבן צום מיטינג. דער טשערמאַן איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע צוגעגרייט מיט אַ רעדע צו איבערציינגן די רעכטע, פאַרוואָס זיי דאַרפן באַזוכן די מיטינגען.

אָבער ווי נאָר אַ מיטגליד האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון דעם מיטינג לאָקאַל און דערזען דעם טשערמאַן שטיין אויף דער פּלאַט־פאָרמע, איז ער מיט אַ געשריי „שמע ישראל" ארויסגעלאָפן פון לאָקאַל און אַנטלאָפן, וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

דער זייגער איז געוואָרן ניין, צען, עלף, און אויסער די באָארד אָוו דירעקטאָרן, וואָס האָבן געוואוסט פון דעם פּלאַן, האָט זיך קיינער ניט געיאָוועט צום מיטינג.

צוועלף אַזייגער האָט דער טשערמאַן בייז אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער:

— אויב די פּאַסקודניאַקעס ווילן שוין ניט קומען אַפילע מיך צו באַגראָבן, טאַ זאָלן זיי שוין באַגראָבן ווערן מיטן ברענטש, און איצט איז דער ברענטש באַגראָבן און באַשאָטן און מיר זיינען גע־בליבן אינגאַנצן אַן קאָרקע...

איך זאָג אייך, אַז מיר ביינקט זיך נאָך די לינקע. זיי האָבן גע־שאַפן לעבן און אונזערע האָבן דעם ברענטש געמאַכט טויט!

צײנער

(א לעקציע)

ציינער, מיינע פריינט, איז איינע פון די טייערסטע זאכן ביי דעם מענטשן, און ביי דעם דענטיסט, פארשטייט זיך. טראַץ דעם וואָס יעדער קאַבצוניוק קען זיך דערלויבן צו שרייען אויף די ציין...

קלוגע מענטשן שאַרפן דעם מויער, בייזע מענטשן שאַרפן די ציין. פונדעסטוועגן קען ניט דער גרעסטער כאַכעם מיט אַ שאַרפן מויער איינבייסן אַ סטייק ווי דאָס טוען שאַרפע ציינער...

ציינער דאַרף מען וויסן ווי צו היטן, און די וואָס ליגן די ציין אויף דער פּאָליצע... זיינען נאָך אויך ניט זיכער, אַז זיי וועלן ניט דאַרפן לייגן די ציין ביי דעם דענטיסט אין שאָו־פענסטער...

פאַר די אָבער וואָס האָבן שוין פאַלשע ציינער וויל איך זאָגן:

— זייט וויסן, אַז אויף פאַלשע ציינער, ווי אויף פאַלשע פּירער, קענט איר זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

אַ פאַלשער צאָן איז ווי אַ פאַלשער בעאַמטער אין אַ יוניאָן. ווי עס קומט צו אַ האַרטן ביסן מוז מען אָדער אַרונטערשלינגען זאַכן וואָס מ'קען ניט פאַרדייען... אָדער אויסשפּייען...

דערפאַר ווען איר קומט צו אייער דענטיסט האָט אַלעמאָל אין זינען צו צאָלן אים אַ צאָן פאַר אַ צאָן... וואָרום אַסאַך פון די דענטיסטן גלויבן, אַז ציינער זיינען באַשאַפן געוואָרן צו עסן, צו בייסן, צו שרייען אויף זיי, און זיי, די דענטיסטן, זאָלן קאָנען ציען כעיונע פון ציען די ציינער...

דער פאַקט באַווייזט, וואָס די ציינער נעמען זיי מיט געז און דאָס געלט מיט ביידע הענט...

פּראָפעסאָר דרילע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער פּאָפּולערסטער פאָלקס־ווערטל איז „אַי, מיינע ציין!"

דערפאַר, מיינע פריינט, זאָג איך, ברעכט אייך מער דעם קאָפּ וועט איר ניט דאַרפן ברעכן די ציינער... וואָרום די מערסטע ציינער ווערן אויסגעבראָכן פון קנאַקן „אינדיען־נאַטס" פון באַזוכן רעכטע

מיטינגען... און פון „פארווערטס" איוורע.

פאראן אסאך מענטשן, וואס זוכן נאר אימיצן צו קריגן אויף די ציין און זיי זיינען גרייט צו בייסען און לאזן די ציינער אין אים, דערמאנט איך זיי אבער פאלשע ציין, קלאפט זיי א צאן אן א צאן...

דא, זעט איר, פריינט, איז שוין א גליק פאר מענטשן מיט פרעמדע ציין. זיי דארפן שוין ניט קלאפן א צאן אן א צאן. זיי קענען אלעמאל איין האלבן סעט ארויסנעמען פון מויל... אבער דאך דארף איך אייך ניט ליגן א פינגער אין מויל...

דערפאר מיינע צוהערער, זאג איך אייך נאכאמאל: היט אייערע ציין! ווארום מיט פרעמדע ציין איז גוט די ערד צו קייען...

ווי איר זעט, מיינע פריינט, האב איך פיל וואס צו ריידן וועגן די ציין. עס איז אבער שווער א מענטשן צו ריידן אן ציין, און מיט גאלדענע ציין קען מען נאך אלץ ניט האבן קיין גאלדענעם מויל...

ווי איר קוקט מיך אן, בין איך נאך א יונגער מענטש. דאס איז שוין אבער פופצן יאר ווי איך שטודיר און פראקטיציר די מענטש־לעכע ליידן פון א צאן־ווייטאג, און היינט קאן איך זאגן מיט שטאלץ:

— אי, מיינע ציין!...

אַ קאָמפּראָמיס

טאָג און נאַכט פּלעגט דער כאַווער הערשל זיך אַרומקריגן מיט זיין כאַווערטע איבער דער זייער וויכטיגער פראַגע: אידיש צי ענגליש?

הערשל האָט ליב געהאַט אידיש, ווייל אידיש איז זיין מוטער־שפּראַך; אידיש דאַרף ער ניט לערנען, דאָס קען ער שוין. ער דאַרף נאָר לערנען אַנדערע געגענשטאַנדן.

זיין כאַווערטע גאַסי האָט דורכאויס געוואָלט ענגליש, ווי שווער עס זאָל ניט אָנקומען דאָס אויסצולערנען.

פּלעגט יעדן טאָג איבערגעכאַזערט ווערן די זעלבע אַרגומענטן אוןביידע האָבן זיך געהאַלטן, אַז זיי זיינען גערעכט.

אָנפאַנגען פּלעגט זיך די דיסקוסיע ביי יעדער געלעגנהייט. עס איז געווען געגנוג אַז גאַסי זאָל אַ געשריי טאָן — „ליסן, הערי”...

הערשל פּלעגט גלייך ווערן אַן אָנגעצונדענער און זיך ביין צעשרייען:

— הערשל קען הערן, אָבער הערי איז טויב ווי די וואַנט. ניטאָ דאָ קיין הערים, גיטל, דו הערסט? — פּלעגט ער שוין איר אַ שטאָך טאָן מיט דעם, וואָס ער האָט איר אָנגערופן מיט׳ן אידישן נאָמען.

פּלעגן זיי אַמאָל אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן, האָט הערשל מיט זיין ליבע צו אידיש אַרויסגערעדט מיט׳ן פולן מויל אויף אידיש דעם „אָרדער” צום „ווייטער”:

— גיט מיר אַ טעצל סמעטענע מיט בולקעס, ברויט און פּוטער און אַ גלאָז קאַווע.

גאַסי פּלעגט דאָס זעלבע „אָרדערן” נאָר אין ענגליש, און אויב דער „ווייטער” האָט ניט געקענט אויפכאַפּן וואָס הערשל האָט „גע־אָרדערט” אין אידיש, און גאַסי האָט דאָס גענומען קאָרעגירן אין ענגליש, פּלעגט הערשל שטאַרק בייז ווערן, און גאַנץ אָפט פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן.

— אַ פּלאַץ צום עסן! דאָס פאַרשטייט דאָך ניט אַ וואָרט

וואָס מ׳רעדט צו אים. אַלץ רופט זיך סאַרווער אין אַמעריקע, קאָ־לומבוסעס מעדינע — פּלעגט הערשל קייען צווישן די ציין.

האָט אימיצער באַגעגנט גאַסי׳ן און באַגריסט איר מיט אַ אידישן „גוט־מאָרגן״, איז גאַסי בייז געוואָרן, און שפּאַטיש געענטפערט:

— גוד איווינינג, גוד איווינינג!

אַט אַזוי האָבן ביידע געקעמפט פאַר די שפּראַכן...

ווען דער ווינטער איז אָנגעקומען, האָט הערשל גענומען איינ־טיינען מיט זיין גאַסי׳ן:

— פאָלג מיך, נעם אויף אַ קורס אין דעם אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט, מ׳לערנט דאָרטן אידיש, אַ מעכאַיע, און יעדער קלאַס גיט דאָך אַזוי פיל וויסן. פאָלג מיך, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן.

גאַסי, ווידער, האָט גענומען באַווייזן איר „הערי׳ן״, אַז ער דאַרף זיך פאַרשרייבן אין דער „וואָרקערס סקול״ און לערנען ענגליש.

— אַ קאָמוניסט, — האָט זי געטיינעט, — מוז קענען די שפּראַך פון לאַנד, און דערצו פאַרגעס ניט, אַז יעדער קורס לערנט דיך, עס מאַכט דיך פאַר אַ קעמפער און פאַר אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניגן אַרבעטער. פאָלג מיר בעסער און דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן...

דעם אוונט, ווען ביידע האָבן באַשלאָסן צו גיין פאַרשרייבן זיך, איז ווידער אַרויפגעקומען די פראַגע, און אַזוי פאַרענדיג צו דאַון־טאַון, האָט מען איינע די אַנדערע געזוכט צו איבערצייגן ביז מ׳איז אָנגעקומען אויף יוניאָן סקווער.

אַרויסשטייגענדיג פון דער סאַבוויי, זיינען ביידע געבליבן שטיין אַ ווײַלע אין אַ פאַרלעגענהייט, ניט וועלענדיג זיך שיידן אין צוויי באַזונדערע ווינקלען.

— ווייסטו גאָר וואָס? — האָט הערשל זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי ער וואָלט באַהערשט געוואָרן פון אַ וואונדערבאַרן איינפאַל, — וואָס זאָגסטו, גאַסי, אויף דעם, עפּשער לאָמיר מאַכן אַ קאָמפּראָמיס? (מיט׳ן אַקצענט אויפ׳ן לעצטן זילב).

— אַ קאָמפּראָמיס איז אַפילו ניט קאָמוניסטיש — האָט גאַסי זיך צעלאַכט — נאָר פונדעסטוועגן בין איך גרייט צו הערן.

— לאָמיר ביידע גיין צוזאַמען — האָט הערשל מיט ליכטיגע אויגן אויסגעקוקט, ווי אַ זיכערער, אַז זי וועט אָננעמען דעם פאָר־שלאָג — און טאַקע ביידע נעמען דריי קורסן אַ וואָך אין אידישן

ארבעטער אוניווערזיטעט און דריי קורסן אין ענגליש, אין דער וואַרקערס סקול.

גאָסי האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, און אַ כאַפּ געטאָן איר „הערי׳ן" אונטער׳ן אָרעם:

— דאָס מאָל מאַך איך אַ קאָמפּראָמיס!...

אויגן

(א לעקציע)

די אויגן, מיינע פריינט, האבן א גרויסן פארנעם אין דעם מענ־טשנס פאנים, טראץ דעם וואס זיי פארנעמען א גאנץ קליינעם פלאץ און גאנץ אפט שעמען זיך מענטשן צו ווייזן זייערע אויגן...

א מענטש אן אויגן וואלט געהאט אזא פאנים ווי א יוניאן אן מיטגלידער, אדער ווי א פירער אן דעם צוטרויען פון די ארבעטער.

איצט, אז איר ווייסט שוין די וויכטיקייט פון די אויגן, וועל איך אייך דערקלערן דעם אונטערשייד פון אויגן ביז הינער־אויגן.

אויגן, מיינע פריינט, געפינען זיך אין קאפ און הינער־אויגן אין די פיס. דער אונטערשייד פון ביידע סעטס אויגן איז וואס מיט די הינער־אויגן קענט איר אמאל ווייטער זען.

אט, צום ביישפיל:

ווען איר כאפט א קלאפ אין קאפ ווערט אייך פינסטער אין די אויגן, אבער ווען איר כאפט א טראט אויפן פוס, דערזעט איר דעם זיבעטן הימל...

ווען די אויגן טוען אייך וויי מוזט איר גיין צו א אויגן־ספע־ציאליסט, אבער ווען די הינער־אויגן בייסן אייך דארפט איר גיין אין — — באד אריין.

ווי איר ווייסט, זיינען די אויגן ביי דעם מענטשן טייער ווי די אויג אין קאפ... דאך גלייכן מענטשן צוווארפן אויגן וואו מ'דארף ניט... און דערפאר גייען ארום מענטשן מיט בלויע אויגן...

אויגן זיינען דא פארשידענע: שווארצע, ברוינע, בלויע און — פארשטאכענע...

פאראן אויך מענטשן וואס עסן מיט די אויגן... דערפאר היטן זיך שיינע מיידלעך פאר א גוט אויג...

א פאלשער מענטש ווינקט מיט דער אויג, א פאליטישען — מאכט צו אן אויג... א גאטס טראפטשע גלאצט די אויגן צום הימל...

מיין לאנגיאריגע פראקטיק האט באוויזן, אז ריידן אונטער די

אויגן איז פיל גרינגער ווי שלאָגן... און מיט די בעסטע אויגן־גלעזער קען מען ניט זען פון א ניקל א קוואָדער...

איך וועל אייך זאָגן א סאַך, מיין פריינט, אונטער פינף אויגן, (ווייל איך האָב א הינער־אויג), אז ווען דער מענטש זאָל אכטונג געבן אויף זיינע אויגן, וואָלט איר מיך איצט ניט אָנגעקוקט... נאָר ווייל איר זעט ניט די וועלט פאַר זיך זייט איר מיך געקומען זען...

ווי איך זע, מיינע פריינט, מיינט איר, אז איך ראָט אייך צו שלאָפן ביי מיינע לעקציעס? מאַכט איר א טאָעס. האַלט אָן אויג אויף אייער געליבטער, וואָרום זי וואַרפט אויגן...

אויגן זיינען ווי גאַנאָווים: באַהאַלטן זיך אונטער די לאָדנס און כאַפּן א דרעמל, פאַרשטייט זיך, אז פאַרשלאָפענע מענטשן האָבן ניט קיין ווייטן קוק... אָבער א סאַך מענטשן האָבן זיך צו ליב, און הייסן די אויגן צו האַלטן אָן אויג אויף זיך... און דערפאַר טאַקע קענען אסאַך מענטשן אָן אויג ניט צומאַכן...

צום שלום וויל איך אייך זאָגן „אויג אויף אויג“, אז מיט שלעכטע אויגן, ווי מיט שלעכטע הינער־אויגן, קען מען ווייט ניט גיין!...

דעריבער גיב איך אייך א וואונק: האַלט אָפן די אויגן, וועט איר זען די וועלט...

איך פאַר מיין ווייב געגן

וואָס, איר ווייסט גאָר ניט? דאַרפט איר וויסן, אַז מיין לענד־לאָרד, מיסטער גרינבערג, איז אויך מיין באַלעבאָס אין שאַפּ.

איר פרעגט, פאַרוואָס ער איז איצט ברוגעז? ווען איר זייט אויף זיין פּלאַץ, וואָלט איר אויך ניט געוועזן בעסער. פאַרקערט, ס׳איז מיר נאָר אַ וואונדער, פאַרוואָס ער פּלאַצט ניט, פאַרוואָס ער גייט ניט אַרונטער פון זינען, און פאַרוואָס ער באַגייט ניט קיין זעלבסטמאָרד.

אַזוי ווי איר קוקט אַז דאָס מענטשל, אַרבעט איך שוין ביי אים פאַר די לעצטע זעכצן יאָר. מיט יעדן יאָר איז ער געוואָרן רייכער. און איך? דאַרף איך אייך נאָך דערציילן?

אין די זעכצן יאָר, וואָס איך שקלאַף ביי אים, האָב איך זיך אויף איין זאַך אַרויפגעאַרבעט. ווען מיין באָס האָט געקויפט אַ הויז, רופט ער מיך אַריין אין אָפיס און זאָגט צו מיר: הערסט, איך גיי שוין מאַכן נאָך אַ רעדאַקשאַן אין די ווידזשעס (אַ נייעם לויז־שניט, הייסט עס), נאָר אַזוי ווי דו ביזט אַז אַלטע האַנט, ווייל איך אַז דו זאָלסט מאַכן אַ זייטיגן טאָלער. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן דיך צו מאַכן פאַר אַ דזשעניטאָר אין איין הויז.

אַזוי איז מיין באָס געוואָרן לענדלאָרד און איך — דזשעניטאָר. זייט דאַן האָט ער שוין צוגעלייגט, לאָמיר זען... יע, דאָס איז שוין דער פינפטער „רעדאַקשאַן", דאָס הייסט פינף הייזער, ווייל ביי יעדער הויז האָט ער אויפסניי געשניטן די סכירעס.

אָבער מיין באַלעבאָס איז ניט בלויז צו מיר אַליין אַזוי גוט געוועזן... ער האָט אויך אַז די אַנדערע אַרבעטער אין זיין שאַפּ ניט פאַרגעסן. די עלטערע האָט ער געמאַכט פאַר דזשעניטאָרס, די איינ־גערע האָט ער אַריינגענומען פאַר טענענטס.

און אַזוי פלעגט ער אונז געבן אָדער אַ שניט אין די סכירעס, אָדער אַ העכערונג אויף די רענט, און אַמאָלביידע צוזאַמען.

לעצטנס אָבער האָט פּאַסירט עפּעס, מיט וואָס מ׳קען מיין לענד־לאָרד און באַלעבאָס גאָר ניט מעקאַנע זיין. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס,

ווען ער איז איין פּרימאָרגן אַריינגעקומען אין שאַפּ מיט אַ שפּאָגל־נייעם פאַרלאַנג. ער וויל פון אונז אַ נייעם רעדאַקשאָן און אַזוי ווי די צייט איז אַ ביטערע, און אַזוי ווי, יע —

גייען מיר אַוועק צו דער אינדוסטריעלער יוניאָן, שמועסן זיך דורך, און באַשליסן אַ סטרייק.

צוריקגייענדיג פון שאַפּ־מיטינג, טראָגן שוין די אַרבעטער פּלאַקאַטן און לאָזן וויסן די פאַרבייגייער, אַז דאָ אין שאַפּ איז אַ סטרייק געגן אַ לוין־שניט.

ווערט מיין באָס ברוגעז און צעקאָכט זיך אויף אונז, פאַרוואָס מיר האָבן ניט קיין איינזעעניש אויף אים. מיר דאַרפן, זאָגט ער, זיך רעכענען מיט דער איצטיגער שווערער צייט, מיט דעם קריזיס, הייסט עס.

רופן מיר צוזאַמען אַ מיטינג פון אַלע טענענטס פון הויז, ס׳הייסט פון די אַרבעטער, מיט זייערע ווייבער און קינדער, און מיר ריידן זיך דורך וועגן דער לאַגע.

שטעלט זיך אויף אַ טענענט און זאָגט, אַז דער לענדלאָרד איז גערעכט. מאַכט ער דעריבער אַזאַ פאָרשלאַג: אַזוי ווי מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט דער איצטיגער שווערער צייט, ספּעציעל בעשאַס מיר סטרייקן, מאַך איך אַ פאָרשלאַג אַז קיינער פון אונז זאָל ניט צאָלן קיין רענט ביז דער סטרייק אין שאַפּ וועט ניט געסעטלט ווערן. נאָר אַזוי ווי דער באָס וויל אַ רעדאַקשאָן, זאָלן מיר אַלע שטימען פאַר אַ רעדאַקשאָן, אָבער ניט ביי גרינבערג׳ן דעם באָס, נאָר ביי גרינבערג דעם לענדלאָרד.

און אָט אַזוי ווי איר זעט, האָבן מיר שוין אַ דאָפּלטן סטרייק, אי געגן אַ רעדאַקשאָן, אי פאַר אַ רעדאַקשאָן.

— ווי זעט עס אויס? — אַזאַ יאָר אויף מיר. מיין ווייב טראָגט אַ סיין און פּיקעט דאָס הויז פאַר אַ רעדאַקשאָן, און איך טראָג אַ סיין און פּיקעט דעם שאַפּ געגן אַ רעדאַקשאָן. . . .

קו-קע-רי-קו

(אן אינטערוויו מיט א רויטן האן)

איך האב אים געטראפן שטייענדיג אויף א צאם, קרייענדיג צום זון־אויפגאנג.

איך: — העי, באכער, האסט א פיינע שטימע.

האן: — א גליק האט מיך געטראפן, היינטיגע צייטן קוילעט מען פאר לאזן הערן די שטימע....

איך: — (מאך זיך ניט ווויסנדיג) — וואס הייסט מ׳קוילעט ?

האן: — אט דאס, וואס דו הערסט. ווען איך ראטעווע זיך ניט אין צייט, וואלט איך שוין איצט געלעגן מיט געבונדענע פיס צו דער טיר.

איך: — מיסטאמע איז דאך פאראן אן אורזאך, גלאט קוילעט מען דאך ניט. איך ווייס, אז מ׳זינדיגט שטראפט מען.

האן: — אט דא איז טאקע דער אומגליק מיט דעם וועלטל, אז גראדע די וואס זינדיגן שטראפט מען ניט, נאר מ׳געפינט שוין פאר זיי א קאפארע. עס איז, ווי מען זאגט: „מ׳שעכט און מ׳בלייבט געדעכט..."

איך: — כ׳שטעל מיר פאר, אז דו מוזט דיין באס ניט לאזן רוהיג שלאפן. דו האלסט אין איין וועקן... נו, איז מען אין קאעס אויף דיר.

האן: — גראדע דאס מאל האבן זיי שוין מיך געוועקט...

איך: — וואס מיינסטו ?

האן: — אט הער זיך צו. פארטאג הער איך ווי מיין באס הייסט זיין טאכטער כאפן איינעם פון מיינע ברידער, און זאגט צו איר אזוי: זעסט יענעם האן, נעם אים, ער וועט זיין א שיינע קאפארע פאר מיינע זינד. נו, פרעג איך דיך: ווער האט געזינדיגט, איך צי ער ? איך מעסט אוים וואו נאר אן עק ביז איך פיק אוים א ביסל שפייז, א דאך איבער׳ן קאפ. ער, ווידער, רויבט, גאזלט, באשווינדלט ארבעטער, פרעסט און זויפט א גאנץ יאר און איצט וויל ער מיך מאכן פאר זיין קאפארע, וואס זאגסטו דערצו ?

איך: (אין שפּאַס) — פאַרגעס ניט די מיצווע וואָס דו האָסט.

האָן: — (אויפגערעגט) — מויכל, זאָלן זיי האָבן די „מיצוועס" און ווערן די קאַפּאַרע.

איך: — פאַרגעס אָבער ניט, אַז די טוירע זאָגט, אַז גאָט האָט דיך באַשאַפן פאַר דעם צוועק צו זיין די קאַפּאַרע.

האָן: — איך אָבער גלויב ניט אין קיין טוירעס און האַלט ניט פון קיין גאָט. וואָס איך גראַבל ניט אַרום מיט מיינע נעגל און פּיק ניט אוים מיט מיין שנאָבל, האָב איך ניט.

איך: — אָבער פאַרוואָס קרייעסטו אוים אַ לויב געזאַנג צום אַלמעכטיגסטן אַלע פרימאָרגן?

האָן (מיט שטאָלץ) — ניין, איר מענטשן קענט מיך ניט. דאָס קריי איך ניט צו קיין געטער, נאָר צום ליכטיגן זון־אויפגאַנג. (פּאַטשט מיט די פליגל און לאָזט מיך מער ניט רעדן.)

— איך, דער „רויטער האָן", האָב פיינט די נאַכט, ווי אַן אַר־בעטער אַ פאַררעטער. איך שטיי אויף פרי און וועק אויך אויף די וועלט.

אויף דער וועלט זיינען פאַראַן פוילענצער, וואָס פאַרשלאָפן דאָס לעבן. אָבער איך לאָז זיי ניט שלאָפן. ווען איך גיב אַ פּאַטש מיט מיינע רויטע פליגל און קריי אוים קו־קע־רע־קו — מיינט דאָס: מענטשן, שטיי אויף, ווערסט זען אַ ליכטיגן טאָג...

פעפערס, פאַרשלאָפענע, זיינען שטענדיג אויף מיר אין קאַס. גראָב־בייכיגע זיינען מיך גרייט אויפצופרעסן אַ לעבעדיגן. זינדיגע ווילן מיך אַלעמאָל מאַכן פאַר דאָס קאַפּאַרע־הינדל...

איך אָבער מיט מיין קריי פייף אויף זיי.

מענטשן קוקן אויף מיר מאָדנע, וואָס איך געפין זיך שטענדיג אויף אַ בערגל מיט שמוץ און פּיק מיט מיין שאַרפן שנאָבל. אָבער דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל עס ליגן אַזוי פיל בערג מיט שמוץ. פּיק איך אין די ווערים, וואָס פאַרפעסטן די וועלט. און ווערים זיינען פאַראַן אַ סאַך.

אָט, צום ביישפּיל, דיינקט איר, מענטשן, אַז דער רויטער האָן קען לאָזן זיך פלאַדזשען אַזעלכע ווערים ווי רוזוועלט, פאָרד, ראָקע־פעלער און אויך אַזעלכע קליינינקע ווערימלעך ווי דובינסקי, זימערמאַן, הילמאַן, אייב קאַהאַן, טאַמאַס, מעטיו וואָל — ווער קען זיי אויסרע־

כּענעז, די אַלע סאָרטן ווערים, וואָס פּרוכפּערן זיך אין דעם געמייזעכץ פון אַ באַרג וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט שמוץ...

צעשאַר איך מיט מיינע שאַרפע פוס־נעגל דעם באַרג שמוץ. אָפּט שמעקט דאָס ניט די פיינשמעקער. זיי ווילן עס זאָל זיין פאַרגלעט, פאַרדעקט. איך צעעפן דאָס, שלעפּ ארויס די ווערים פאַר די קעפּלעך ווי עקלדיג מיר זאָל דאָס ניט זיין; ווייל איך, דער רויטער האָז, גלויב, אַז אונטער אַ וועלט מיט אַ ליכטיגער זון טאָרן ניט זיין קיין בערג מיט שמוץ.

איך: — אָבער...

כּענעז, די אַלע סאָרטן ווערים, וואָס פּרוכפּערן זיך אין דעם געמויזעכץ מיטן רויטן קאַם, אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, פאַררייסן דעם קאָפּ און אויסגערופן):

ווי שווער עס זאָל פאַר מיר ניט זיין
דער כּאַלעף און דער שטעקן —
דערווייל בין איך דער איינציגער,
וואָס האַלט די וועלט אין וועקן.
און ווען אויפשטיין וועט די וועלט —
ניט זיין וועט מער קיין צאָרעס,
אַנשטאָט איך — עס וועלן זיין
די ווערים די קאַפּאָרעס...

צופיל פלייש

— איז וואָס וועלן מיר היינט עסן ? — האָט דזשאַנעט געפרעגט דזשעקן און געשפּאַנט פון איין קלאָזעט צום צווייטן.

דזשעק האָט געפּיפּקעט זיין ליולקע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פּאַרלעשן זיך, און האָט צווישן די ציינער געענטפערט:

— קאַך אָפּ, וואָס עס איז פאַראַן אין הויז, און אויף אַ ברויט האָב איך צען סענט, וועלן מיר עסן.

דזשאַנעט האָט זיך צעלאַכט:

— ווייסטו וואָס ס'איז פאַראַן ? איך האָב אַ האַלב פונט מאָגער פלייש, וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר צוגעשיקט, און מער איז אין הויז קיין שפּייז ניטאָ פאַר קיין פליג...

— זיי ניט קיין נאַר, — האָט דזשעק זי באַרואיגט, — אַ האַלב פונט פלייש איז גענוג: וועסט אַנגיסן אַ טעפּל מיט וואַסער, וועט זיין אַ זופּ. דערצו אַ ברויט, וועט שוין זיין גענוג פאַר צוויי מענטשן.

דזשאַנעט האָט זיך גענומען פאַרען אַרום טעפּל, און ווי צו זיך גערעדט:

— אַ ברירה האָבן מיר ? ס'וועט שוין מוזן זיין גענוג פאַר צווייען.

דזשעק האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביים פענסטער מיט דער ליולקע און האַנט. דזשאַנעט האָט מיט צערטליכקייט געוואַשן דאָס שטיקל פלייש אונטערן וואַסער, ווי זי וואָלט געבאָדן אַן איינגן קינד.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן די שטילקייט. דזשעקס כאַווער איז אַריינגעקומען. גלייך ביים האַנטדרוק האָט ער געוואָרפן זיינע אויגן צו דעם טעפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפן גאַז אויוון.

— ביזט הונגעריג ? — האָט דזשאַנעט אַ פרעג געטאָן.

— און אַז יאָ, — האָט דזשעקס כאַווער אַרויסגעזאָגט מיט אַ האַלב מויל, —וואָס קענסטו טאָן דערצו ?

— ס'אַרט דיך, — האָט דזשעק אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געגעבן אַ וואונק צו דזשאַנעטן.

דזשאַנעט האָט צוגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער אין זופּ... און מיט אַ שמייכל געענטפערט דזשעקס באַוועג:

— ניט געזאָרגט, אַז עס איז פאַראַן עסן פאַר צוויי מענטשן, וועט אויך זיין פאַר אַ דריטן...

דזשעק האָט אויף גיך אַרויפגעכאַפּט זיין ראָק, איז אַרונטער אין כטאַר קויפן דאָס ברויטל.

אויפן וועג האָט דזשעק באַגעגנט זייער הויז־פריינט, אַסיפּ. יענער איז געגאַנגען פאַרשמאַכט. ער האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעזוכט אַרבעט. דזשעק האָט אים איינגעלאַדן צו זיך.

אַז אַסיפּ האָט דערזען אַ ברויטל ביי דזשעקן אונטערן אָרעם, האָט ער זיך ניט געלאָזט בעטן און איז מיט אים גלייך אַרויף אין הויז אַריין. אַז דזשאַנעט האָט דערזען דעם נייעם גאַסט, איז זי גלייך צוגעלאָפן צום סינק, אָנגעפילט אַ גלאָז מיט וואַסער און ווידער צו־געגאָסן צום טעפל מיט זופּ... טראַכטענדיג דערביי:

— אַז עס וועט זיין פאַר דרייען, וועט שוין קלעקן פאַר פירן...

וואַרטנדיג אויפן סאַפּער איז מען געזעסן און גערעדט פּאָליטיק. דערווייל האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט ליזע, וואָס אַרבעט שוין ניט פאַר די לעצטע פערצן מאָנאַטן און איז שולדיג רענט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי וואוינט מיט די כאַווירים דזשאַנעט און דזשעק.

דזשאַנעט האָט זיך אויפגעהויבן פון איר קעסטל, אויף וועלכן זי איז געזעסן און צוגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער צו דער זופּ...

דזשעק האָט זיך אויך אַ הויב געטאָן פון שטול און גענומען גרייטן דעם טיש, פאַרשפּרייט דעם טישטוך, צעשניטן דאָס ברויט, צע־שטעלט די טעלער מיט לעפל, אַריינוואַרפענדיג דערביי אַ וואָרט אין דעם געשפּרעך, וואָס די כאַווירים האָבן אָנגעפירט.

די כאַווירים האָבן געשטיפּט, געלאַכט און געשלונגען מיט די אויגן דאָס צעשניטענע ברויט און די הייסע פּאַרע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון טעפל אין דער לופטן און גערייצט די נאָזלעכער.

אַז דזשאַנעט האָט אַ זאָג געטאָן:

— כעוורע, צום טיש!

איז מען געלאָפן ווי צום טאַנץ.

דזשאַנעט האָט אָנגעפילט די טעלער מיט דער זופּ, און אויפן מיטן טיש אַוועקגעלייגט אויף אַ גרויסן טעלער דאָס שטיקל פלייש,

וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט ווי אַ לעוואָנע אין אַ שיינער נאַכט...

מ'איז באַפאַלן דאָס ברויטל ווי די הייסעריקן, און ביי יעדן לעפל הייסע זופּ אין מויל אַריין האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעטראָפן מיט די בליקן אויף דעם שטיקל פלייש.

דזשאָנעט האָט, קייענדיג איר ברויט און זופּ, סאַרקאַסטיש באַמערקט:

— עסט, כעוורע, זשאַלעוועט ניט... נעמט אייערע פּאָרציעס פלייש...

דאָס שטיקל פלייש איז אָבער געבליבן אויפן טיש ניט באַרירט.

דזשעק האָט זיך איבערגעקוקט מיט דזשאָנעטן און האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— ניט אומזיסט שרייבן די צייטונגען, אַז אַמעריקע ליידט פון צופיל שפּייז, צופיל בעהיימעס און כאַזיירים איבערן לאַנד!..

ראַכמאָנעס

שטעלט אייך פאָר, אַ באָכער פון אַכט און דרייסיג יאָר אַלט, מיט אַ האַלב קאָפּ האָר, צוויי פאַרשלאָפענע אויגן, מיט אַ שטענדיג־ברויגעזדיגן קוק אויף דער וועלט, — דאָס איז דער העלד, וועמען איך גיי אייך איצט פאָרשטעלן און דערציילן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

זיין נאָמען איז כאַים און ווען ער הייסט אַפילע איוואַן, וואָלט קיין אַנדער זאַך מיט אים ניט געקאָנט פּאַסירן.

דער כאַים וואוינט אַליין אין אַ צימער אויף אַ פינפטן פלאָר, דערווייטערט פון מענטשן. זינט זיינע אַ געליבטע האָט אים אויסגע־לאַכט, ווייל ער מער ניט באַגעגענען קיין מיידלס פּאָנים. טוט ער אָפּ זיין טאָג אַרבעט, נעמט מיט אויפן וועג גייענדיג צוריק פון שאָפּ, עסן. קאָכט אַליין אָפּ, און שטופּט אַזוי זיינע טעג.

וואָס וועט זיין? — האָט אים זיינער אַ שאָכן אין שאָפּ איינמאָל געפרעגט — מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, מען ווערט אַמאָל קראַנק, מ׳דאַרף אימיצנס הילף, ווי קען דאָס אַ מענטש לעבן אַליין פאַר זיך און ניט באַלאַנגען צו אַן אָרגאַניזאַציע? פאָלג מיך און ווער אַ מיטגליד אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

— עך, זיי ניט קיין נאַר, — האָט כאַים אים געענטפערט מיט זיין שטענדיגן ברויגעזן קוק. מיין מאַמע פלעגט זאָגן: „אַליין — איז די נעשאָמע ריין, און אויב איך וועל אַמאָל קראַנק ווערן, זיינען דאָ מענטשן וואָס האָבן ראַכמאָנעס. ס׳איז ניט געפערליך.

* * *

שטעלט אייך איצט פאָר, אַז דער כאַים האָט געקראָגן די „פלו" און האָט זיך אוועקגעלייגט ווי אַ טאָטנס אַ פּאָטש. און איז אַזוי גע־לעגן צוויי טעג קעסיידער, ניט האָבנדיג קיין ביסל וואַסער אין מויל.

ווען אין שאָפּ האָבן זיך די אַרבעטער דערוואוסט, אַז כאַים איז קראַנק, האָט יעדערער שטיל פאַר זיך אַ קרעכץ געטאָן — אַ ראַכמאָנעס, אַ מענטש, אַליין אין אַ צימער, מ׳דאַרף לאָזן וויסן אין אַ צאָאַר־באַלע־כאַים אָרגאַניזאַציע. זאָלן זיי זען ברענגען אַ דאָקטאָר. אויף דעם דריטן טאָג האָבן זיך די שכיינים דערוואוסט, אַז כאַים, דער עלענדער,

וואָס וואוינט אויפן פינפטן שטאָק אַליין אין אַ צימער, ליגט קראַנק, האָבן זיי אויך אַ קרעכץ געטאָן.

— אַ ראַכמאָנעס, אַ מענטש אַליין אין אַ צימער, מען דאַרף אים זען העלפן, רופן אַ דאָקטאָר, ברענגען מעדיצין.

האָבן דריי ראַכמאָנעס אָרגאַניזאַציעס געשיקט זייערע דאָקטוירים און יעדער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן צו צוויי און דריי מעדיצינען. די שכיינים, פאַרשטייט זיך, זיינען אויך געווען מענטשן מיט הערצער און האָבן אויך געהאַט פאַמיליע-דאָקטוירים. האָט יעדער שאָכן געוויזן זיין גוט האַרץ און געבראַכט זיין דאָקטאָר, ווייל זיינער איז דער בעסטער און פאַר אַ עלנדן מענטשן מוז מען ברענגען דאָס בעסטע...

האָבן די דאָקטוירים ווידער געשריבן מעדיצינען און די שכיינים זיינען זיי געלאָפן „מאַכן".

ווען די מעדיצין איז פאַרטיג געוואָרן, איז ווידער געוואָרן אַ געלאַף די מעדיצין איינצוגעבן דעם קראַנקן, ווייל יעדע שכיינע האָט געוואָלט, אַז דער קראַנקער זאָל נאָר „געזונט" ווערן פון איר דאָקטאָר...

— נעמט! און ס'וועט אייך זיין צו רעפוע, — האָט אַ שכיינע מיט ציטערנדיגע הענט זיך אָנגעשטרענגט אים אַריינצוגיסן אַ לעפל מעדיצין אין האַלדז אַריין.

דאָס וועט דען העלפן? — איז באַלד אַ צווייטע אַריינגעקומען, — נעמט נאָר איין פּראָשאָק פון מיין דאָקטאָר און איר וועט ווערן געראַטעוועט.

מיט פּראָשקעס מיינען זיי וועט דער מענטש לעבן, — האָט אַ דריטע פרוי זיך צעשריען, — וואָס פּאַקט איר אים מיט מעדיצין. דער מאַן דאַרף האָבן אַ „קליסטיר". ער ליידעט, נעבעך, פון מאָגן. עס איז אַ ביטערער ראַכמאָנעס צו קוקן אויף אים, ווי ער זעט אויס, — האָט די פרוי זיך ביטער צעוויינט.

— אוי, — האָט דער קראַנקער היים אַרויסגעזיפצט,— האָט ראַכמאָנעס און הערט אויף ראַכמאָנעס צו האָבן אויף מיר...

— איר זעט דאָך, אַז דער מאַן האָט פיבער — איז די פרוי באַשטאַנען אויף איר דאָקטאָריש-וויסנשאַפט — איר זעט דאָך, אַז ער ליידעט פון מאָגן, אַ סימען האָט איר, אַז ער רעדט פון היץ...

ביי דעם „קאָנסאַליום" זיינען אַריינגעקומען צוויי קאָמיטעט-לייט פון דער צאָר-באַלעבאָס אָרגאַניזאַציע, אַ קוק געטאָן אויף אים, און

איינער האָט א מורמל געטאָן צום צווייטן:

— ער איז נעבעך הונגעריג, — האָט יענער זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער קעשענע, — נאַדיר אַ קוואָדער און ברייננג אים אַרויף אַ „סאַ־לאַמי" סענדוויטש. זאָל ער כאָטש האָבן קויעך צו קריינקען.

— וואָס רעדט איר? — האָט אַ פרוי אים אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט — דער מענטש איז דאָך קראַנק. ווי קומט ער צו סענדוויטשעס? זאָרגט אייך ניט, איך וועל אים באַלד אַרונטערברייננגען וואָס צו עסן, איך האָב אָפּגעקאָכט קרויט מיט פּאָטייטאָס, מעג דאָס עסן דער פּרע־זידענט...

אין די רייד זיינען אַריינגעלאָפן צוויי שכיינים און האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו צוויי פלעשלעך.

— וויי איז מיר ניט, — האָט איינע שטאַרק באַדויערט — גאָר פון זינען אַרויס, שוין אַריבער אַ שטונדע ווי איך האָב אים ניט געגעבן די מעדיצין.

— וואָס? — האָט די צווייטע זיך צעשריען — דו גיסט אים שוין ווידער די באָד־וואַסער פון דיין הינקענדיגן דאָקטאָר אין האַלדז אַריין דאָס וועט ניט גיין. דאָס מאָל וועט ער שוין נעמען די מעדיצין פון מיין דאָקטאָר.

כאַים איז געלעגן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, פאַרברענטע ליפּן, קוקנדיג, וואָס דער סאָף וועט דאָ זיין.

דער סאָף איז געווען, אַזביידע פרויען האָבן אויסגעפירט. ער האָט נעבעך געמוזט אַרונטערשלינגען ביידנס מעדיצינען.

* * *

— ווי פילט ער איצט — פרעגט איר?

— זאָלן אַזוי פילן מיינע סאָנים. דער באָכער וואָלט שוין זיבער געווען טויט, נאָר די מאַיסע האָט אים געמאַכט אומשטערבליך.

אַן אָ. ר. מיטינג

אזוי גיך ווי די לינקע זיינען אוועק פון דעם „ארבעטער־רינג" ברענטש, איז געוואָרן שאַ־שטיל — אַ בעסוילעם שטיבל.

די מאַכערס פון די פאַרבליבענע זיינען געווען צופרידן. ענדלעך, האָבן זיי געזאָגט, וועט איצט זיין שטיל, מ'וועט ניט דאַרפן לויפן און זיין אין צייט צום מיטינג. און אין אַלגעמיין וועט מען איצט ניט דאַרפן אַרומפאָרן און ברייננגען „הענט" צו שטימען. וועט מען קענען קומען צו אַ מיטינג, איז גוט, טאָמער ניט — איז אויך ניט געפערלעך.

ביסלעכווייז האָבן די מיטגלידער זיך אויסגעלערנט צו זיצן אין דער היים. רעגלמעסיג זיינען בלויז געקומען: דער טשערמאַן, וואָס האָט אַלע מאָל געקעמפט פאַר דעם לעבן פון'ם ברענטש, קעדיי ער זאָל ניט שטאַרבן פריער פון אים; דער סעקרעטאַר, וואָס פלעגט קריגן דריי דאָלאַר פאַר אַ מיטינג; איינער פון די מיט־גלידער, וואָס האָט שטענדיג געקריינקט און פלעגט קומען זיך קריגן, פאַרוואָס מ'גיט אים ניט דעם בענעפיט אין צייט, און נאָך אַ פּאָר פון די מאַכערס, וואָס פלעגן אינזינען האָבן אַ „געשעפט".

דער ברענטש האָט גענומען איינפאַלן. דער טשערמאַן פלעגט זיך פון דעם עסן אַ לעבעדיגער. דערפאַר טאַקע פלעגט דער סעק־רעטאַר אַלע מאָל פאַרשלאָגן עפּעס נייעס, וואָס זאָל ברייננגען דעם ברענטש צום לעבן און עטלעכע מעמבערס צום מיטינג.

אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ווען מ'האָט געפּרופט אַראַנ־זשירן אַ טאַנץ, זיינען געקומען בלויז די פּאָר אינגערע מיטגלידער; ווען מ'האָט געמאַכט אַ באַנקעט, זיינען געקומען די וואָס האָבן געזוכט מאַגנס. ווען ס'איז געווען אַ מעמאָריעל־מיטינג, זיינען געקומען בלויז די מישפּאָכעס פון דעם טויטן. ווען עס איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ קאָרטן־פּאַרטי, זיינען געקומען בלויז די, וואָס האָבן געהאַט וואָס איינצושטעלן.

אזוי פלעגן זיצן: דער טשערמאַן, דער סעקרעטאַר און דער קראַנקער מיטגליד און באַטראַכטן פלענער.

איינמאָל האָט שוין דער טשערמאַן אַליין פאָרגעשלאָגן, אַז סע וואָלט געווען אַ פּלאַן, דער אַרבעטער־רינג ברענטש זאָל פייערן זיין זילבערנע באַסענע.

דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן און עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ רייכע באַסענע מיט אַלע קליפּערלעך. זיינען געקומען אַ גרויסע צאָל מיטגלידער: מ'האָט געגעסן, געטרונקען, געהאָפּקעט, נאָר אַזוי גיך ווי דער באַלסימכע — דער טשערמאַן, — האָט גענומען דערקלערן ווי וויכטיג עס איז, אַז אַלע זאָלן קומען צו די מיטינגען, ווייל נאָר דאַן וועלן זיי אויך האָבן דעם קאָוועד און דערלעבן צו פייערן זייערע גאָלדענע באַסענעס — האָבן זיך אַלע צוביסלעך אַרויסגערוקט צו נעמען זייערע זאַכן. צום סאָף פון זיין רעדע איז פאַרבליבן ווידער דער טשערמאַן, דער סעקרעטאַר און דער קראַנקער מיטגליד...

אַזוי האָט זיך געמאַטערט דער ברענטש, ביז איינמאָל איז דער טשערמאַן געקומען מיט אַ פרייד צו דעם מיטינג:

— פריינדע, איך האָב אַ פּלאַן, —האָט ער מיט באַגייסטערונג גערעדט. עס גייט איצט צו יאָמים־נאָראָאים, לאָמיר מאַכן אַ מיניען אין אונזער ברענטש — טאַקע מיט אַ גוטן כאַזן — און איך בין זיכער, אַז אַלע מעמבערס וועלן קומען. און ניט נאָר די מעמבערס, נאָר אַפילע די לאַנדסלייט וועלן אויך קומען, ווייל זייער כאַזן איז אַ גאַרניט, ער האָט אַ שטימע פון אַ פּאַפּירענעם רעקאָרד...

דער פּלאַן איז גלייך איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן, מיט דעם באַדינג, אַז אַלע זאָלן העלפן פאַרשפּרייטן די בילעטן.

צו סליכעס זיינען געקומען אַ צאָל מיטגלידער. דער טשערמאַן האָט דאָס מאָל „געזאָגט" מיט מער אַפּעטיט ווי אַלע מאָל.

אין דער שטיל האָבן דער טשערמאַן און סעקרעטאַר זיך דורכ־געשמועסט:

— אַ וואוילער פּלאַן, אַ וואוילער פּלאַן, — האָבן זיי מיט באַגייסטערונג זיך געקלאַפּט איינע די אַנדערע אין די פּלייצעס.

צום נעקסטן מיטינג האָט דער סעקרעטאַר געמאַכט אַ פאָר־שלאָג, און דער קראַנקער מיטגליד האָט אונטערשטיצט, אַז דער אַרבעטער־רינג ברענטש זאָל האָבן אַ שטענדיגן מיניען.

געוואַלד, די רענט סטרייקס

(אַ מאָנאָלאָג)

איך האָב זיך ביי איר געבעטן ווי ביי אַ גאַזלען: פאַרקויף די לאָטס. וואָס טויג דיר די ערד, אז די בעסטע ביזנעס ליגן אין דער ערד? האָט זי מיר איינגערעדט, אז ביזנעס קענען טאַקע ליגן אין דער ערד, אָבער „לאָטס" קענען נאָך שטייגן ביזן הימל...

איז וואָס זאָל איך אייך דערציילן, איך בין געבליבן מיט די לאָטס און ליג אין דער ערד...

נאָר מיט לאָטס איז נאָך אַ האַלבע צאָרע. אַ סאך ערגער איז מיט די „פּראָפּעטקעס". אויב גאָט וויל איינעם שטראָפן, זאָל ער אים אריינרוקן מיינע הייזער און געבן אים אַ צולאָג מיינע טענענטס.

ערשטנס, מעג עס זיין ניט דער ערשטער, נאָר דער צוועלפטער, אז איך גיי דורך אין גאַס, טייטלען קליין און גרויס מיט די פינגער: „אהא, דער „רענטלאָרד" גייט שוין", ס'הייסט קיין רענט גיט מען ניט, אָבער אַ „רענטלאָרד" בין איך זיי. שוין ניט קיין לענדלאָרד, נאָר אַ „רענטלאָרד".

אָט בין איך דעם ערשטן פון לעצטן מאָנאָט ארויס קאָלעקטן אַ ביסל רענט, איז וואו איך האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, האָב איך געקראָגן איין ענטפער: „מיין מאַן איז אוועק אין הונגער־מאַרש!".

און אַלע, אזוי ווי זיך צוזאַמענגערעדט: דאָ איז נישטאָ קיין מאַן דאָרט איז נישטאָ קיין פרוי, נישטאָ קיין רענט, — הונגער־מאַרש.

וואָס־זשע מיינט איר איז די קונץ מיט דעם הונגער־מאַרש? גאָר פּאָשעט, אז מען מאַרטשט זיך גוט אָן, ווערט מען הונגעריג. איך ווייס דאָס טאַקע פון זיך אליין. אז איך מאַרטש ארום אַ דריי שאָ קאָלעקטן רענט טרעפּ ארויף און טרעפּ אראָפּ, עס איך דערנאָך מיט אַפּעטיט.

אָט אזוי ווי איר הערט, מאַכן דאָס די קאָמוניסטלעך אַ מאַרש און מ'ווערט הונגעריק, און דערנאָך שרייען זיי, אז דאָס פאָלק הונגערט, און דערווייל צאָלט מען ניט קיין רענט! און מיינט איר, אז מ'פאָלגט זיי ניט?...

אַט קלאַפּ איך לעצטע וואָך אַז ביי איינער פון מיינע טענענטס אין טיר און בעט רענט. נו, וואָס דאַרף איך אייך לאַנג דערציילן, האָט די פרוי אויף מיר געעפנט א מויל, ווי איך וואָלט געקומען ביי איר בעטן אַנעדאָווע. סטייטש, זאָגט זי, קיין סטים ניטאָ, די רומס זיינען שוין דריי יאָר ניט געפּארבט, קיין הייסע וואַסער איז נישטאָ, אַלץ האָט איר פאַר־געסן נאָר רענט געדיינקט איר.

זאָג איך צו איר — וואָס טויג מיר, אַז איך געדיינק, אַז עס איז שוין דער דריטער מאָנאַט, ווי איר צאָלט ניט קיין רענט?

וואָס מיינט איר, איז געווען איר ענטפער. אויב איר וועט ריידן א סאַך, מוז איך אייך אינגאַנצן ארויס פון אייך. אַז רענט, זאָגט זי, קען איך וואוינען אין שענערע רומס און אַז מ'וואַרפט ארויס איז אַלץ איינס, צי פון דאַנען, צי פון דאָרטן. אַז אַנדער פאַרשווינטע האָלט גאָר פאַר מיר א גאַנצע לעקציע. ווען זי האָט צו זאָגן, וואָלט זי אינגאַנצן ארונטערגע־וואָרפן מיינע הייזער. וואָס איז? דאָס זיינען פייער־פּאַסטקעס, ניט־סאַניטאַריש, אַן אימפּרואוומענטס. זי גיט מיר אָנצוהערן, אַז אויף פינפטער עווענין און ריווערסייד דרייוו שטייען א סאַך בעסערע הייזער און פּוסטעווען. צום סאָף איז זי זיך מעיאשעוו און זאָגט זיך אזוי אָפּ: איך זע ניט איין, צו וואָס פאַר א שוואַרץ יאָר מיר דאַרפן אינגאַנצן האָ־בען די רענטלאָרדס? און זי טוט דערביי צומאָל ניט קיין פינטל מיט אַן אויג.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט געשוויגן און אָנגעהויבן עפּעס טאָן דערצו, ערשט איך קוק זיך ארום, מיינע טענענטס האָבן זיך שוין צוזאַמענגערעדט און מען סטרייקט שוין ביי מיר פאַר ביליגער רענט!

איר הערט! זאָל אייך גאָט ניט שטראָפן אַז איר זאָלט ווערן א „רענטלאָרד". אַז „לאַטס" קענען אויך היינטיגע צייטן טרייבן א מענ־טשן איבער די הייזער... נאָר הייזער קענען טרייבן גלייך אין דר'ערד אריין...

שאַט, כ'האָב זיך אזוי פאַררעדט און דערווייל דוכט זיך, אַז די טע־נענטס פון מיין צווייטן הויז קלייבן זיך שוין אויך צונויף, יאָ אַלעוואַי איך זאָל ליגן זאָגן, כ'האָב שוין האָפּאָנים נאָך א רענט־סטרייק.

דאָס האַרץ

(אַ לעקציע)

דאָס האַרץ, מיינע פריינט, שפּילט איינע פון די וויכטיגסטע ראָלן אין דעם מענטשליכן קערפּער. און עס איז פעסטגעשטעלט: אַ מענטש וואָלט ניט געקענט עקזיסטירן אָן אַ האַרץ, ווי אַ רעכטער פירער אָן גענגסטערס...

דאָס האַרץ, ווי איר ווייסט, געפינט זיך אַלעמאָל אויף דער לינקער זייט. און דערפאַר מוז זי קלאַפּן... הערט אויף דאָס האַרץ צו קלאַפּן, דאַרפט איר וויסן, אַז זי האָט זיך איבערגעקוליעט..

מיט אַ האַרץ, מיינע פריינט, טאָר מען זיך ניט שפּילן (כאָטש פאַרליבטע; זיי איז דערלויבט), ווייל הערצער האָבן אַ שוואַכקייט צו כאַלעשן...

הערצער זיינען פאַראַן אידישע, גוייאישע און אינטערנאַציאָנאַלע. דאָס אידישע האַרץ איז צו קלאַפּן זיך אַל־כעט; די גוייאישע — צו טראָגן אַ צעילעם, און די אינטערנאַציאָנאַלע — צוזאַמענצורייידן זיך האַרץ־צו־האַרץ...

הערצער זיינען אויך פאַראַן געבראָכענע, געלעכערטע און שטיינערנע.

געבראָכענע הערצער, מיינע פריינט, קענט איר טרעפן נאָר ביי מיידלעך פון אַכצן יאָר ביז צוויי־און־זיבעציג. געלעכערטע ביי יעדן קאַבצן, און שטיינערנע — ביי יעדן לענדלאָרד.

ווען איינער איז גוט, איז אַ באַווייז, אַז ער האָט אַ גוט האַרץ; איינער איז שלעכט — האָט ער אַ האַרץ פון אַ לענדלאָרד...

הערצער זיינען פאַראַן ברייטע און שמאָלע. אָט, לעמאָשל, ווען איינער האָט עטליכע געליבטע, און דאָס האַרץ ווערט אים ניט צעפּלאַצט פון דעם, וואָס זי, איינע פון זיינע געליבטע, גייט אויס מיט אַן אַנדערן, ווען ער גייט אויס מיט אַן אַנדערער... איז אַ בעוויייז, אַז ער האָט אַ ברייט האַרץ... שמאָלע הערצער קען מען טרעפן נאָר ביי די, וואָס טראָגן זייער געלט־בייטל אויפן האַרצן...

ביי פרויען זיינען די הערצער מער געהויבן, ווי ביי די מענער. אַט, צום ביישפּיל, ווען אַ מאַן ברעכט אַ פוס, קען ער אַמאָל קריגן אַ פּאָר טויזנטער; ברעכט ער אָבער אַ האַרץ, קריגט ער פּריזאַן און ברעכט דעם קאָפּ...

אויף הערצער, ווי אויף טיי־גלעזער, מוז מען אַכטונג געבן, וואָרום פון צופיל היץ... פּלאַצן זיי.

דערפאַר דאַרפן קלוגע מענטשן זיך היטן פון צו־וואַרימע הערצער, וואָרום זיי וועלן זיך אָפּבריען...

דאָס האַרץ, ווי איר ווייסט, האָט די שווערסטע אַרבעט פאַרן מענטשן — אויסצושטיין זיינע אַלע צאָרעס. עסט מען אַ שווערן עסן, שטייט אונטערן האַרצן, אַ שלעכט עסן — ברענט אונטערן האַרצן. ווייסט מען אַ סאָד — שטיקט מען אים אין האַרצן...

איז עמיצן שלעכט, רעדט ער זיך אָראָפּ פון האַרצן; האָט איינער אַ פּאַסקודנעם באָס אָדער פאָרמאַן, פּלאַצט אים דאָס האַרץ.

אַלזאָ, מיינע פריינט, ווי איר זעט, האָב איך פיל וואָס צו ריידן וועגן האַרצן, נאָר איך האָב קיין האַרץ ניט...

ווען וועט דאָס שוין זיין?

(א מאָנאָלאָג פון א געקראכטן)

וואָס איך גיי ארום אזוי פארזאָרגט, פרעגט איר?

ווי קען איך זיין פריילעך? אייך איז גוט צו ריידן, איר האָט גאָרניט געהאט און גאָרניט פארלאָרן. די ווײדזשעס, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס איר האָט דאָרט פארדינט?

אָבער גאַנץ אַנדערש איז מיט מיר. מיט מיין גראָסערי סטאָר בין איך שוין פארטיג. פארטיג זאָל אזוי הואווער ווערן מיט זיין גאַנ־צער מישפּאָכע פון וואָל סטריט ביז וואשינגטאָן...

זעצט זיך אַביסל. מעג דאָך אייך שוין אָנשטיין צו רעדן מיט מיר. איך בין שוין פונקט אזא יאכסן ווי איר. אויף ארומגיין אר־בעטלאָז און פּעכנען פאר א פּעני בין איך שוין אויך אזא ארבעטער ווי איר.

יאָ, פאר די לעצטע דריי יאָר האָב איך זיך שוין אזוי געמוטשעט מיט מיין סטאָרקע. די האָלסיילערס האָבן מיר געגעבן אויף באָרג, האָב איך די קאָסטעמער מיינע אויך געגעבן.

מאָלט אייך, אַז קיין לעבן האָב איך שוין ניט געמאַכט פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. נאָר, האָב איך זיך געטראכט, אויב עס איז פאראַן פּאַר די קאָסטאָמער, טאָ לאָמיר אויך זיין אַ קאָסטאָמער... האָבן מיר אראפּגעגעסן פון די פּאָליצעס ביז דער ברונעם האָט זיך אויסגעשעפּט.

ווי זאָגט מען אָבער: א מענטש טאָר ניט אויפגעבן די האָפענונג. זיינען מיר געזעסן און געהאָפט. אוועק א יאָר, האָב איך פארצויגן דעם פּאסעק אויף די הויזן אויף נאָך א לעכל. איצט, ווי איר זעט, איז שוין ניטאָ אין פּאסעק מער קיין לעכלעך און אָנשטאָט גריזשען פון די פּאָליצעס דארף איך גריזשען די ווענט.

וואָס זאָגט איר, עס גייט צום ערגערן? א דאנק אייך פאר א טרייסט־וואָרט. איכ׳ל אייך זאָגן דעם עמעס, אַז מיך אַרט ניט, ווייל מיר קען שוין ערגער ניט זיין.

איר זייט אמאָל געוועזן אין מיין הויז מיט דעם ווייסן גאניק? יע, ס׳איז שוין אויך ניט מיינע. געפאלן נאָך אין ערשטן קראך. צוגענו־

מען. האָט זיך געלוינט? ניט געגעסן, ניט געשלאָפן, געליען, געבאָרגט געקויפט און געוואַרט אויף א „בום"...

מיינט איר, אַז מיך אַרט דאָס באַליִע? פאַרקערט, איך האָב שוין געוואַרט אויף דער מינוט, אַז איך זאָל פּטער ווערן פון דעם. מיט דעם וואָס זיי האָבן מיר צוגענומען די הויז האָט מען מיר אַרונטערגענומען א יאָך פון קאָפּ.

אַז ניט געשטראָפט זאָלט איר ווערן מיט דעם, איר הערט? ווען עס איז נאָר געקומען אַן אַנשיקעניש אין שטאָט האָט מען אים צוגע־שיקט צו דעם הויז מיטן ווייסן גאַניק. און ווער עס האָט נאָר אַנגע־קלאַפּט אין טיר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. א ראָוו, א שאַמעס, א מאַשגיעך, א צאַר־באַלעבאַיעמניק און פון אַלע שווארצע יאָרן. און פּרוביר גיב זיי ניט, רייסט מען זיך גלייך אריין מיט א שיינע־דוואַשע און קאַפּוט מיט א קאַסטאַמער. האָט מען טאַקע געמוזט געבן.

איצט איז מיר שוין וואויל—ניט איך האָב, ניט איך גיב... גלויבט מיר: קויפן די הויז איז מיר אָנגעקומען שווער, אָבער פּטער ווערן — טויזנט מאָל שווערער. וואָס מיינט איר, ס'איז אזוי גרינג היינטיגע צייטן פּטער צו ווערן פון א הויז?

איז א שיינע קאַפּאָרע מיט דעם הויז.

איצט פאַנגען זיך אָן די עמעסע צאַרעס מיט אַלץ וואָס כ'האָב אין הויז. איך דאַרף אויסצאָלן די ראַדיאָ, א סינגער־משין, אַפילע אויפן פּאָרדל האָב איך נאָך אויך צו צאָלן. נאָר דעם עמעס געזאָגט, אַרט מיך דאָס אויך ניט. איך האָב דען אויף געזאָלין, מיט וואָס צו פאָרן?

איכ'ל אייך אויסזאָגן א סאָד, אַז מיט מיר אַליין בין איך שוין אויך ניט זיכער. איר ווייסט דאָך אין דער ביזנעס־וועלט — א פּאַפּירל... א נאָוטל... א טשעקל... איך וואַרט יעדע מינוט מען זאָל מיך אויך א נעם טאָן...

יע, אייך איז גוט, אייך פעלט בלויז א דזשאָב, פּאַרנאָסע, אָבער מיר — א הויז, א סטאָר, א מאַשין און אַליין וויים איך שוין אויך ניט אויף וואָס פאַר א וועלט איך געפין זיך...

גלויבט מיר, איך הויב אייך אָן מעקאַנע צו זיין. עס איז דאָך שוין באַלד ווי איר פלעגט זאָגן, אַז מיר האָבן אַלץ צו פאַרלירן און איר האָט אַלץ צו געווינען...

איז זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי לאַנג וועט דאָס נאָך נעמען, ווען וועט דאָס שוין זיין?....

שטיק - אַרבעט

גלייך פרימאָרגן, ווען דזשייק פלעגט אַריינקומען אין שאָפּ, האָט ער געוואָרפן זיינע אויגן צום קאַטער־טיש, צי איז פאַראַן אָנגעשניטענע אַרבעט און ווי גרויס זיינען די בּאַנדלעך.

בּאַנדלעך — דאָס איז אויך געווען די וויכטיגסטע טעמע ביי די מאַשינען, צווישן אַלע אָפּערייטאָרס. אָבער ביי דזשעק'ן איז דאָס געווען דאָס וויכטיגסטע אין לעבן. ביי די מאַשינען פלעגט מען הערן:

— אַ קריינק וועסטו היינט קריגן נאָך אַרבעט. דו האָסט שוין גענוג אַריינגעשאָסן.

— אַט יענעם באַנדל קריג איך, — פלעגט אַ צווייטער אַרויס־שרייען.

— אַ גוטע מאַקע, — האָט שוין אַ בּורטשע געטאָן אַ דריטער.

פלעגט דזשעק אַ וואָרף טאָן זיינע אויגן אויף דעם באַנדל. און ווי מיט באַנייטע קויכעס זיך צעלאָזן מיט זיינע צוויי לאַנגע הענט, וואָס האָבן זיך געוואָרפן ווי צוויי וויאָסלעס אַרום אַ שיפל אין אַ טייך.

אָבער ניט דאָס באַנדל איז געווען דער איקער ביי דזשעק'ן: אין דער עמעסן האָט ער ליב געהאַט די „טיקעטס". וואָרום אויב דער קאַטער האָט אים געגעבן אַ בּאַנדל אָן טיקעטס, איז דאָס גאַנץ אָפט צוריקגעפלויגן דעם קאַטער אין קאָפּ אַריין.

די „טיקעטס" האָט דזשעק ליב געהאַט ווי אַ קינד שפּילצייג. שניידן די טיקעטס איז געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן.

מאָנטיק פרי, אין אָנפאַנג פון וואָך, ווען דזשעק האָט נאָך ניט געהאַט קיין טיקעט, האָט דאָס יעדער איינער געקענט לייענען אויף זיין פּנים. ווי ער וואָלט זאָגן: „וואָס טויג מיר די אַרבעט, אַז איך האָב ניט קיין טיקעט אין מיין קעשענע". אָבער אַז דער טאָג איז פאַרביי, פלעגט ער שוין גיין אַ פרייליכערער פון שאָפּ און ציילן די טיקעטס, ווי אַ קליידער־אינגל די קנעפּלעך, וואָס ער האָט געוואונען אין אַ שפּיל...

„טיקעטס" — דאָס איז געווען זיין בּוד, זיינע קאָרטן. אין יע־דער פרייער מינוט פלעגט ער זיי איבערציילן און ווידער סאָרטירן. און ווען די אָפּערייטאָרס פלעגן נעמען זיך רייסן איבער די באַנדלעך, איז געווען דזשעק'ס בעסטע כאָכמע ארויסצוכאַפּן זיין פּעקל „טיקעטס" און א געשריי טאָן איבערן גאנצן שאַפּ: ווער וויל א באַנדל?

איז דזשעק אריין עסן אין רעסטאָראַן, האָט ער געמוזט א פרעג טאָן דעם ווייטער, צי וועט ער נעמען א טיקעט פאַר א טיפּ. און ווען דער ווייטער האָט אים אָנגעקוקט ווי מעשוגע, פלעגט דזשעק זיך צע־לאַכן.

— ער וויל נאָך ניט? דו ווייסט, אז דאָס איז ניינציג סענט, קעש געלט, בעסער ווי קעש. דאָס איז דאָך א — טיקעט...

ווען דזשעק פלעגט באָרגן א דאָלער, האָט ער איידער וואָס־ווען געוויזן:

— נאָ, זע, מיינסט איך האָב קיין געלט ניט? דאָס איז גוטע געלט, נאָר איך דאַרף דאָס אויסבייטן.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען פאַר דזשעק'ן, ווען ער פלעגט דאַרפן פרייטיק נאָכט איבערגעבן די „טיקעטס" צוריק צום באָס אויף אויסצומאַכן „פּיידע". עס איז געווען א ראַכמאָנעס צו קוקן אויף אים, ווי ער האָט זיך געזעגנט מיטן „באַנדל", אריינגעטראָ־גען דאָס אין אָפּיס און נאָכגעוואָרפן זיינע בליקן, ווי דאָס ליבסטע וואָלט פון אים אוועקגענומען געוואָרן.

ווען אין דעם שאַפּ איז דערקלערט געוואָרן א סטרייק איינצופירן וואָך־ארבעט אָנשטאָט שטיק ארבעט, איז דזשעק ארומגעגאַנגען שטאַרק באַזאָרגט, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס א פארלוסט אין דער פאַמיליע.

— מיילע די באַנדלעך, — האָט ער געטיינעט צו די איבעריגע אָפּערייטאָרס — וועלן זיין באַנדלעך, אָבער ווי וועלן מיר זיי קענען מאַכן אָן „טיקעטס"?

נאָר דער סטרייק איז געסעטלט געוואָרן אויף וואָך־ארבעט, און דזשעק איז געוואָרן א יוניאָן־מאַן. איצט איז זיין בעסטער פאַרגעניגן ביי יעדן באַנדל ארבעט ארויסצוכאַפּן דעם יוניאָן־בּוד און אויסשרייען הויך פארן שאַפּ:

— איך זעט, אָט דאָס איז דער בעסטער „טיקעט". איך דאַרף אים פרייטאָג ניט אוועקגעבן דעם באָס.

איין האַנט

(אַ מאָנאָלאָג)

— פאַרוואָס שטייען מיר אין גאַס, פרעגט איר? ניט פאַר פאַר־גענינגן. נאָר אַז מען וויל זאָגן, איז דאָס גאָרניט אַזוי שלעכט. איך פרעג אייך, ווען, דיינקט איר, וואָלט אַזאַ אידענע, ווי איך, געהערט אַזוי פיל רעדעס און אַזוי פיל געהערט וועגן סטרייקס און לענדלאָרדס, ווי איך ווייס דאָס איצט?

— אַט האָב איך אַלעמאָל געגלויבט, אַז די הייזער, וואָס די לענד־לאָרדס פאַרמאָגן, האָט זיי טאַקע גאָט געשיינקט. אָבער איצט? — —

— איצט גלויב איך ניט, ווייל גאָט וועט אַזאַ לענדלאָרד־כאַזער ניט געבן קיין הייזער.

— אָבער פאַרוואָס איז ער אַ כאַזער, פרעגט איר? אויב אַזוי ווייסט איר נאָך ניט, וואָס אַ לענדלאָרד איז.

— זייט מוחל קוקט נאָר אַריין צו מיר אין די צימערן.

— איר זעט די לעבער? דאָס האָט געקאָסט אַכט־און־צוואַנציג דאָלאַר אַ כוידעש. וואָס פרעגט איר, אימפּרואוומענטס? עלעקטריק האָב איך אינם „לעמפּ־פּאָסט"; סטים־היט — אין לאָונדרי; פענסטער — אין מיינע גלעזער, און לופט — אויפן רוף.

דערפאַר, זעט איר, פלעגט ער אָבער קומען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג מאָנען רענט. סטייטש, — פלעג איך זיך צעשרייען, — איך האָב דאָך אייך געגעבן רענט דעם פופצנטן?! נו, — פלעגט ער אַרויסכאַפּן אַ קאַלענדאַר פון קעשענע און ווייזן: — אָבער איר זעט דאָך, אַז היינט איז שוין ווידער דער פופצנטער! — און ווי איז טאַקע געווען אין דער עמעסן? ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ קאַלענדאַר פון פאַר זיבן יאָר, וואָס האָט געוויזן, אַז דער מאָנטאָג אָדער דאָ־נערשטאָג איז טאַקע דאָמאָלסט געווען דער פופצנטער.

— אַנטקעגן וואָס איך דערצייל אייך דאָס אַלץ? אַט קעדיי מענטשן זאָלן וויסן, וואָס לענדלאָרדס זיינען.

— אַט הערט עפּעס:

— מיר קומען א קאמיטע צום לענדלארד און פארלאנגען, אז פאר ווינטער זאל ער געבן אביסל מער הייסע וואסער. רעגט צאלט מען ווי אין די אלטע צייטן. טא פארוואס ניט קיין קאנדישאנס? ווייסט איר, וואס ער האט געטאן? — איך וועל אייך געבן, — זאגט ער, — אט וואס, — און האט אונז געגעבן א גרויסן פייג.

—איצט פרעגט איר שוין, וואס איז געווארן? טא הערט. ווי ניך אימיצער האט זיך ארויסגעקליבן פון הויז, האט ער פארדונגען די צימערן אדער צו אן איטאליענער, אדער צו שווארצע.

— מיינט איר דאך געוויס, אז איך האב פיינט גויאים, זאג איך אייך: א קאפארע צען לענדלארדס פאר איין שווארצן. אמאל האב איך עפשער געדיינקט אנדערש. אבער, ווי איך האב אייך געזאגט, אז מ'שטייט אין גאס, דערוויסט מען זיך זאכן, אז מ'ווערט גאר קליגער.

זאג איך אייך טאקע וועגן די איטאליענער און די שווארצע, אז דאס, וואס זיי האבן זיך אריינגעקליבן אין די צימערן, איז ניט קיין פארברעכן, אבער א שפאס א שיינער.

— דער לענדלארד האט געמיינט, אז ווי־באלד ער האט אונז פריער געקענט געבן א פייג, וועט ער איצט, האבנדיג פארשיידענע נאציאנאליטעטן, אונז קענען געוויס געבן גאר א גרויסן פייג, און עפשער עטלעכע פייגן מיטאמאל.

— איצט הערט דעם שפאס. איר זעט, מיר האבן גענומען דעם פינגער פונ'ם אידן, דעם פינגער פון דעם איטאליענער און דעם פינגער פון דעם שווארצן און מיר האבן זיי פאראייניגט. איצט גיבן מיר אלע צוזאמען דעם לענדלארד איין גרויסן פייג — און ניט קיין רענט. מיר סטרייקן!... נאך מער, מיר האבן שוין דעם לענדלארד געגעבן צו פארשטיין, אז פון פאראייניגטע פינגער קען מען מאכן ניט נאר א פייג, נאר אויך א פויסט.

— וואס זאגט איר, ס'איז ריכטיג, טא זייט מויכל, ליינט צו א פינגער. און אויב איר קענט — טאקע די גאנצע האנט...

אַ באַר - מיצווע

פעני איז אַ פרום ווייבל. טאָג און נאַכט וואַשט זי די הענט און זאָגט בראָכעס.

אַז איר מאַן הערי לאַכט פון איר, שרייט זי, אַז צוליב זיינע זינד וועט גאָט זי נאָך שטראָפן.

ווען איר אייניקל איז קראַנק געווארן, האָבן שכיינים געהייסן ברענגען אַ דאָקטער, געבן דעם קינד אַן אָפּפיר־מיטל. אָבער פעני האָט געזאָגט, אַז דאָקטוירים קענען גאָרנישט טאָן, אַז דער בעסטער מיטל איז — אונטערלייגן דעם קינד צוקאָפּנס אַ סידער, און גיין אויף קייווער־אָוועס בעטן דעם „אויבערשטן".

ווען פעני איז אַוועק צום ראַוו בעטן ער זאָל מיט איר מיטגיין אויפן בייס־אוילאָם, האָט הערי געבראַכט אַ דאָקטער, וועלכער האָט געגעבן דעם קינד מעדיצין, און דאָס קינד האָט געעפנט די אויגן.

ווען זי איז צוריקגעקומען און דערזען דאָס קינד אַ דערפרישט, האָט זי זיך צעשריען:

— נו, זעסט שוין, הערי, ווער עס איז גערעכט? אַז מ'בעט גאָט, העלפט ער...

ווען הערי האָט איר גענומען באַווייזן דעם גאַנצן שווינדל פון רעליגיע און פּאַרוואָס די קליי־קווידעש זוכן דאָס אָנצוהאַלטן, האָט פעני זיך צעגוואַלדעוועט:

— דערצייל מיר ניט דיינע מאַיסעס, איך ווייס אַז ווען ניט גאָט וואָלט מיין טאַטע געווען היינט אַן אָרעמאַן.

זי האָט אים גענומען דערציילן:

— הער אַ געשיכטע. מיין טאַטע איז געגאַנגען איין נאַכט און געטראָגן מיט זיך אַ טויזנטער, זיינען אים באַפאַלן כעוורע און געהייסן אָפּגעבן דאָס געלט. האָט מען ביי אים געזוכט אין אַלע קעשענעס און ניט געפונען. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל מיין טאַטע האָט געהאַלטן דאָס געלט איינגענייט אין ציצע־קאַנפעס. נו, שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַן אומגליק עס וואָלט דאָ געווען, ווען מיין טאַטע

איז ווי דו — און גייט אַן ציצעס. איצט זעסטו שוין ווי אַזוי גאָט דינט אַף דעם מענטשן, וואָס האָט גלויבן אין אים?

אַז איר זעליגל איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר האָט פעני גענומען טראַכטן וועגן אַ באַר־מיצווע. — ס'הייסט, — האָט זי געטאַינעט, — ווי דען־זשע?

— הערי, — האָט זי איין פרימאָרגן אַ זאָג געטאָן, — זע, גיב אָוועק דאָס אינגל אין בעידער און זאָל אַ רעבע אים אויסלערנען אַ דראָשע; ס'וועט דאָך זיין אַ שאַנדע פאַר מענטשן, דאָס קינד זאָל ניט קענען אַ אידיש וואָרט.

— ער וועט שוין קענען! — האָט הערי איר פאַרזיכערט.

אַלע טאָג פלעגט פעני מאַטערן איר זעליגן: —זאָג מיר, דו קענסט שוין עפּעס?

— איך קען! — האָט זעליגל קורץ געענטפערט.

— אַנו, מאַך נאָר אַ פּראָבע, — האָט פעני זיך געבעטן ביים אינגל.

— מ'טאָר ניט, — האָט זעליגל איר שטיפעריש געענטפערט — דער רעבע זאָגט, אַז ביז דער באַר־מיצווע טאָר מען ניט אויסזאָגן די דראָשע...

פעני איז געווען גליקליך און געהאַלטן אין איין גרייטן זיך צו דער באַר־מיצווע פּאַרטי.

— הערי, — האָט זי אים איינמאָל געזאָגט, — דו ווייסט, עס איז שוין בלויז צוויי וואָכן צום באַר־מיצווע. פאַרגעס ניט און לאָז וויסן דיינע פריינט און איך וועל לאָזן וויסן מיינע, און אַזוי וועלן מיר האָבן אַ שיינעם יאָנטעוו ביי אונזער קינד.

זי האָט אים דערביי גענומען אויסרעכענען די אַלע מאַיכאָלים וואָס זי גרייט צו פאַר דער פּאַרטי.

העריין האָט געראָנענען די סלונע פון מויל:

— איך וועל שוין האָבן מיין גאַנצע מישפּאָכע, — האָט ער איר פאַרזיכערט.

זונטאָג פרי, אינם טאָג פון דער פּאַרטי, איז הערי אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. פעני איז געווען איבערגליקליך וואָס ער נעמט אַזוי פיל אַנטייל אין אַ רעליגיעזער צערעמאָניע, און זי האָט אים אָנגעוויזן ווי אויסצושטעלן די טישן, וואו עס זאָל זיצן דער ראָוו און וואו דער מעלאַמעד און די אַנדערע קלעי־קוידעשניקעס.

הערי האָט אַלץ צעשטעלט און דאַן געזאָגט פעניַן, אַז ער גייט מיט זעליגלען איינלאַדן נאָך אַ פּאָר פריינט.

הערי איז אַוועק צום קאָנסול פון די אַרבעטסלאַזע. זעליגל — צו דער גרופּע פּיאָנערן, און מ׳האָט ביידע אָרגאַניזאַציעס איינגעלאַדן.

אין אַ שאַ שפּעטער האָבן גענומען שטראָמען „געסט" צו דער באַר־מיצווע פּאַרטי.

אין אָנפאַנג איז פעני געשטאַנען אין קיך און געקוואָלן, ווייזנדיג צו די פרויען: — קיין איַן־הארע ניט, וואָס פאַרא גרויסע מישפּאָכע מיין מאַן פאַרמאָגט דאָס.

גאָר גיך האָט זי זיך אָבער דערשראָקן פון דעם גרויסן באַזוך:

— הערי, — האָט זי געשטאַמלט, — מירן דאָך ניט האָבן גענוג פאַר אַלעמען וואָס צו עסן.

הערי האָט איר געקלאַפּט אין פּלייצע:

— דערלאַנג אַלץ וואָס דו האָסט צוגעגרייט. זאָרג זיך ניט. עס וועט זיין גענוג, גאָט וועט געבן...

— איז שוין פאַראַן דער ראָוו און מעלאַמעד? — האָט פעני מיט פרייד אַ פרעג געטאָן.

— אַלע פאַראַן — האָט הערי געשמייכלט, אָנווייזנדיג צו דעם אָרגאַנייזער פונם קאָנסול, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן.

פעני האָט געגרייט צום טיש. די אַנדערע פרויען האָבן געהאָלפן און די אַרבעטסלאָזע האָבן גיך אָפּגעליידיגט די טעלער...

אַז אַלץ איז שוין געווען אויפגעגעסן, איז הערי אַרויף אויף אַ שטול. אויף זיין פּאָנים איז געווען אויסגעגאָסן פרייד. ער האָט געבעטן עס זאָל זיין אָרדנונג.

— איצט, — האָט ער געהאַלטן אָנגעשפּאַרט זיין האַנט אויף זעליגס קעפּל, — וועל איך אייך פאָרשטעלן דעם באַר־מיצווע אינגל, ער וועט פאַר אייך האַלטן אַ באַר־מיצווע דראָשע.

פעני און די אַנדערע פרויען האָבן פאַר פרייד זיך געווישט די טרערן און געקוקט זעליגלען אין מויל.

זעליג האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אין דער הויך, אַ וואונק געטאָן צו זיין גרופּע פּיאָנערן און אַלע האָבן צוזאַמען געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

נאָכן זינגען האָט זעליגל גענומען ריידן, וואָס איז די עמעסע

באַדייטונג פון באַר־מיצווע, פונוואַנעז עס נעמט זיך רעליגיע, פאַר־וואָס גלויבט דער טאַטע אין קלאַסן־קאַמף און די מאַמע אין גאָט.

פעני איז געשטאַנען צעטומלט, זיך איבערגעקוקט מיט די אַנ־דערע פרויען אין קיך און ניט געוואוסט וואָס דאָ צו טאָן. אָבער וואָס העכער און הייסער זעליג האָט זיך צערעדט, אַלץ שטאַלצער האָט זי **זיך דערפילט אויף זיינע רייד.**

ווען ער איז אַרונטער פון שטול איז פעני צוגעלאָפן, אים אַ קוש געטאָן, פאַרגעסנדיג איינגאַנצן וואָס דאָ טוט זיך.

— וואו האָסטו זיך דאָס אויסגעלערנט אַזאַ דראָשע? — האָט פעני אים געפרעגט.

— ביי מיין רעבן, — האָט זעליגל זיך צעלאַכט און אַנגעוויזן אויף אַ קנעפּל אין זיין לאַץ מיט לענינס בילד.

שפּעטער צו, אַז עס האָבן זיך גענומען צוזאַמענקלייבן די קלעי־קוידעשניקעס מיט די שטריימלעך, וואָס פעני האָט איינגעלאַדן, האָט זיי אַ פּיאַנערל אָנגעזאָגט ביים טיר:

— צו שפּעט, ס'איז שוין נאָך דער באַר־מיצווע פּאַרטי...

זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידן, וואָס האָט זיך גענומען צום טראַכטן)

— זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, מיר דאַכט זיך, אַז די מייסע מיט גאָט איז אַן אויסגעטראַכטע.

— אַפּיקורסישע ווערטער, זאָגסטו? אָבער זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי קומט עס טאַקע, וואָס אַזאַ פרומע אידענע ווי דו, וואָס דאַווענט אַלע טאָג, צינדט ליכט, צעטיילט מיינע לעצטע פאַר סענטן פאַר דעם ראָוו און אַ שאַמעס, פאַסט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, האָט לאָמבערגאָ, רומאַטיזם מיט אַ שטאָך און אַ בראָך איןביידע זייטן און זיצט אינדערהיים, און מיין באָסעס אידענע איז געזונט ווי אַ פערד — מיט זיבן גוידערס אונטער דער מאָרדע, מיט אַן אַפּעטיט פון אַן עלפאַנט. זי פאָרט זיך אין קאַנטרי און געניסט פון גאָטס וועלטל.

— גלויב מיר, אַז עס טראַכט זיך אַליין. וואָרום אַז איך זע מיין לאַנדסמאַן, רעב אַשערן מיט דער רויטער נאָז און פּוקעע באַקן, דאַכט זיך מיר נאָר, אַז דאָס האָט זיך אַרויסגעקייקלט אַ פעסל שנאַפּס פון אַ סאַלון. ער איז אַ באַל־טעקיע, ער בלאָזט שויפער. ער איז מיין גוטער־בעטער... נו, מיילע, דאָס וואָס ער גיסט אַריין אַ קויסע און אַ גרויסע, בין איך אים מויכל, — אָבער דאָס וואָס ער הייסט מיר זיך קלאַפּן אַל־כעט און אים געבן מיינע אָרימע פאַר גראָשן, זעסטו דערפאַר קומט אים שוין אַ מאַקע פאַרן וועלן. וואָרום, הערסט, זאָל מיר גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, זיין בלאָזן שויפער דערמאָנט מיר אַן פאַסטוך אינדערהיים, וואָס פלעגט פייפן פאַר די בעהיימעס...

ס'איז אַ זינד אַזוי צו ריידן, מ'וועט שמייסן? זאָלן זיך זאָרגן די, וואָס האָבן גראָבע הינטנס. מיינע דאַרע ביינער שרעקן זיך שוין מער ניט פאַר שמיץ. וואָרום דער רעבע אין כעידער האָט געשמיסן, דער טאַטע האָט געגעבן פעטש — און טאָמער האָב איך דאָ אין אַמעריטשקע געסטרייקט און געוואָלט אַ טאָלער אַ וואָך מער, האָט מיר דעם באָסעס זונדל, אַן קויעד זאָל ער בלייבן, מיר אויסגעהאַקט אַ צאָן, און נאָך מיך געלאָזט אַרעסטירן. דער פּאָליסמאַן האָט נאָך צוגעלייגט

עטליכע זעצן מיטן קלאַב און אַ בריקע אין זייט. איז ווי דו זעסט, מיך קען מען שוין מיט שמייסן ניט שרעקן...

— הערסט, זאָל גאָט מיר ניט פאַררעכענען פאַר קיין זינד, נאָר עס טראַכט זיך — אויב מיין באָס קען זיין אַ פּרעזידענט אין אַ שול, קען אַ הונט בלאָזן שויפער און אַ כאַזער קען זיין אַ באַל־קריע...

— צו וואָס רייד איך אַזעלכע רייד? עס רעדט זיך. און פאַרוואָס טאַקע שווייגן? וואָרום אויב עס וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלטן מיר דאָך אים אויך גענדאַרפט אָראָפּוואַרפן פון זיין הויך.

— גיב נאָר אַ טראַכט, אידענע: אַ גאַנץ יאָר שקלאַפן מיר, ליגן אַז מיטן קאָפּ, און מאַכן פּראָפיטן פאַרן באָס. קומט ראָשע־שאָנע, יאָם־קיפּער, קויפט מיין באָס אַ סיט אין שול אין דער ערשטער ריי, נאָענט צו גאָט. דערצו זינגט און בעט פאַר אים דער ראָוו, דער שאַמעס, דער כאַזן — אַלע, אַלע בעטן פאַר אים. און איך, קאַבצעניוק, זיץ אין אַ ווינקעלע און האָב קיין קויעך ניט אַ געשריי צו טאָן, אַז מ'זאָל מיך אויך דערהערן... קומט צום קלאַפּן זיך אין הארצן אַל־כעט, דאַרף איך קלאַפּן גלייך מיט אים, מיטן באָס — און מיין שוואַכע האַרץ אויף אים געזאָגט.

— נ'וואָס איז טאַקע אין דיין ווייבערשער שול? קומען ווייבער אויסגעפּוצטע, און ווייבער אָפּגעריסענע. דעם לענדלאָרדס ווייב קומט אין אַ זיידן קלייד, מיט דימענטן און בריליאַנטן, מיט אַ מאַכזער באַגאָסן מיט פּאַרפיום, זעצט זיך אוועק אויבן אָן, ווידער לעבן גאָט, זאָל ער מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, ווייזט אויס, אַז ער האָט ליב פעטע ווייבער. איר, ווידער, די אָפּגעריסענע, די דאַרע, די קוואַרע, מיט די מאַכזיירים וואָס זיינען באַגאָסן מיט טרערן, זיצט ביים טיר און וויינט, און וויינט און וויינט. בעהיימע, וואָס וויינסטו?

— וואָס זאָגסטו? איך בין געוואָרן אַן אַפּיקוירעס? רוף מיך אַז ווי דו ווילסט, אָבער רוף מיך ניט נאָר. אָט גייט צו ראָשעשאָנע, און איך מיט מיין באָס וועלן קומען צום טאַשליך. אַ גאַנץ יאָר טרייסלט ער מיר ארוים מיין נעשאָמע; קומט ער צום טייך — טרייסלט ער אָפּ אַ פּאָלע, און ער מעג מיך שוין ווייטער טרייסלען. און איך, וואָס האָב איך צו טרייסלען ביים טייך, מיינע ליידיגע קעשענעס? און עפּשער גאָר וואַרפן אין טייך דעם געז־ביל, עלעקטרי־ביל, דעם דיספּאָזעס, דעם גראָסערי־ביכל?

— הערסט? זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד. די שוואַכסטע יוניאָן קאָן מער אויפטאָן ווי דער שטאַרקסטער גאָט... דערפאַר טאַקע ראַטן אונז די באָסעס צו גיין בעסער אין די שולן ווי אין דער יוניאָן. אָבער איך?... זיי ניט קיין נאַרישע אידענע. מ'רעדט מיך איין: אויב דו וועסט זיין פרום און גוט, וועסטו האָבן יענע וועלט. זאָג איך זיי: מויכל, האָט אייך יענע וועלט געזונטער־הייט. נאָר אויף דער וועלט וויל איך מיר קריגן מיין כיילעק שויר־האָבאָר. איך האָב שוין מער קיין קויעך ניט צו וואַרטן...

— זיי ניט קיין נאַר, אידענע. אויב אויף יענער וועלט וואָלט געווען אַזוי גוט, וואָלטן די רייכע ניט געהייסן זיך אַנגרייטן מיט יענער וועלט. זיי וואָלטן אונז אַרויסגעשטעלט פון גאַנעידן אַן אַ דיספּאָזעס, און אַרונטערגעקייקלט פון אַלע זיבן הימלען...

— גלויב מיר, אַז עס טראַכט זיך מיר ניט ווילנדיג, זאָל מיר גאָט ניט צורעכענען פאַר קיין זינד... מיר ליגט אויפן שפּיץ צונג צו זאָגן: אַז ניט גאָט האָט געמאַכט די מענטשן, נאָר די מענטשן האָבן געמאַכט גאָט... נ'אויב אַזוי, וועל איך דיר זאָגן אַ סאָד, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד. אויב עס זיינען דאָ מענטשן אויף דער וועלט, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט מאַכן געטער, דאַרף מען זיך נעמען איבערמאַכן די מענטשן...

— וואָס זאָגסטו, ס'וועט ניט געלינגען? פאַרלאָז זיך אויף די רויטע, זיי מאַכן איבער ניט נאָר מענטשן, זיי מאַכן איבער אַפילע די וועלט.

אַן אָפּן - פאָרום

ווען דער לעקטאָר האָט פאַרענדיגט זיין איינלייטונג איבער דער פראַגע: „ווי האַלט עס מיט דעם קאַפּיטאַליזם?" האָט דער טשער־מאַן זיך געווענדעט צו די אַרומיגע, וואָס זיינען געזעסן — ווער וויל פון אייך אַ וואָרט?

— איך — האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דאַר מענטשל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זעקל מיט ביינער — ווי איר קוקט מיר אָן בין איך אַ שוסטער. אָבער מיינע הענט זיינען ווייס, ווי ביי אַ בעקער, ווייל ביי מיר איז קאַפּיטאַליזם אַרונטער פון קאַפּול. און די היינטיגע אָרדענונג זעט אויס, איר זאָלט מיר מוחל זיין, ווי אַן אַלטע פּאַר שיך: מ'לייגט אַרויף אַ פּאַר נייע זוילן, צערייסט זיך דער אויבן, פאַר־לאַטעט מען דעם אויבן, רייסט זיך ווידער אָפּ דער אונטן, דעם סאָף, ברידערלעך, זעט מען, אַז מיט פאַרלאַטעטע שיך קען מען ווייט נוט גיין...

— איך וויל אויך אַ וואָרט, — רופט זיך אָן איינער פונ'ם צווייטן ווינקל — אַמאָליגע צייטן, ברידערלעך, האָב איך געערדט פון בעהיימעס, פלייש, ביינער — געווען אַ קאַצעוו און געמאַכט אַ לעבן. איצט, רופט מיך די ווייב בעהיימע, דער לענדלאָרד שינדט מיר די הויט און די באַלכויוועס גריזשען מיר אָפּ די ביינער. נו, דאַרף איך אייך נאָך זאָגן, ווי האַלט עס מיט קאַפּיטאַליזם? עס איז פּראָסט פּאַשעט: קאַפּיטאַליזם איז איצט אַ יאַלעווע בעהיימע, קיין מילך גיט דאָס ניט, קיין קעלבלעך האָט זי ניט, איז דאָס גוט נאָר פאַר פּלייש און פעל... אָבער אַזוי איז שוין, ברידערלעך, קאַפּיטאַליזם איז ווי יענע בעהיימע: לעבן האָט דאָס ניט צו וואָס, ווייל מען דאָס אָבער שעכטן, דריגעט דאָס נאָך מיט די פיס...

— אויב אַזוי, וויל איך אויך וואָס זאָגן — שפּרינגט אויף איינער ווי פון שלאָף — איר זעט? — שלעפּט ער אַרויס אַ נאָדל פון דעם לאַץ — איך בין אַ שניידער, אָבער מיין נאָדל איז שוין באַלד פאַר־זשאַווערט. ניטאָ וואָס אַ שטאָך צו טאָן, איר הערט? מיינע פריינט, קאַפּיטאַליזם איז ווי אַן אַלטער בעגעד, יעדן פלעק, וואָס מ'נעמט

ארוים, מאַכט נאָך אַ גרעסערן פלעק... און יעדע לאַטע, וואָס מ׳לייגט אַוועק, מאַכט נאָך גרעסער די לאָך... און וואָס מער מ׳פּרעסט דאָס, אַלץ מער גלאַנצט ארוים די אָפּגעקראָכנקייט... איך זאָג אייך, אַז ווען איך בין ניט אין דער „ליין״ פון לייגן לאַטעס, וואָלט איך געזאָגט: ברידערלעך, מאַכט אַ נייע קאָפּאָטע און טראָגט דאָס געזונט...

— טשערמאַן און ברידער — איז צוגעלאָפן אַ יונגער פּראַנטל מיט אַ שוואַרצן שניפּס צום פּלאַטפאָרמע, — איר ווילט וויסן ווי האַלט עס מיט קאַפּיטאַליזם? פּרעגט מיך! אַמאָליגע צייטן האָב איך סער־ווירט עסן פאַר אַנדערע און אויך עפּעס געהאַט פאַר זיך. איצט האָבן אַנדערע אַ מאַקע און איך אַ קריינק. אַמאָל האָב איך צוגעטראָגן צום קאַסטאַמער אַ גלאָז וואַסער, האָט ער מיר געלאָזן אַ ניקל אַ טיפּ, האָב איך אים געגעבן נאָך אַ שטיקל פּוטער, איז דאָס שוין געווען אַ דיים, אבער היינטיגע צייטן, קומט מען אריין אין רעסטאָראַן נאָך אַ שוועבעלע, אַ נעפּקין, טרינקען אַ גלאָז וואַסער, פּאַנאַנדער בייטן אַ דיים אויף צוויי ניקלס, אַ קוק טאָן דעם זייגער און גיין אהיים עסן אַן עפּל מיט ברויט. דאַרף איך אייך דערציילן, ווי עס האַלט?... נאָר זאָגן וועל איך אייך, אַז קאַפּיטאַליזם איז ווי אַ נעכטיגע זופּ — מ׳האַלט דאָס אין איין אָנוואַרעמען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, דער סאָף איז, אַז מ׳מוז עס אַרויסגיסן...

— איצט האָט איר דאָס וואָרט — האָט דער טשערמאַן אַ וואונק געטאָן צו אַ מאַן מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס.

— אויב איך האָב שוין דאָס וואָרט — האָט דער ברייט־פּלייציגער גענומען ריידן — זאָג איך אייך, אַז ביז וואַנען מיר וועלן ניט מאַכן אַ טרונע פאַרן קאַפּיטאַליזם, וועלן מיר ליגן אין דר׳ערד, וויל קאַפּיטאַליזם, פּריינט, איז אריינגעקראָכן ווי אַ טשוואַק אין אַ סיינק און פאַר אונז איז פאַראַן איין ברירה, אָדער אים אַרויסציען ביים קעפּל, אָדער אָפּברעכן אין מיטן... וויל גיין קען ער שוין ניט...

— וואָס זאָגט איר עפּעס וועגן קאַפּיטאַליזם? — האָט דער טשערמאַן אַ פרעג געטאָן אַן עלטערן מענטשן, וואָס איז געזעסן אין דער ערשטער ריי זייער אָנגעשטריינגט צו הערן וואָס יעדער זאָגט.

דער עלטערער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעלייגט זיין

האנט צום טויבן אויער און איבערגעזאָגט — וואָס זאָג איך, פרעגט איר? איך זאָג דאָ ניט ווייט אַלע טאָג טילים אין שול...

ווען דער געלעכטער איבערן זאַל האָט זיך איינגעשטילט, האָבן אַלע צוגעגעבן: יע, דער אַלטינקער זאָגט נאָך טילים, אָבער מיר קענען שוין נאָך דעם קאַפּיטאַליזם זאָגן קאַדיש...

קום איך ניט היינט, קום איך מאָרגן

דער ארבעטער קלוב איז גרוים און שיין. ארראנזשירט גוטע פראָגראַמען פאר די אָוונטן. נאָר איין כעסאָרן: אַלץ ווערט געטאָן צו שפּעט. אַט, צום ביישפּיל, אַז מ׳דאַרף האָבן אויף היינט אַ מיטינג, ווערט מאָרגן ארויסגעשיקט די בריוו. אַזוי איז שוין אויך געוועזן מיט באַזוכער. אַנשטאַט קומען אַכט אַזייגער, פלעגט מען אריינפאַלן צען אַזייגער. די מאַטאַ איז געוועזן: „קום איך ניט היינט, קום איך מאָרגן."

אַז די עקזעקוטיווע האָט גענומען באַטראַכטן פלענער קעגן די „שפּעט-קומער," האָט זי, ווי שטענדיג, זיך אַביסל פאַרשפּעטיגט. אָבער מ׳האָט זיך ענדלעך דערטראַכט. און עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דער פאָלגנדיגער פּלאַן:

„די, וואָס וועלן קומען צו אַ לעקציע פאַר אַכט אַזייגער, זאָלן צאָלן האַלבע פּרייזן פאַר בילעטן".

האָט אָבער די קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט זיין מיט די בילעטן אין צייט צו עפענען דעם זאַל, זיך פאַרשפּעטיגט אויף אַ גאַנצער שעה...

שפּעטער אַביסל האָט מען אויפגעהאַנגען אַ גרויסן פּלאַקאַט מיט פאָלגענדן אינהאַלט: „כאַווירים, וואָס וועלן קומען צו אונזער קאָנצערט פאַר אַכט אַזייגער, וועלן קריגן מאַטאַנעס — אַ בוך פון אַ באַרימטן שרייבער".

פאַר דעם צוועק זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי קאָמיטעס: איינע פאַר מאַכן און אויסהיינגען דעם פּלאַקאַט, און די צווייטע — צו באַזאָרגן די ביכער און זיי פאַרטיילן.

ביי דעם קאָנצערט איז שפּעט אין אָוונט אריינגעפאַלן איינע פון די קאָמיטעס שטאַרק באַזאָרגט.

— וואָס איז? — האָט אַ כאַווער ביים טיר אַ פרעג געטאָן.

— מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיגט מיט די ביכער, — האָט איינער פון זיי געענטפערט. — מ׳דאַרף דאָך טיילן די פּרייזן פאַר קומען אין צייט.

— זאָרגט זיך ניט, — האָט דער כאַווער ביים טיר זיי באַרואיגט, — די קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט אויסהיינגען דעם פּלאַקאַט, האָט זיך אויך פאַרשפּעטיגט.... און עס איז ניטאָ וועמען צו טיילן.

אין אוונט פון דער לעקציע איז דער לעקטאָר געקומען פּינקטלעך אין צייט, זיך אַרומגעדרייט ביים טיר, אַריינגעגאַנגען אין זאַל. דער זייגער האָט זיך גערוקט אַ שאָ נאָך אַ שאָ, און קיינער איז ניט געקומען. אַרום צען אַזייגער האָט זיך באַוויזן איינער פון דער הויז־קאָמיטע.

דער לעקטאָר איז אַן אויפגערעגטער צוגעלאָפן און אַ פרעג געטאָן:

— זעט, כאַווער, האָט היינט ניט געזאָלט פאָרקומען אַ לעקציע ביי אייך אין קלוב?

— ניין, ניט היינט, — האָט דער כאַווער געענטפערט.

— אָבער, — האָט דער לעקטאָר געטייטלט אויף אַ ליפלעט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, — ס'טייטש, ס'איז דאָך קלאָר אין ליפלעט, אַז היינט.

— אויפן ליפלעט איז טאַקע ריכטיג, — האָט דער כאַווער קלאָר געמאַכט, — אָבער דער סעקרעטאַר האָט פאַרשפּעטיגט אַרויסצושיקן די בריוו....

ענדלעך האָט די פּירערשאַפט באַשלאָסן אָנצופאַנגען אַן עמעסע קאַמפּאַניע פאַר קומען אין צייט, דאָס הייסט באַקעמפן די „שפּעט־קומערס"....

אין דעם פּלאַן פאַר דער קאַמפּאַניע איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן אַ פּונקט, אַז דער וואָס קומט שפּעט צו אַ מיטינג, לעקציע אָדער אונטער־נעמונג, זאָל זיין נאָמען אַרויפגעשטעלט ווערן אויף אַ שוואַרצער ליסט אין געגנוואָרט פון אַלע באַזוכער, און זיי, די באַזוכער, זאָלן אים דערביי אויספייפן.

צו דעם נעקסטן מיטינג, ווען דער לעקטאָר איז געקומען אָנצו־פאַנגען זיין וועכנטליכן קלאַס, וואָס ער האָט אָנגעפירט אין דער אָר־גאַניזאַציע, האָט זיך אין זאַל אָנגעפאַנגען אַ פייפעריי. יעדער פאַר־שפּעטיגטער, וואָס איז אַריינגעקומען, איז באַגריסט געוואָרן מיט אַזאַ פייפעריי און געפילדער, אַז די גאַס איז פאַרקלונגען געוואָרן. אָט אַזוי איז דער גאַנצער אוונט אַוועק אין אָנפייפן איינע די אַנדערע פאַר קומען שפּעט....

דער לעקטאָר איז אַוועק אַ צופרידענער, כאָטש מ'האָט אים „אָנ־געפייפט" אַז אָוונט און ער האָט ניט געקאָנט ריידן. דערפאַר האָט מען ביי דער לעקציע אויף דער צווייטער וואָך בלויז איין פייף געטאָן ווען דער לעקטאָר איז אַרויפגעקומען שפּעט, בעיס אַלע זיינען שוין געזעסן און געוואַרט אויף אים.

זינגען מיר

גוטער, ליבער כאַווער

אויף דער פּיקעטליין האָב איך דיך געטראָפן
דיין לאָזונג האָט אין האַרץ מיר טיף אַריינגעדרונגען,
ווען דו האָסט דיין שטאַרקע שטימע אויפגעהויבן,
בין איך נאָכגעגאַנגען דיר און שטיל געזונגען.

איך האָב דיך ליב, קעמפּער שיינער בראַווער,
איך האָב דיך ליב, לאָמיר ווערן כאַווער.

ווען פּאָליציי האָט דיך געשלאָגן און געבלוטיגט
אין אונזער קאַמף פאַר פרייהייט, ברויט,
האָב איך מיט מיין טיכל דיינע וואונדן פאַרוויקלט,
איצט איז דאָס טיכל — מיין פאָן וואָס פלאַטערט רויט.

איך האָב דיך ליב, קעמפּער שיינער בראַווער,
איך האָב דיך ליב, לאָמיר ווערן כאַווער.

א סאַץ־געוועט אין אונזער אַרבעט מיר וועלן מאַכן
אין דעם קאַמף די וועלט איבערצובויען,
דער פאַרלירער וועט מיט קושן דאַרפן צאָלן
אין דער צייט פון אונזערע פרייע שאָען.

איך האָב דיך ליב, קעמפּער שיינער בראַווער,
איך האָב דיך ליב, מיין גוטער, ליבער כאַווער.

אָנקל סעמי איז קראַנק

אנקל שמיליק ליגט א קראנקער,
ליפּן בלויע, שטארק פארשמאכט;
שטייען פריינט מיט הענט פארבראָכן —
וואס־זשע טוט מען? — יעדער טראכט.

באשליסט פאמיליע גלייך צו ברייננען
פּראָפעסאָרן רייך אין מארד;
קומען אַן דאקטוירים — פעלשער,
יעדער קראצט זיך אין זיין פארד.

איינער טאנעט: ס׳איז פארקילונג,
בלויז א צייטווייליגע קרענק;
זאגט א צווייטער — עס איז בראניש,
דער מיקראב שטאמט פון די „בענק"...

א דריטער זאגט: עס איז „נא־מאני",
זאגט א פערטער: ס׳איז א געשוויר...
א פינפטער גיט א טאפּ דעם פּיפּעק,
ס׳איז פארשטאפונג: א קלעסטיר!

אלע טאפּן, גיבן אייצעס —
יעדער איינער שרייבט און טראכט;
נאר פעטער שמיליק ליגט און גויסעסט,
בארד צעשויבערט, הענט אַן מאכט...

שרייבט איינער צו א „קאוד"־רעצעפּטל
און א צווייטער — אינפלאציע;
הייסט א דריטער זיך צו ווענדן
צו דר. היטלער פאר קור־נאצי...

אַ פערטער זאָגט: דערלאַנגט אַ „בלענקעט״,
דעקט דעם כוילע מיט דעם איין,
שרייבט אַ פינפטער — מילכאָמע־טראָפנס,
אַ גרויסע לעפל גיסט אַריין...

אַזוי אַ זעקסטער און זאַ ווייטער.
קראַנקער דרייט זיך הער און הין;
ער זעט דעם טויט שוין פאַר די אויגן,
פּרובירט ער יעדנס מעדיצין...

הופּי

איר מעגט דאָס וויסן, פרוי און מאַן —
אַז אַ ווערטל איז פאַראַן
וואָס איז באַרימט ווי אייבי קאַהאַן
„הופּי"

אין דער צייטונג אויפן „פּיידזש"
אין טריאַטער אויפן „סטיידזש"
עס שרייט אַ פּאַפּוגאַי אין „קיידזש"
„הופּי"

עס שרייט דאָס סאָניע,
עס שרייט דאָס מינע,
איר הערט פון געלע
און פון גרינע
ביי אַ מעס
און ביי אַ כופּע
„הופּי"

שפּאַצירט איר וואו בייטאָג, ביינאַכט,
איר טרעפט אַ פריינט, איז ניט געטראַכט
אַנשטאָט אים פרעגן וואָס ער מאַכט
„הופּי"

איר גייט אַריין אין רעסטאָראַן,
איר טרעפט אַ מענשן וואָס איז באַקאַנט
אַנשטאָט געבן אים די האַנט
„הופּי"

אזוי אַ מיידל,
אזוי אַ „באָי״;
אזוי אַ איד,
אזוי אַ גוי,
ווער אַ גלעט
און ווער אַ צופּ
„הופּי״

ביי אַ קאָנצערט און אַ באָל,
ביי אַ מיטינג אין אַ האָל
אין באָד אפּילע אויפן „פּאָל״
„הופּי״

טאנצן מיידלעך אַן אַ טאם
מיט ליפּן רויטע, פייער פלאם
פלאשקען מיט די פּיסקלעך גאָם
„הופּי״

זאָגט דאָס פּעני
זאָגט דאָס פריידל,
איינע גראָב, —
אַ צווייטע איידל,
סיי אַ מיסע
סיי אַ פּופּע
„הופּי״

אויב איר זיינט אַ באָי אַ בלאטער
און דער מאָגן איז אַ זאטער
גייט גלייך הערן אין טריאטער
„הופּי״

מ׳וועט דאָרט שפּילן און אויך זינגען
גלעקלעך וועלן פאר אייך קלינגען
מ׳וועט דאָרט געבן, איר וועט שלינגען
„הופּי״

די סוברעטן
און דער כאָר,
אַלע, אַלע,
איין שוואַרץ יאָר,
ווי דער סטאָר
אַזוי די טרופּע
„הופּי"

זיצט אַ באָבע אויף אַ שטיין
ווי די ס. פּ. פויל, אָן ציין,
מורמלט שטיל צו זיך אַליין
„הופּי"

איר גייט פאַרביי אַ קאַבאַרעי
אויף אַ שפּאַציר אין איסט בראָדוויי
פון „פאָרווערטס" הערט איר: „אי־שור־סעי"
„הופּי"

קלאַפּט דאָס דזשייקי
קלאַפּט דאָס גאָסי,
קלאַפּט דאָס מענדל
דער גענאָסע,
קלאַפּן אַלע
ווי אין אין סטופּע
„הופּי"

שפּילן קאָרטן רעכט־פירער,
שפּילן אויך די צייטונגס־שמירער
לאָכן זיי פון דעם פאַרלירער
„הופּי"

ווייל רוזוועלט מאַכן אַ סוקסעס,
אויפּשטיין זאָל זיין „גירא"־מעס,
גיט ער גלייך אַ קלאַפּ אין פּרעס
„הופּי"

הופי, הופי,
דאָס באווייזט
פון דעם „יענקי"
דאָ דעם גייסט;
אַנשטאָט פּאָנים
ווייזט מען דאָ . . . —

„הופי"

וואָס לערנט אַ אינגעלע

אַ נייע וועלט האלט זיך אין שאַפן,
נייע וועגן, נייע ווערטער;
שטייען לערער צוויי באַזונדער
און מ׳לערנט אין צוויי ערטער.

טייטלט „וואל־סטריט״ זיינע שקלאַפן:
שנייד די סכירעס, ארבעט שווערער;
לערנט נאַר דער קאַמינטערן:
שנייד די שטונדן, סכירעס — מערער!

זע: סאָוועטן־לאַנד — עס בויט זיך!
נייע מענטשן, נייע טויבעס;
ווילט זיך „וואָל־סטריט״ דאָס פאַרשרייען —
האָט זי אסטמע, פעלן קויבעס...

באַרכלען רייד אַצינד אין „וואָל־סטריט״:
ווערטער מאָדנע, שווער־באַגרייפלעך;
שרויפט מען זיי אין מאָסן־מויעך,
נאָר עס גייט ניט: קאַליע שרייפלעך —

מאַראַטאָריום, אינפלאַציע,
באַנק־יאַנטויווים, „דעמ״־אָ־קראַטיע
סטענער־סיסטעם און „עוויקשאַנס״,
יעזוס קריסטוס, טעכנאָקראַטיע.

ווייזט דער לערער: דאָרט, אין מיזרעך,
דניעפּראָסטראָי, עלעקטריק, טראַקטאָרס,
שלאַנלער האַרעווען, סירענען פייפן,
באַן, פאַבריקן — אַלץ געפּאַקטע.

לערנען, לערער, אויף צוויי וועגן,
ביידע זוכן וועגן ווייזן;
איינער לערנט מארקס׳עס לערע,
און דער צווייטער — בלוט און אייזן...

קאמינטערן עפנט מויכעס,
„וואל־סטריט״ עפנט אויף דעם שארבן;
ווייזט דער ערשטער וועג צום לעבן,
ווייזט דער צווייטער וועג צום שטארבן.

ב י ר . . .

וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט
ווערט דער קאָפּ אייך איצט פֿאַרדרייט
מיט דער טעמע וואָס עס „גייט" —
ב י ר .

אין דער צייטונג אַ גרויסע „קאַפּ",
קאָלומס גאַנצע ביז אַראָפּ,
מ'קוועטשט אויף איין זאַך איצט דעם טראַפּ —
ב י ר .

עס קוועלט דער גאַנעוור־רעקעטירער,
עס טאַנצט דער אַרבעטער־פּאַרפירער:
האַך סאַלון, הורא פֿאַר שיינקס,
באַטש וואָס עסן ס'פּאַראַן אַ קריינקס,
אַבי נאָר פֿריי איז איצט די טיר . . .
ב י ר .

פֿאַרט זיך רוזוועלט אויפֿן פֿערד,
אַרבעטלאָזער ליגט אין דר'ערד;
ווער קען שאַצן דעם גרויסן ווערט —
ב י ר .

בירגער, שטאָלץ פֿאַררייסט דעם נאָז,
גיט דעם שוים אַ שטאַרקן בלאָז,
האַקט אַריין אַ גרויסע גלאָז —
ב י ר .

צעזעצט זיך ברייט ביי רונדע טישן
מיט דעם הולטאַי — פּאָליטישן;
ווער באַנקראָט? וואָס מיר בענק?

איצטער איין זאך נאר גערענק:
נאך דעם „פרעסן" גיב א „טשיר": —
ב י ר.

וואס מיר קאמף? ווער מיר קלאסן?
מאכן דעמאגאגן שפאסן;
טרינקט זיך רואיג און געלאסן —
ב י ר.

שרייען קעמפער דורך די גראטעס,
ליינט זיך רוזוועלט זיינע לאטעס,
פארשטאפט דעם צארן מיט „נאסע" שמאטעס
ב י ר.

פארגעס פון שאפ, פון רויך אין קוימען,
פארגעס פון ברויט, וואס פעלט אין היימען,
פארגעס „עוויקשאן", קראך און באנק;
האב נאר איין זאך אין געדאנק:
וואל־סטריט ברייננט א „גליק" פאר דיר —
ב י ר.

ברענט א פייער

(דעם 10טן מאַי, 1934, האָבן די פּאַשיסטן פאַרברענט אַלע רעוואָ־
לוציאָנערע ביכער און קולטור־אויצרעס.)

האָט אַ פייער זיך צעצונדן
פון פאַשיזם־נאַרעריי,
אויסצוראָטן דעם מאַרקסיזם,
צו געבן מאַכט דער טיראַניי.

ברענט דער פייער, פלאַמען שפּאַרן,
רויכערט האַקנקרייץ אין מויעד;
בויער, שאָפער ווערט געדוידעפּט,
שוואַרצע־האַנט פאַרכאַפּט האָט קויעד.

פריער רייכסטאַג אָנגעצונדן,
ט׳זיך צעפלאַקערט שטאַרק די טאַיווע,
אין וואַלקנס רויך זיין ציל פאַרשפּרייטן:
דייטשלאַנד׳ס אַלטע יונקער־נאַווע...

ווייען פלאַמען אין דער לופטן;
אַלץ, וואָס גרויס, איז היטלער׳ס סוינע.
ברענט מען ווערק פון וועלטס געאָוינים,
איינשטיין, מאַרקס און היינריך היינע.

זעען אוינן איצט שוין קלאָרער:
ווער עס האַדעוועט די באַנדע;
צ׳וואָס בויט היטלער שייטער־הויפנס,
ברענט קאַרבאַנעס, פירט קאָמאַנדע.

ברויזט דער פייער מאָסן־צאָרן,
שטורעמט ראַט־פראָנט רויטן שאַל:
פאַשיסטן ברענען מאַרקס׳עס ביכער,
און מיר צעפלאַמען זיין אידעאַל!...

גיב איר געלט

קוועלט דאָס וועלטל פון מיר אָן,
מיט ערע מיך מעכאַבער,
נאָר מיין ווייבל איז אויף מיר
לעהאַרעג וועלעאַבער.

„וואָס טויג דיר דיינע קאַמפּן,
ווער דאַרף דאָס די פּאַרטייען?
ווען כּוויוועס האָסטו גרויסע
און מאַקעס וואָס צו קייען...

„וואָס טויג דיר מאַרקס און לענין
וואָס טויג דיר אַלע ביכלעך?
אַז איך האָב ניט קיין קליידל,
דאָס קינד האָט ניט קיין שיכלעך.

„און אויב אַ ביכל האָבן,
פאַרוואָס זאָלסטו ניט קלערן
אַ באַנק־ביכל צו האָבן,
אַ ביכל מיט נומערן?..."

הער איך אויס איר טאַנע,
גיב איר צו באַגרייפן,
אַז די אַלע ביכער
דעם מענטשנס מויעך שלייפן.

עס מאַכט זיי בעסער קעמפן,
די מענטשהייט צו באַפרייען,
דאַן וועט זיין אויף קליידונג!
דאַן וועט זיין צום קייען!

סטאַפּ

לאַגאַרדיאַ צי מעק'סי,
סאַלאַמאַן צי אַ'בריען, —
פיר רעדער פון איין וואַגן
מיט נעמען פון פּאַרטייען...

עס דרייען זיך די רעדער,
לאָזן זיך גוט שמירן...
צו קענען פאַר „וואָל־סטריט"
דעם וואַגן גלאַט פירן...

יעדער ראָד שטייט באַזונדער
און דרייט זיינע וואַלן...
דאָך אַלע צוזאַמען
היטן דעם וואַגן פון פאַלן...

דער „פירער", ער האַלט זיי
אין גאָלדענע צאַמען...
און פירט די פיר רעדער
אין געשפּאַן זיך צוזאַמען...

שטייט רויטער קעמפער
און קוקט אויף דעם וואַגן,
ווי „וואָל־סטריט", דער פירער...
האַלט די רעדער אין יאַגן.

שטיי! — רופט ער אויסעט
און וואַרפט רויטע שטראַלן —
די ליכט ווייזט אויף רויטן,
דעם „ברעיק" אויף די וואַלן!...

עס וועט גאָרניט העלפן
דיין פייפן און קלאַפּן,
דער טרעפיק גייט לינקס איצט!...
און דאָ מוזטו סטאָפּן!...

מען זוכט

איינער זוכט רייכטום,
א צווייטער זוכט גליק,
א דריטער זוכט לעבן,
א פערטער — א שטריק.

א שוסטער זוכט פיס,
א באָס זוכט נאָר „הענט",
און איך האָלט אין זוכן
וואו באָרגט מען א סענט?...

אַ קינדער - ליד

אינדרויסן טרייבט אַ שטורעם,
יאָגט אין הויז אַ ווינט,
קלאַפּט עס מיר אַ צאָן אין צאָן,
ווייל יונג בין איך — אַ קינד.

ליינט מיך גיך די מאַמע
אין בעטעלע אריין,
דעקט איין מיט אַ קאָלדרע,
אַז וואַרים זאָל מיר זיין.

ליג איך מיר אין בעטל
באַשיצט פון ווינט און קעלט,
איך וויים אָבער — די קאָלדרע
דער מאַמען איצטער פעלט...

דער פּיאָנער

א קעפּל — א פייערדיגס,
מיט אויגן קלוג און ריין,
א צינגעלע — א מעסער־שארף,
ווי שפּיזן־שטעכן ציין.

א שטימעלע — א שטורעמדיגס,
דאָך זינגט דאָס זיס און שיין;
פיסעלעך ווי שטעקעלעך,
נאָר ווילן שטענדיג גיין.

א הערצעלע — א צאַפּלדיגס,
דאָס ווייס ניט פון קיין נייז,
ער כאַפּט די וועלט מיט אויג ארום,
כאָטש יונג איז ער און קליין.

און הויבט ער נאָר זיין הענטל אויף,
האָט דאָס טויזנט כיין;
„אָר יו רעדי?" — רופט ער אויס,
און ער שטייט שוין נים אליין.

דער גרינער דיכטער

פרילינג שיינער, פרילינג ליבער, —
זיצט זיך דיכטער אויף וועראַנדע,
וואַרפט ער בּרעקלעך צו די טויבּן
און גלאָצט די אויגן אַלאַ־גאַנדי.

פרילינג שיינער, בעט דער דיכטער:
„באַפּוץ די בוימער מיט גרינע קנעפּלעך
און דעם פעלד מיט גראָזן הויכע,
אויסצופלעכטן גרינע צעפּלעך".

קוק איך אַן דעם „גרינעם" דיכטער
מיט זיין „גרינער" אינספּיראַציע;
רויטלט וועלט זיך — זונען־פייער —
מאַכט ער גרעזלעך אַן אָוואַציע...

פּאָליטישענס

ס׳לויפן אום די פּאָליטישנס
אין יעטוועדער הויז,
יאָגן נאָך דעם בירגער
ווי אַ קאַץ אַ מויז.

פּאַקט ער וואו דעם בירגער,
מיט גוטן צי מיט קריג,
וועבט ער אויס אַ נעץ גלייך,
ווי אַ שפּין אַרום אַ פליג.

זאָגט אים צו פון אַלעם —
אַ דזשאַב אפילע אויך ;
פּאַרדויכערט גלייך ציגאַרן,
ס׳הויז ווערט פול מיט רויך...

קאָמפּלימענטן מאַכט ער : —
„די ווייב האָט שיינע האָר״ ;
צום סאָף איז גאָר דאָס ווייבל
אַ שכיינע פון נעקסטדאָר...

קושט אויס אַלע קינדער
(אַמאָל דער מיסעם אויך) ;
עם קייקלען זיינע רייד זיך
ווי עס קייקלט זיך דער בויך...

ער איז אַ פּאַליטישן,
אויף רעדן גאָר ניט פויל,
וואַרפט ער ווערטער — סטיינגעס
און ליגן פליט פון מויל.

אזוי שווינדלט פּאַליטישן —
פון וואָל־סטריט דער געצייג ;
גיט די האַנט פאַר עלעקשאַן,
אויף מאָרגן — אַ גרויסן פייג !

אייפּריל - פול

ס׳לויפט פּראָספּעריטי — אַ ווייכער ;
אַלע באַנקען — ווידער זיכער ;
שעפער רופן : קומט שוין גיכער —
„אייפּריל פול !"

ס׳קומט שוין ווידער אַ גוט־מאָרגן ;
דאַרפסט שוין מער ניט בעטן, באָרגן ;
אַלץ איז דאָ, נאָר ניט קיין זאָרגן —
„אייפּריל פול !"

אומפּאַרטייאיש שרייבט מאָרגנאַשעם ;
הילכט פּראָטעסט און ניט קיין דרעאַשעם ;
הילף דעם אַרבעטער אַז בעקאַשעם —
„אייפּריל פול !"

מעטיו וואָל און באָס צעריסן,
ווייל עס פּלאָגט אים זיין געוויסן,
ווייל ער זיך אין קאַמף אַנשליסן —
„אייפּריל פול !"

קלאַפּט דער „פאָרווערטס" זיך אין מועד ;
כ׳בין דאָך טאַקע אַ רעציייער,
כ׳מאַך דאָך מענטשן נאַריש, דול —
„אייפּריל פול !"

גייען אַרבעטער מאַרשירן ;
נעגן הונגער פּראָטעסטירן ;
מוט אין שלאַכטן דעמאָנסטרירן
זאָגן זיי :
ניט „אייפּריל פול" ;
ניט נאַריש, דול ;

ניט פּאָליטישנ'ס
טריק און פּול,
נאָר אַ האַרץ
מיט פייער פול
וועט אונז מאַכן
אונזער לעבן
פול מיט ליכט,
פול מיט זין,
פול מיט אימפּעט,
פול,
פול,
פול,
פול!

איינאקטערס

ב ר י ד ע ר

(איינאַקטער אין דריי סצענעס)

פ ע ר ז א נ ע ן :

מוטער — אַרום זעכציג יאָר אַלט.

דזשייק — עלטערער זון אין די פערציגער, רייכער מאַן.

סאַל — צווייטער זון אין די דרייסיגער. אַן אַרבעטער.

מינע — טאָכטער. 28 יאָר אַלט. איינפאַכע הויז־פרוי.

בעסי — טאָכטער. 20 יאָר אַלט. וואולגאַרער באַנעמען זיך.
האַלט אין איין קייען גאָם.

וועכטער פון פריזן — טראָגט זיך מיט שליסלען אויפן האַנט.

באַזוכער אין פריזאָן.

ערשטע סצענע אין דער מאמע'ס הויז אין קיד. די מאמע פּאַרעט זיך ביים אויוון ארום די טעפּלעך. בעסי פּוצט דעם קלאָזעט, דעם טיש, ראַמט אין די ווינקעלעך, זיך גרייטנדיג פאַר דעם גאַסט דזשייק, וואָס קומט פאַר אַ **באַזוך צו דער מאַמען**. בעסי טוט איר אַרבעט ווילד שפּרינגענדיג און זינגענדיג פּאָפּולערע גאַסן־לידלעך.

מאַמע: — עפּשער וואָלסטו מער געטאַן און ווייניגער געזונגען.

בעסי: — אַ־קעי (זינגט) יעם סער יו'ר מיי בייבי, יעם סער (א. א. וו.).

מאַמע (נעמט שאַבן בולבעס): — בעסי, גיב אַ וועק אויף סאַל'ן זאָג אים, אַז עס איז שוין צייט אויפצושטיין. דזשייק קען נאָך אריינקומען יעדע מינוט און אים טרעפן אין בעט.

בעסי — שור מייק. איך זאָל אים וועקן וועל איך האָבן אַ שוד אין קאָפּ. דיין רויטן קאָמוניסט אויפצוּוועקן דאַרף מען נאָר שיקן אַ פּאָליסמאַן מיט אַ גוטן קלאַב. (גייט צום בעד־רום טיר, עפנט שטיל אויף, און גיט אַ געשריי) געט־אַפּ, רעד, סאיז אַ דעמאָנסטראַציע.

(עס פליט ארוים אַ שוך ביז אינדערמיט פון קיך. די מאמע דערשרעקט זיך. גיט זיך אַ כאַפּ, און די בולבעס צעשיטן זיך פון איר פאַרטוך).

מאַמע: — שוין, ס'האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. (קלייבט צוזאַמען די בולבעס און זעצט זיך ווידער אָוועק).

בעסי: — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פאַר אים דאַרף מען נאָר אַ פּאָליסמאַן.

סאַל (שטעקט ארוים דעם קאָפּ מיט זיינע נאַקעטע אָרעמס דורך דער טיר): — טשוּאינג־גאַם קאַלב, דו האָסט שוין געעפנט דיין פּיסק.

בעסי (כאַפּט אַ טעלער): — האַו דעיר יו! יו סעי עגעין!

מאַמע: נו, אַז ער וועט דיר זאָגן נאָכאַמאָל וועט דיר שוין זיין געשמאַקער? מאַך שוין אַ סאָף און צעשטעל די פּאָר גלעזער. אַ בראָך וועט זיין צום מאַן, וואָס קען דיך קריגן פאַר אַ ווייב.

בעסי: — אַ בראָך וועט אָבער זיין צו דער ווייב, וואָס וועט קריגן אַזאַ מאַן, ווי דיין זון, דער רויטער.

סאל (שטעקט ווידער ארוים דעם קאָפּ): — טשואינג־גאַם קאַלב, דערלאַנג מיר דעם שוד, אַז ניט, קריגסטו באַלד דעם צווייטן.

בעסי (נעמט דעם שוד און גיט אים אַ וואָרף אריין): — נאַ, „רעד", ווערג זיך. (קרימט אים איבער און זינגט פלאַפּעריש): „יו וויל איט באַי ענאַ באַי, אַ גוטע מאַקע, אָבער ניט דיין פּאַי".

מאַמע: — ווי דו אַרבעטסט, דאַכט זיך מיר, אַז דו וועסט אויך האָבן אַ מאַקע, ניט קיין פּאַי.

בעסי: — ז׳דאַט־סאָ?

מאַמע: — דו וועסט קיין ׳זדאַט־אַל אויך ניט האָבן. גיב זיך בעסער אַ ריר. לויף ארויף און רוף אַרונטער מינע׳ן, זאָג איר, אַז דזשייק וועט באַלד זיין, זאָל זי אַרונטערקומען.

בעסי: — ער איז אויך ניט קראַנק צו גיין. דאָס איז דאָך זיין טייערע שוועסטער, זי האַלט דאָך מיט די „רעדס" (זי שטעקט אריין דעם קאָפּ צו סאַל׳ן אין צימער), סיי, יו, גיי רוף דיין טייערע שוועסטער.

(עס פליט ארוים אַ קליין קישעלע איר אין קאָפּ אריין. זי לויפט צו דער מאַמען, וויל כאַפּן אַ בולבע צו וואַרפן, צעשיטן זיך אַלע בולבעס אויפ׳ן פלאָר).

מאַמע: — ווילדע מויד, מעשוגענע, נאָר דאָס זוכט זיך. (די מאַמע האַלט דעם פאַרטוך אין האַנט און לויפט איר נאָך). גיי שוין רופן מינען, דו הערסט, מעשומעדעס. (קלייבט צונויף די בולבעס).

בעסי (שטעלט זיך אַוועק פון אַ צווייטער זייט טיש): — איך דאַרף איר נויטיג האָבן. אַזוי גלייבט זי ניט דזשייק׳ן. ער איז אַ רייכער באַזער, זאָגט זי, אָבער אַז מ׳קען ביי אים ארויסקריגן אויף אַ פּאָר שיך, איז ער איר שוין ברודער.

מאַמע: — נו, און פאַרוואָס האָסטו אים ליב? ניט פאַר מאַטאַ־נעס? גיי שוין, זאָג איך דיר.

(בעסי גייט ארוים און שרייט ארויף: „מינע, קום, די מאַמע וויל דיך זען". קומט באַלד אריין צוריק).

מאַמע: — נו?

בעסי: — וועסט שוין באַלד האָבן דעם גאַנצן „סעט". נאָר זאָג דיין זונעלע, ער זאָל אים ניט באַליידיגן.

מאַמע: — זיי שאַנעווען זיך ניט איינע די אַנדערע.

בעסי: — דו וועסט זען. דזשייק וועט נאָך ווערן אין קאַעס און

וועט מער ניט קומען אינגאנצן צו דיר. אויב דו וועסט לאזן אלעמען רופן אים רייכער כאזער. רעמעמבער, ער וועט דיר ניט געבן מער א פעני און דו וועסט ניט האבן וואס צו עסן.

מאמע: — נו, דאן וועט זיין פאר מיר איין ברייררע.

בעסי: — וואס?

מאמע: — וועל איך אויך זאגן, אז ער איז א רייכער כאזער.

(בעסי קריכט אונטער'ן טיש א וויש טאן דעם פלאר. סאל קומט ארויס פון בעד־רום מיט'ן האנד־טוך אויפ'ן האנט. גיט בעסי'ן א שמיץ מיט'ן האנדטוך איבער'ן הינטן).

בעסי (כאפט זיך שנעל ארויס): —„גא טו העל".

(סאל קייט מיט'ן מויל, קרימט איר איבער ווי זי קייט די גאם).

בעסי (קוקנדיג צו סאלן): מא, גא טו העל. (לויפט אָן וויל אים א בריקע טאן.)

(סאל שפרינגט אפ און דרייט מיטן קערפער, נאכקרימענדיג בעסין מיט געזאנג, „יע סער, יו'ר מיי בייבי נא סער". ווייזט ווי זי ניט א ציי די גאם פון מויל.)

סאל (צו דער מאמען): — פאראן הייסע וואסער?

מאמע: — איך האב מוירע, אז פון די וואסער איז שוין גע־ווארן פייער.

(מ'קלאפט אין טיר. סאל כאפט זיך אריין אין באד־רום. בעסי לויפט עפענען די טיר. עס קומט אריין מינע.)

מינע: — ווי איך זע, איז היינט ביי דיר דער עמעסער זונטאג. וואס גרייטסטו זיך עפעס היינט אזוי?

בעסי (שפרינגט אריין): — מיין דארלינג בראדער קומט היינט, ווייסטו?

מאמע: — יעס, דזשייק קומט היינט אונז זען.

מינע (גיט זיך א קרים): — וואו איז סאל?

בעסי: — דיין דארלינג בראדער איז דארטן. (ווייזט מיטן פינ־גער צום באד־רום). ער איז ניט פארלארן געגאנגען.

(סאל קומט ארויס, ווישט זיך מיט'ן האנטוך. דערזעט מינען).

סאל: — וואס מאכסטו? ביזט געקומען זיך זען מיט'ן רייכן כאזער?

מאַמע (פּאַרעט זיך אַרום אויוון. רעדט ווי צו זיך, קוקענדיג צו סאַלן): — ניין, דו וועסט איר העלפן? ניי שוין, ניי. טו זיך שוין אָן.

בעסי: — זאָל ער בעסער שלאָפן, וועט זיין שטילער אין הויז.

(סאָל קרימט איבער בעסי'ן ווי זי ציט דעם „גאָם" פון מויל. גייט אַריין צו זיך אין צימער).

מינע: — וואָס קאָכסטו דאַרטן? (גייט צו, וויל העלפן דער מאַמען).

מאַמע: — זעץ זיך בעסער אַוועק. איך בין שוין באַלד פאַרטיג; איך בין היינט אויפגעשטאַנען פינף פאַרטאָג.

(עס דערהערט זיך אַ פייף פון אַ מאַשין, וואָס האָט געסטאַפּט. בעסי לויפט צו דער טיר. די מאַמע און מינע ווערן ביזי אָפּראַמען פון וועג די שטולן, אויסליינען דעם טישטוך אויפ'ן טיש. דזשייק קומט אַריין. צעקושט זיך מיט אַלעמען).

דזשייק: — וואָס מאַכט איר אַלע?

מאַמע: — מ'לעבט.

מינע: — מ'מוטשעט זיך.

בעסי: — אַ קעי. (גיט אַ צי דעם גאָם פון מויל אַרויס.)

(דזשייק טוט אויס זיין ראָק און דערבי, גיט צו בעסין. פאַררויכערט אַ ציגאַר).

מאַמע: — נו, איז וואָס מאַכסטו? פאַרוואָס האָסטו שוין ניט מיטגעבראַכט דזשעניון מיטן קינד? וואָס מאַכן זיי?

(מינע גיט אים אַ שטול. אַלע זעצן זיך ביים טיש).

דזשייק: — וואָס טוט עפּעס דער „רויטער"? ער מאַכט נאָך אַלץ רעוואָלוציעס? (צעלאַכט זיך.)

סאָל (דורכן טיר): — ניין, דערווייל מאַך איך נאָך אַלץ געלט פאַר די רייכע פּאַראַזיטן. אָבער — — —

דזשייק (מיט געמאַכטן געלעכטער): — אָבער קיין לעבן פאַר זיך ניט. קום אַרויס, לאָמיר דיך אָנקוקן. האָסטו שוין אַ צעבראָכענע נאָז ביי די קאָמוניסטן, אַ צעבראָכענע נאָז איז ווי אַ יכעס־בריוו פון אַ זיידן אַ ראַוו. (צעלאַכט זיך שטאַרק).

סאָל (לויפט אַריין): — און ביי דיר — אַ גראָבער באַנק־בוך איז ווי ביי אַ כאַזער אַ נוזשניק.

בעסי: — נאַ טו העל.

(סאל ווייזט איר, ווי זי ציט די גאם פון מויל).: — קאלב, דו שווייג שטיל. ער וועט דיר סיי ווי ניט געבן מער ווי א קוואדער אויף א דרעם.

מינע: — עפשער וואלט מען גערעדט וועגן אנדערע זאכן.

מאמע: — אט אזוי אלעמאל; ווי די צוויי ברידערלעך קומען זיך צוזאמען איז ווי פייער מיט וואסער.

סאל: — ניט קיין פייער מיט וואסער, נאר אן ארבעטער מיט אן עקספלאטאטאר. אן ארבעטער מיט א בלוט־זויגער, אן ארבעטער מיט א דאווער אבער. איינער וואס קעמפט געגן די מיליאנען הונגעריגע; דער צווייטער, וואס רויבט פאר זיך פולע קעשענעס מיט גאלד. (ווייזט מיט די הענט אין די קעשענעס).

דזשייק (ווערט אין קאעס. נעמט זיך אויפהויבן פון טיש): — אויב דו וועסט האלטן דעם טרעמפ אין הויז, וועט דא מער מיין פוס ניט אריינשמעקן.

מאמע (צעשראקן. נעמט אים צוריק אוועקזעצן): — קינדער, הערט אויף, איר ווילט זיך קריגן, גייט צו די מיטינגען. (גיט א רוף מיט דער האנט מינען). מינע, קום, זיי אזוי גוט און העלף מיר דער־לאנגען טיי צום טיש. (מינע גייט).

בעסי: — אי וויש, אז די מאמע זאל ארויסטרייבן דעם טרעמפ, דעם „רעד". (גלעט דזשייק'ן איבער'ן פלייצע).

סאל (ווייזט אן אויף בעסי'ן): — עפשער וואלסטו גענומען צו זיך אין דזשאנק־שאפ אט דאס שטיקל דזשאנק. דו וואלסט געקענט מאכן געלט פון דעם. דאס האט א בלעכענעם קאפ. (קלאפט בעסין אין קאפ.)

בעסי (ווייזט אים א נאז): — און דו האסט אן אייזערנעם קאפ. אלע פאליסלייט קלאפן דאס און קענען ניט צעברעכן. (לאכט צו דזשייק'ן).

דזשייק (אויפגערעגט): — אז איך וויל מער ניט ריידן מיט אזא אויסוואורף. ווען איך קען נאר, וואלט איך געביטן מיין נאמען. עס איז מיר א שאנדע צו טראגן דעם זעלבן נאמען. (שטעלט זיך אויף און שפאנט ארום איבער'ן הויז). מענטשן שטעכן מיר די אויגן. (לויפט צו צו דער מאמען ביים אויוון). ווי דו זעסט מיך לעבן, ווען ניט צוליב דעם טשעק־בוך, וואלט איך בייטן מיין נאמען.

(די מאַמע און מינע טראָגן גלעזער טיי צום טיש. דזשייק שפּאַנט זיי נאָך, דרייט די גאָלדענע קייטל אויפ'ן פינגער. וואַרפט מיט קאַעם דעם ציגאַר אין מויל פון איין זייט צו דער צווייטער).

סאָל (זוכנדיג אין אייז־באָקס עסן) : — ער וועט נאָך בייטן ניט נאָר דעם נאָמען, נאָר דעם אַדרעס אויך. ער מיינט, אַז די שוואַרצע אַרבעטער וועלן אַלעמאָל פאַר אים שקלאַפן פאַר אַ הונגער לוין.

דזשייק (ווייזט צו סאָלן): — אַט־דאָס־אַ וויל איבערמאַכן אַמעריקע?

סאָל (ווייזט אַן מיט'ן האַנט) : — און דאָס אַ איז דער פאַר־טיידיגער פון אַמעריקע. אַ קלאָג צו קאָלומבוס'ן.

מאַמע : — שוין ווידער. הערט אויף, שכינים שטייען דאָך שוין אַרום די פענסטער. זעץ זיך צום טיש, טרינק אַ גלאָז טיי. (פירט דזשייקן צום טיש, זעצט אים אַוועק.)

בעסי (רוקט אים צו צוקער) : — מאַך זיס!

מינע (דערלאַנגט קיכלעך): — נעם מיט קעיק.

(די מאַמע נעמט זיך אַ גלאָז טיי, זעצט זיך טרינקען לעבן אויוון. מינע נעמט אַ גלאָז טיי פאַר זיך און זעצט זיך ביים טיש. סאָל הויבט זיך אויף פון לעבן אייז־באָקס מיט אַ שטיק ברויט אין האַנט, כאַפּט אַקוק אויפ'ן טיש, צי עס ניטאָ פאַר אים קיין טיי. ער שטעלט אַרויס דעם בויך, ווי אַ אַפּגעפרעסענער בורזשוי, און שפּאַנט אַרום איבער'ן הויז מיט'ן שטיק ברויט אין האַנט).

בעסי (שיסט אַרויס אַ געלעכטער און באַשפּריצט אַלעמען מיט טיי): — ער לערנט זיך ווי צו זיין אַ קאַפּיטאַליסט.

דזשייק (טרינקט די טיי מיט גאַל): — צו זיין אַ קאַפּיטאַליסט דאַרף מען האָבן סייכל.

סאָל (ווי צו זיך) : — קיינער לאַדעט מיך ניט צו טיי, נו וועל איך אַליין נעמען. (גייט צום אויוון, גיסט זיך אָן אַ גלאָז טיי).

מאַמע (ווייזט אים אַ שטול לעבן אויוון): — זעץ זיך דאָ.

סאָל (ווייזט צום טיש) : —איך וויל זיצן מיט די מיליאָנערן ביי איין טיש.

מאַמע : —יע, זאָל דאָס מיר צוקומען, וואָס דזשייק'ן פעלט צו זיין אַ מיליאָנער.

סאל: — איך זאג דאך אלעמאל, אז ער איז א גרעסערער דאוועראכער, ווי א קאפיטאליסט.

בעסי: — איך וועל דיך באלד אפבריען, דו הערסט!

מינע (צו בעסי׳ן): — דו זיץ רואיג. זיי קענען זייער שטעטל אליין באשטיין. פרעמדע קושן זיך און ברידער שלאגן זיך — איז נאך ניט גלייך.

דזשייק: — אזעלכע ברידער וויל איך וואס ווייניגער.

בעסי (שפרינגט אויף): — איך אויך.

מאמע: — קינדער, האט איר גארניט וועגן קיין אנדערע זאכן וואס צו ריידע, ווי זיך נאר שטעכן איינע די אנדערע?

דזשייק: — גיי, רייד וועגן אנדערע זאכן, אז אזעלכע טרעמפס, רויטע לאבוסעס, ווילן דאס איבערמאכן די וועלט. די גרעסטע מענטשן האבן געמאכט א סיסטעם, איז דאס געווען גוט פאר׳ן זיידן און עלטערזיידן, נאר אט־דעם־א געפעלט דאס ניט.

מינע: — הער, דזשייק, איך וויל זיך ניט מישן, אבער איך מוז דיר זאגן, אז אונזער זיידע איז ניט געפארן מיט קיין אוטאמאביל און אונזער זיידע האט ניט געוואוינט אין ראקאוועי — — — —

בעסי: — דו שוויג, ווארום דו וועסט זיך נאך ארויסרעדן א נארישקייט.

מינע: — די נארישקייטן וועסטו שוין ארויסריידן פאר אלעמען, אבער איך זאג, אז אויב מ׳וויל האבן א לייטישע וועלט, מוז מען זי איבערמאכן. ניט אלע מענטשן מוזן האבן דזשאנק אין קאפ.

דזשייק (אויפגערעגט): — וואס מיינסטו?

בעסי: — פששש... פש... פש.... מ׳וועט שטעלן נאך אים (ווייזט אן אויף סאל׳ן) א גאלדענע מאציייווע. קעץ וועלן מיאוקען אויף זיין קייווער. וואס איז, — ער איז געשטארבן אן אידעאליסט. א מענטש דארף האבן סייכל פאר זיך.

סאל: — אבער ניט קיין קעלבערנעם סייכל.

מינע: — יעדער מענטש דארף האנדלען ווי ער פארשטייט.

דזשייק: — אט דאס רופסטו האנדלען. אלעוואי זאל איך ליגן זאגן, ער וועט מיט זיין טויט ניט שטארבן. אין בעסטן פאל, וועט ער ערגעץ פוילן אין פריזאן.

סאל: — נעווים, א קאמוניסט וועט בעסער זיצן אין פריזאן מיט

פרייע געדאַנקען, ווי זיין אויף דער פריי מיט פאַרשקלאַפּטע געדאַנקען.

דזשייק: — אַט הער רייד, אַז דאָס פּלאַפּלט און ווייס ניט וואָס דאָס רעדט.

מינע: — און אַז ער הערט ווי דו רעדסט וועגן ביזנעס און געלט און באַנק־ביכלעך, דיינקט ער, אַז דו ביזט מעשוגע, און דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט.

מאַמע: — זאָל איך אַזוי ניט וויסן קיין בייז ווי איך ווייס ניט וועגן וואָס איר אַלע רעדט און קריגט זיך. אַז קיין יערושע האָב איך ניט, טאָ צו וואָס דאָס רייסן זיך? קינדערלעך, זאָגט מיר בעסער, איר ווילט אַביסל דזשעלי צום טיש?

בעסי: — טאַקע, דזשייק, נעם די טיי מיט דזשעלי (לויפט צום קלאָזעט, גיסט אָן אין אַ טעצל איינגעמאַכטס, שטעלט אַוועק ניט ווייט פון זיך, כאַפּט אַלע וויילע אַ לעק פון דעם).

סאַל: — איך זאָג דיר, מאַמע, ס'איז אַ גליק, וואָס דו האָסט ניט קיין געלט, ווייל אַ רייכער כאַזער וועט פאַר געלט פאַרקויפן זיין מאַמען..

דזשייק (שפּרינגט אויף): — הערסט ווען ס'איז ניט ביי דער מאַמען אין הויז, וואָלט איך דיך צעפּאַטשט, דו טרעמפּ. אָבער וואַרט, דו ביסט נאָך ניט פאַרטיג. (רעדט צו אַלעמען.) דיינקט ניט פאַר אַ מינוט, אַז ווען ער וועט אַריינפאַלן אין פּריזאַן, וועל איך אים „בעילן", ניט ביי מיר. ער מעג זיך זיין מיינער אַ ברודער, אָבער איך מיט אַ קאָמוניסט האָב איך גאָרניט וואָס צו טאָן.

מאַמע (באַרואיגט אים): — דו וועסט ניט זיין אַזוי שלעכט. (ווייזט אויף סאַלן). דו מיינסט, אַז ער מיינט דאָס וואָס ער רעדט?

סאַל: — קאָמוניסטן מיינען וואָס זיי ריידן. און איך זאָג דיר טאַקע, אַז עס וועט מיר זיין אַ שאַנדע צו זאָגן, אַז דו ביזט מיין ברודער. ווען קאָמוניסטן ווערן אַרעסטירט, האָבן זיי אַ גאַנצן קלאַס פאַר פאַרטיידיגער. אָבער איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט. פוילן אין פּריזאָן איידער דו זאָלסט מיך בעילן אָדער פאַרטיידיגן.

דזשייק (ווייזט אויף מינע'ן): — זינט ווען ביזטו דאָס געוואָרן אַ פאַרטיידיגערן פון די רויטע?

מינע: — זינט ווען איך דיינק אַז ער איז גערעכט. קיין געלט האָט ער ניט, אָבער סייכל — אַלעוואַי האָב איך שוין דאָס.

בעסי: — ביי איר איז ער אַלעמאָל גערעכט.

דזשייק (מיט קאַעס): — אָבער מיט די געז־בילס און אויף רענט קומט מען צו מיר, אויף דעם האַסטו סייכל.

מאַמע: — קינדער, הערט אויף: מענטשן שטייען שוין אונטער די פענסטער.

מינע: — מער קען ניט זיין, וועט מען מיר פאַרמאַכן די געז, אָבער ניט דאָס מויל.

סאַל: — פאַר זיינע כאַזערישע פאַר דאָלאַר וויל ער, אַז אַלע זאָלן אים נאָכלויפן.

דזשייק: — אויב אַזוי וויל איך טאַקע ניט, אַז דו זאָלסט עסן מיין פראַצע. אַרויס פון דער מאַמע׳ס הויז, אָדער מיין פוס וועט דאָ מער ניט זיין. דיין פלאַץ איז הינטער אייזערנע גראַטעס. (שטעלט זיך אויף, גייט נעמען דעם ראָק. אַלע זיצן צעשראָקן).

סאַל: — איך וויים ניט, ווער פון אונז קען נאָך פריער זיין דאָרט. ווייסט דאָך, „סאָף גאַנעוו לעטליע...

מאַמע (לויפט אים נאָך): — זונעלע זיי ניט אַזוי אויפגערעגט, נו, מאַלע וואָס ער רעדט. ער מיינט ניט קיין שלעכטס.

דזשייק (כאַפּט דעם ראָק און וואַרפט זיך): — הערסט איך וועל דיר געבן געלט — און ביי דיר אין הויז זאָל מען מיך באַליידיגן. אַ גאַנעוו בין איך, אַה? — גוד־באַי!

מינע (ווייזט צו סאַל׳ן): — איין עמעסער וואָרט זיינער איז מיר טייערער ווי דיין גאַנצע געלט.

(דזשייק לויפט צום טיר. די מאַמע לויפט אים נאָך. אַלע שטעלן זיך אויף).

בעסי (שרייט אויס צו סאַל׳ן): — גאָ טו העל, רעד!

(סאַל לויפט צו, דריקט איר אַרונטער דעם קאָפּ צו די דזשעלי. זי שמירט אויס דעם פּאָנים, שרייט צעטומלט).

(פאָרהאַנג פאַלט פאַר עטלעכע מינוט)

צווייטע סצענע

(אין דעם זעלביגן צימער פאַרטאָג. עס זעט זיך די גרויקייט דורך די פענסטער. אין הויז איז שטיל. סאַל קומט אריין מיט אַ ציטונג אין האַנט, שפּאַנט דורך צוויי מאָל דורכ׳ן צימער).

סאל: — מאמע! מאמע!

מאמע (קומט אריין פון א צווייטן צימער אין אירע נאכט־קליי־דער): — וואס איז געשען? וואס איז?

סאל: — זע, (ווייזט איר די ציטונג).

מאמע (צעשראקן): — וואס איז, לייען מיר איבער.

סאל (נעמט לייענען): — דזשאנק־דילער ארעסטירט פאר גע־נייווע. (רעדט צו דער מאמען). הערסט, איך גיי ארונטער, נעם די ציטונג א קוק צו טאן פאר א דזשאב. נאדיר!

מאמע (אומגעדולדיג): — לייען שוין, פינסטער איז מיר.

סאל: — א ברודער, ווי איז מיר (לייענט). דזשייקאב אייזמאן, 41 יאר אלט, פון ראקאוועי, ארעסטירט פאר קויפן געגאנווועטע טרעקס פון אן אייזנבאן, וויסנדיג, אז דאס טאר ניט געקויפט ווערן. עס דער־ווארטעט אים פון דריי ביז זיבן יאר אין פריזאן. ער איז א פארמעג־ליכער מענטש, און האט זיך שוין באזארגט מיט צוויי גוטע לאיערס.

מאמע (ברעכט מיט די הענט): — פינצטער איז מיר מיין וועלט. (צו סאל'ן) וויפיל? פון דריי ביז זיבן? א בראך איז דער מאמען!

סאל (שפאנט ארום): — א בראך איז מיר, אזא שאנדע: א ברודער א שווינדלער. וועט דארפן פוילן אין פריזאן. מענטשן וועלן לייענען דעם נאמען און וועלן נאך דיינקען, אז איך בין דאס דער שווינדלער.

מאמע (ווישט זיך די אויגן): — וואס טוט מען?

סאל (לויפט צו צום בעד־רום טיר, וואו בעסי שלאפט): — בעסי, בעסי, דו ווייסט, איך וועל איצט דארפן בייטן דעם נאמען.

בעסי (לויפט ארוים אין די נאכט־קליידער, צעטומלט): — וואס איז געשען? (לויפט צו דער מאמען) וואס איז? וואס קומט דא פאר?

סאל (טראגט איר אונטער די ציטונג): — אט האסטו, א ברודער א גאנעוו, א שווינדלער.

בעסי (לייענט און כאפט זיך פאר'ן קאפ): — מאי גאד!

מאמע (צו סאלן.): — כ'בעט דיך, גיי גלייך, געפין אוים צי די לאיערס אטענדן שוין. זע, עפשער קענסטו עפעס העלפן?

סאל: — איך שעם זיך צו פארטייטיגן א שווינדלער, א גאנעוו. מיט אזא ברודער האב איך גארניט וואס צו טאן.

(די מאמע, בעסי האלטן זיך פאר די קעפ, שפאנען הין און צוריק)

בעסי: — מאי גאד!

סאל (ווי צו זיך אליין): — איך וועל מוזן בייטן דעם נאמען.

(פארהאנג פאלט פאר עטלעכע מינוט)

דריטע סצענע

(א פריזאן וואנט. עס זעען זיך עטליכע פענסטערלעך מיט גראטעס. ביי איינער פון זיי שטייט דזשייק, אראפגעלאזט דעם קאפ, דערשלאגן. וועכטער קומען אריין און ארוים).

דזשייק (שטייט פארקרימט צווישן די גראטעס): — נא, אט האסטו דיר!

(אין א צווייטן קעמערל, וואו עס זיצט סאל, דערהערט זיך זיין זינגען א רעוואלוציאנערע ליד: "פארמוטשעט אין פינצטערער טפיסע". ווען ער פארענדיגט דאס ליד, באווייזט ער זיך ביי די גראטעס).

סאל: — איך האב ניט געוואלט, אז דעם בורזשוי זאל דא זיין אומעטיג, בין איך געקומען צו אים אין פריזאן.

דזשייק (צעשראקן): — איך וואלט געשווארן, אז דא זיצט ערגעץ מיין ברודער, דער רויטער. ס'איז זיין זינגען. העי, אפיסער! (רופט דעם וועכטער. דער וועכטער גייט צו). זאג מיר, איך בעט דיך, ווי רופט מען דעם א, וואס האט ניט לאנג געזונגען?

וועכטער: — בען סקלאר.

דזשייק: — בען סקלאר? איז דא פאראן איינער אין דעם צעל מיט דעם נאמען סאל אייזמאן?

וועכטער: — ניט וואס איך וויים. נאר גיי און ווייס ביי ארעס־טירטע דעם ריכטיגן נאמען.

דזשייק: — זיי אזוי גוט און בעט די ציימונג ביי איינעם פון די פריזאנערס.

וועכטער (קוקט אריין אין די פענסטערלעך, גייט צו צו סאלן): — קען מען קריגן דיין ציימונג פאר א צווייטן פריזאנער?

סאל: — געוויס. (דערלאנגט דעם „דיילי ווארקער")

(דער וועכטער טראגט צו די ציימונג צו דזשייק'ן. דזשייק כאפט א קוק, גיט דאס א ווארף מיט קאעס).

דזשייק : — דאָס איז ער. (צום וועכטער איבערראַשט.) דאָס איז ער. דאָס איז מיין ברודער.

וועכטער (גייט צו צו סאַל'ן) : — האָסטו אַ ברודער דזשייק אין פּריזאָן ?

סאַל : — ניין, ניין, אין מיין מישפּאָכע טאָר ניט זיין קיין שווינדלער, גאַנאַווים און פּאַראַזיטן.

וועכטער (קוקט זיי אָן) : — גאָר ניט געראָטן. (וועכטער אָפּ.)

סאַל (ווינקט): — עפּשער זאָל איך דיך בעילן? פיינער מענטש! איאַ, די קאָמונע געפעלט דיר ניט ?

דזשייק : — האָב נאָר ניט אַזאַ גרויס מויל. דאָס איז ניט ביי דער מאַמען אין הויז. דערוויל זיץ איך דאָ ניט פאַר קיין רעוואָלוציעס מאַכן...

סאַל : — געווים ניט. נאָר פאַר אויפקויפן געגאַנוועטע סכוירע.

דזשייק : — אַפילע זיצענדיג אין פּריזאָן האָב איך נאָך מער קרעדיט ווי דו, נאָר וואָס טויג מיר דאָס ריידן, דו ביזט ניט נעווען קיין מענטש און דו וועסט ניט זיין קיין מענטש.

סאַל : — אויב דו רעכנסט זיך צווישן מענטשן, דאַן איז אַ בראָך צו דער מענטשהייט.

(עס קלינגט דער בעל. וועכטער רופט אויס, „וויזיט". עס קומען אַריין אַ צאָל באַזוכער, גייען פאַרביי די פענסטערלעך. אָפּ. עס קומט אַריין די מאַמע, מינע און בעסי. בלייבן שטיין אַ ווילע. ווייסן ניט וואו צו גיין.)

בעסי (ווייזט מיטן פינגער אויף דזשייקס קעמערל): — דאָרטן, דאָרטן איז ער, דזשייק. אַלע ווילן צוגיין.)

סאַל (רוקט צו דעם קאָפּ נאָענט צום פענסטער) : — העלאָו, מינע, מאַמע. (אַלע דרייען אויס דעם קאָפּ, בלייבן שטיין צעשראָקן).

מאַמע : — אַ קלאָג איז מיר ! דו ביזט שוין אויך דאָ ?

סאַל (צעלאַכט זיך) : — יע, (זאָגט מיט שטאָלץ), אָבער ניט פאַר קיין שווינדל. איך גיב אַכטונג אויף מיינע טרעקס. . .

(בעסי גייט צו צו דזשייק'ן, מינע — צו סאַל'ן. די מאַמע בלייבט שטיין, און ווייס ניט, וואו פריער צו גיין. צום סאָף באַ־שליסט זי און גייט צו צו סאַל'ן.)

מאַמע: — זאָג מיר שוין, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? עס האָט דיר פּאַרדראָסן, אַז דו ביזט אויף דער פריי, אַה?

מינע: — ווען ביזטו אַרעסטירט געוואָרן, און פאַרוואָס?

סאַל: — ניט געזאָרגט. מיין ברודער, (כאַפּט זיך צוריק), איך מיין, מיסטער דזשייקאָב אייזמאַן וועט מיך ניט דאַרפן בעילן.

דזשייק: — אים פּאַסט דאָך גאָר ניט מיט מיר צו ריידן. ערשט היינט האָב איך אויסגעפונען, אַז ער איז דאָ.

מאַמע: — ווי לאַנג וועסטו דאָ דאַרפן זיין?

סאַל: — איך ווייס ווען איך גיי אַריין, אָבער איך קען קיינמאָל ניט ווייסן, ווען איך גיי אַרויס. אַריין בין איך היינט פרי. איך בין געווען אויף דער פּיקעט־ליין אין אַ קאַמף נעגן אַן אינדזשאַנקשאַן, וואָס אַזאַ פּאַראַזיט ווי מיין ברודער, (כאַפּט זיך צוריק), איך מיין, ווי מיסטער דזשייקאָב אייזמאַן האָט אַרויסגענומען נעגן זיינע אַרבעטער. נו, איז געווען אַ געשלעג און איך האָב געקראָגן דריי מאָנאַטן.

בעסי (דרייט אוים דעם קאָפּ צו דער מאַמען). וויפיל האָט ער געקראָגן?

מאַמע: — דריי מאָנאַטן.

בעסי: — דאַטס־אָל?

סאַל (ווייזט דורכ'ן פענסטערל, ווי זי ציט די נאָם פון מויל):
— קעלבל, וויפיל וואָלסטו מיר געגעבן?

בעסי: — אויף שטענדיג. רויטע דאַרפן דאָ שטענדיג זיצן. ווען איך בין אַ דזשאַדזש, וואָלט איך דזשייק'ן געגעבן דריי מאָנאַטן און דיר (ווייזט צו סאָלן) די צוויי יאָר, נים דזשייקן, ער זאָל דאָ דאַרפן פינסטערן.

(מאַמע גייט צו צו דזשייקן בעסי רוקט זיך צו נעענטער צו סאַל'ס קאַמערל)

בעסי (ווי געגרייצט זיך): — נו, אַריינגעכאַפּט.

סאַל: — איך האָב „אַריינגעכאַפּט" דריי מאָנאַטן. אָבער דעם סטרייק וועלן מיר געווינען, און דער געווינס איז אויך מיינער. (צעזינגט זיך.)

מינע (צעווײנט זיך): — איך האָב צוויי ברידער, דאַרף איך זיי ביידן טרעפן הינטער אייזערנע גראַטעס.

סאַל:—און פאַרוואָס? (שפּאַסט). אײנער פאַר זײַן אַ שווינדלער און דער צווייטער — פאַר קעמפן געגן די פּאַראַזיטן, שווינדלער און גאַנאַווים.

מאַמע (צעווײנט זיך לעבן דזשייק'ן): — איך האָב צוויי זין, איז פון ביידן ניטאָ קיין נאַכעס. דאַרף זיך שעמען צו ווײַזן די אויגן אין גאַס.

סאַל (שטיפט): — אײנער וויל אײנשלינגען די וועלט, און דער צווייטער וויל איבערמאַכן די וועלט. מאַכן אַ וועלט פאַר אַלע־מען. (קוקט צו בעסי'ן) איז מיט וועלכן ברודער שעמסטו זיך מער אין פּריזאָן?

מאַמע (צו דזשייקן) כ'וועל דיר זאָגן דעם עמעס. איך האָב שוין געטראַכט צו זיך: אַלעוואַי וואָלסטו שוין בעסער געווען, ווי ער (ווײַזט צו סאַל'ן). נעכטן איז ביי מיר געווען די נעקסטדאָריגע, זאָגט זי צו מיר, „איר האָט ניט קײן נאַכעס פון עלטערן זון, דערפאַר מעגט איר כאָטש קלײבן פאַרגעניגן פון דעם אינגערן זון. איך האָב אים געהערט ריידן אויף אַ קאָרנער — זײַנען אים פּערל געפלויגן פון מויל"

דזשייק (אויפגערעגט): — נו, אויב עס שטייט דיר ניט אָן, וועסטו נעקסטן מאָל קומען ווײַזטן דײַן פּערלדיגן זון.

מאַמע (ווײנט): — צי עס שטייט מיר יע אָן, צי עס שטייט מיר ניט אָן, אַ קלאָג צו אַ מאַמע'ס יאָרן, וואָס דאַרף דאָס דערלעבן.

בעסי: — צ'אַלרייט, דזשייק וועט ארויסגיין פון פּריזאָן, וועט ער נאָך מאַכן מער געלט, ווי פריער. און ער (ווײַזט אויף סאַל'ן) איז געווען אַ טרעמפּ און וועט זײַן אַ טרעמפּ.

סאַל (ציט די גאַס פון מויל און קרימט איר נאָך): — הערסט, מאַמע, (מאַמע גייט צו) מעגסט אַלעמען זאָגן, אַז איך בין אין פּריזאָן, נאָר פאַרגעס ניט, זאָג זיי פאַרוואָס: פאַר קעמפן! ניט פאַר זײַן אַ שווינדלער, אַ פּאַראַזיט. (צו מינען) אויב אימיצער וויל מיך קומען באַזוכן, זאָל מען פרעגן פאַר בען סקלאַר. איך האָב דאָ מײַן נאָמען נעביטן.

אַלע דריי (מיט איבערראַשונג): — פאַרוואָס?

סאל: — ווייל ס'איז מיר א שאנדע, יע, א שאנדע צו האבן א פאראזיט, א שווינדלער, א בלוט־זויגער פאר א ברודער.

מינע: — ס'איז א שאנדע און א ווייטאג.

מאמע: — צוויי ברידער, ווי איז מיר.

סאל: — ניט קיין צוויי ברידער, נאר צוויי סאנים פון צוויי קלאסן. מיינע ברידער זיינען די וואס קעמפן מיט מיר צוזאמען נעגן אזעלכע שווינדלער, פאראזיטן און עקספלואטאטארס.

וועכטער (פון אונטערן טיר): — „טיים"!

(מאמע, מינע און בעסי ווישן זיך די טרערן פון די אויגן גייענדיג צום טיר. דזשייק דעקט זיך צו דעם פאנים מיט די הענט. סאל צעזינגט זיך הויך מיט א רעוואלוציאנערער ליד).

(פארהאנג)

לאַנדסלייט

(איינאַקטער)

מאָריסאָן — (אין די פערציגער יאָרן)

זיין פרוי — (אין זעלבן עלטער)

לעווינסקי — (פאָרטרעטער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן)

מיסטער ניסלמאַן — (פאָרטרעטער פון אַרבעטער־רינג, גראָב־ביייכיג מיט שמאַלצענע אויגן)

(די סצענע קומט פאָר ביי די מאָריסאָנס אין קיך. די פרוי זיצט און מישט אין אַ טעלער, גרייט צו צו באַקן אַ טאָרט. זי מישט און זינגט אַ באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע ליד.)

מאָריסאָן (קומט אריין פון בעדרום אין זיין שלאָף ראָק): — אַ געזונט אין דיינע הענט, דו האָסט אזוי געשמאַק געקלאַפּט, אַז איך האָב שוין געמוזט אויפשטיין. וואָס מישטו דאָס אזוי?

פרוי (הערט אויף צו מישן): — דו האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן היינט אַ פּאַרטי אין שול. נו, ווי מאַכט מען ניט עפּעס אַ קייק. אָוורעמעלע וואָלט מיך דאָך אויפגעגעסן, ווען איך מאַך ניט קיין קייק פאַר זיין שול.

מאָריסאָן: — טאַקע גערעכט. אָבער אזוי פרי?

פרוי: — ביי דיר איז פרי, און ביי מיר איז שוין פאַרטיג ברעקפעסט.

מאָריסאָן (כאַפּט זיך): — אזוי? גיי איך טאַקע נעמען אַ שייוו און איך נעם זיך צום ברעקפעסט. עס ווילט זיך שוין טאַקע עסן. אַ גאַנצע נאַכט ניט פאַרזוכט עפּעס אין מויל. (ביידע לאַכן. ער גייט אריין אין באַד־רום).

פרוי (פאַרזוכט פונים לעפל): — נאָך אַביסעלע צוקער וועט ניט שאַדן (דערשיט נאָך אַ ביסל צוקער פון אַ קעסטל.)

(עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. די פרוי עפנט. עס קומט אריין מיסטער ניסלמאַן.)

מיסטער ניסלמאַן: — מיר דאַכט זיך, איך האָב געטראָפן.

פרוי: — די פראַגע איז, וועמען איר באַדאַרפט.

מיסטער ניסלמאַן (ווישט דעם שווייס פון פּאָנים): — טאַקע דאָ וואוינט מיין לאַנדסמאַן, מיסטער מאָריסאָן?

פרוי: — יע, וואָס האָט איר אים ב'דאַרפט? עפשער קען איך ענטפערן פאַר אים?

מיסטער ניסלמאַן (פילט זיך היימיש, זעצט זיך): — ווי געוויינ־לעך, דאַרף איך דעם מאַן, נאָר אַז איך טרעף אָן אויף אַ קלוגער פרוי, איז דאָס נאָך בעסער פון מאַן (צעלאַכט זיך. נעמט אַרויס פון קעשענע

אַ בראַשור) איך זעה, דאָס איז אייער „פּריינט". מיר דאַרפֿן האָבן נייע מעמבערס אין דעם „אַרבעטער־רינג". איך האָב דאָך געהערט פֿון אַרבעטער־רינג? זיינען שוין די גאַר אַלטע געשטאָרבן, די מיר־טעלע האַלטן אויך ביים שטאַרבן, ווילן מיר האָבן נייע בלוט. איך הערט (כאַפּט איר אַן פֿאַרן פֿאַרטעך) יעדער מענש מוז באַלאַנגען צו אַ סאָסייעטי, ווייל אַ מענש איז געגליכן צו אַ שניי, היינט גייט ער, און מאָרגן צעגייט ער. נו, איז צו וועמען זאָל איך גיין, אויב ניט צו די לאַנדסלייט?

(מאַריסאַ גיט אַן עפֿן די טיר פֿון באָד־רום האַלטנדיג אַ האַנטוך אין האַנט, לייגט צו אַן אויער צו הערן ווער ס'איז אין הויז.)

פּרוי (מישט דעם טאָרט): —איז וואָס ווילט איר, אונזער בלוט?

מיסטער ניסלמאַן (רוקט זיך צו נענטער צו איר): — איך הערט, אַ מענש מוז באַלאַנגען צו אַ סאָסייעטי. מ'מוז זיין אינשורט. וואָס טוט איר טאַקע ווען אייער מאַן, דאָס הייסט מיין לאַנדסמאַן, ניט פֿלוצלונג אַ שטאַרב? איז אוים מאַן, אוים ברויט. אַז איר קריגט אָבער אינשורענס, קריגט איר אויך אַ שידעך, איז ווידער פֿאַראַן ברויט און איר האָט דעם מאַן אין דר'ערד...בע־בע־בע (צעלאַכט זיך אַזש דער גרידער וואַרפֿט זיך אים.)

(מאַריסאַ גיט ווידער אַן עפֿן די טיר און לאַכט צו זיך.)

פּרוי: — אָבער ווער טראַכט איצט פֿון אינשורענס נאָכן טויט, ווען מ'דאַרף גאָר קעמפֿן פֿאַרן לעבן.

מיסטער ניסלמאַן: —איך מיינט דאָך מיר ניט צו זאָגן, אַז איר וועט לעבן אייביג. אַ מענש מוז דאָך שטאַרבן. נו, קען מען ליגן אין גאַס?

פּרוי: — ווער טראַכט פֿון אַ קייווער? מיר טראַכטן וואו נעמט מען רומס, ווייל מיר מוזן מופֿן פֿון דאַנען.

מיסטער ניסלמאַן (כאַפּט זיך אויף): — אַזוי? איך דאַרפֿט רומס איז דאָך געווים גוט. איך האָב אַ גאַנצן בלאָק מיט הייזער וואָס שטייען ליידיג, טאַקע ביליגע רומס, דריי גרויסע רומס מיט אַ סינק פֿאַר דרייסיג דאָלער.

פּרוי (צעלאַכט זיך): — ווען איך האָב צו באַצאָלן צוואַנציג דאָלער זיץ איך דאָך אין די רומס.

מיסטער ניסלמאַן (זעצט זיך צוריק אַוועק): — אויב איר האָט

קיין רעגט ניט, איז טאַקע שלעכט. מופּט בעסער אין אַן אַנדער געגנט. פאַר לאַנדסלייט איז אַלע מאָל בעסער, אַז מ'האָט ניט קיין טראָבל איינע פון די אַנדערע.

(מיקלאַפּט אין טיר. פּרוי גייט עפענען. עס קומט אַריין לע־ווינסקי.)

לעווינסקי: — אַ גוט מאָרגן אייך, וואָס מאַכט מען עפּעס?

פּרוי: — אַט, איר זעט דאָך, אַ קייק פאַר מיין טאָכשידל צום שול יאַנטעוו.

לעווינסקי: —איז מאַריסאַן שוין אַוועק? מיר דאַרפן דאָך היינט אַרויסגיין קענוועסן פאַר קינדער אין דער שולע.

פּרוי: — ניין, ער וואַשט זיך נאָך. ניט לאַנג אויפגעשטאַנען.

מיסטער ניסלמאַן (זוכט אַ וועג ווי צו פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט לעווינסקין, גיט פלוצלונג אַ פרעג ביי אים): — פון וואַנען קומט אַ לאַנדסמאַן?

לעווינסקי: — אַ רוסישער, טאַקע זייערער אַ לאַנדסמאַן (ווייזט צו דער פּרוי.)

מיסטער ניסלמאַן (גיט אים די האַנט): — אַזוי, זיינען מיר דאָך לאַנדסלייט. פון וואָס פאַר אַ שטאָט?

לעווינסקי: — אַן אָדעסער.

מיסטער ניסלמאַן: — אַזוי, טאַקע פון אָדעס גופא? איז פאַרוואָס טאַקע ניט זיין צוזאַמען אין איין סאָסייעטי?

לעווינסקי: — איך זע טאַקע ניט איין פאַרוואָס ניט?

מיסטער ניסלמאַן (ווייזט אויף דער פּרוי): — דאָס איז דאָך אויך אַ לאַנדסליידי, טאַקע פון אָדעס גופא, זעט נאָר, איר ווייסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ סאָסייעטי פון אַלע אָדעסער, וואו אַלע לאַנדסלייט באַלאַנגען צוזאַמען?

לעווינסקי: — אַ פראַגע. זיי טרעפן זיך, פאַרברענגען צו־זאַמען.

פּרוי (אַרדנט איין דעם אויוון): — און פאַרברענגען נאָך גאַנץ פיין אויך. אויב עס איז פאַראַן אַ גוטע ביסל מאַשקע מיט אַ גוט שטיקל קעיק.

מיסטער ניסלמאַן (רוקט די האַנט אין קעשענע נאָך אַ קאַרטל):

— זייט איר שוין כאַטש אַ מעמבער? מ'קען איצט אַריין זייער גרינג.

דערצו קריגט דער פאַרשלעגער אַ פּרעזענט, אַ מענווירעלע, אַ כאַנוקע לעמפּל, אַ סעט נאַפּל, מעסער און לעפל, און דער נייער מעמבער קען שוין אויך פאַרשלאָגן נאָך אַנדערע און אויך קריגן.

לעווינסקי: — איך ווייס גראָדע, אַז ביי מיינע לאַנדסלייט גיט מען אַ מאַטאָנע צו דעם וואָס שלאָגט פאָר 5 מיטגלידער אַ פאַונטן פּען, אַ סעט ביכער, אַ סטאַטוע, און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן.

מיסטער ניסלמאַן: — נו, אַ דאַיגע וואָס מ'גיט, די הויפּט זאַך, די בענעפיטן. ביי די אַדעסער קענט איר קריינקען צען וואָכן „סטעדי" און איר קריגט בענעפּיט.

לעווינסקי: — מיילע, דאָס קריינקען בין איך אייך מויכל, זאָגט מיר בעסער, זייט איר שוין אַ מיטגליד אין דעם אַדעסער ברענטש? אויב ניט, נאַט אייך שוין אַ קאַרטל און פּילט דאָס אויס.

מיסטער ניסלמאַן (כאַפּט אַרויס זיין קאַרטל): — הערט, איך מיין אייך דאָ מאַכן פאַר אַ מעמבער, ווילט איר גאָר מיר מאַכן. זאָגט מיר, איך בעט אייך, אויב איר זיינט אַ מעמבער, פאַרוואָס זעט מען אייך ניט צו אַ מיטינג?

לעווינסקי: — איך קום גראָדע אַלע וואָך צום מיטינג.

מיסטער ניסלמאַן (איבערראַשט): — וואו?

לעווינסקי (נעמט אַרויס די קאַרטל און ווייזט): — אַט־אַ־דאָ, ביי דעם אַדעסער ברענטש פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

מיסטער ניסלמאַן (צעשראָקן, קוקט אַריין): — אַזוי? האָב איך מיט אייך ניט וואָס צו ריידן. אויך מיר אַ לאַנדסמאַן, באַלאַנגט גאָר צום אָרדן.

(מאַריסאָן קומט אַרויס פון באַד־צימער מיטן האַנטוך אויפן אַקסל. מיסטער ניסלמאַן לויפט אים אַנטקעגן, שטעקט אים אַריין די האַנט.)

מאַריסאָן: — וואָס שרייט מען דאָ אַזוי?

מיסטער ניסלמאַן: — אַט אַזוי זיך אַביסל צערעדט.

פּרוי: — דריי לאַנדסלייט, גיט מען זיך אַפּ קאַוועד.

(לעווינסקי גייט צו צו דער פּרוי, רעדט מיט איר שטיל לעבן אויוון.)

מיסטער ניסלמאַן (כניפעדיג): — אַזוי ווי מיר זיינען טאַקע לאַנדסלייט, בין איך געקומען צו אייך בעטן אַ טויווע: מיר פירן

איצט א קאַמפּיין פאַר נייע מעמבערס אין ארבעטער־רינג, און מ'גיט פיינע פּרעזענטן, א כאַנוקע־לעמפּל — —

מאַריסאַן: — אָבער ווער דאַרף כאַנוקע־לאָמפּן?

מיסטער ניסלמאַן: וואָס ווייסט איר, מיין ווייב כאַלעשט דאָס צו האָבן, און איר וועט דאָס אויך קענען האָבן.

מאַריסאָן: — אָבער אַז איך דאַרף דאָס ניט.

מיסטער ניסלמאַן: — אָבער לאַנדסלייט זיינען מיר, וואָס אַרט אייך, אַז מיר וועלן זיין צוזאַמען. איר ווייסט דאָך, צוזאַמען געבוירן געוואָרן, ווילט זיך נאָכן טויט אויך ליגן צוזאַמען.

מאַריסאָן: — מיך אַרט ניט, אַז איר וועט ליגן אַליין.

מיסטער ניסלמאַן: — און פאַרגעסט ניט דעם בענעפיט, וואָס מ'קריגט ביי אונז. מ'קען קרענקען ווי לאַנג מ'וויל מיט צען דאָלער א וואָך בענעפיט, און קריגט מען קאָנסאַמפּשאַן, גיבן מיר אכטונג ביז דער פּאַציענט שטאַרבט; שטאַרבט ער — קריגט ער ביי אונז די בעסטע קאַרקע, איך זאָג אייך א שטיקעלע ערד ווי פון זעמל־מעל.

מאַריסאָן: — אָבער וואָס מיר ערד? (ווישט זיך די הענט.)

מיסטער ניסלמאַן: — און אונזערע לעוואַיעס — ס'איז דאָך א פּלעזשור. אַז מ'וויל ספּענדן א פּאָר סענט, מאַכט מען א מאַלע, אַזש עס צעגייט אין אַלע אייוורים. און א אָרן? אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרן.

לעווינסקי (דרייט אויס דעם קאָפּ און שפּאָסט): — נו, און קאַדיש זאָגט מען?...

מיסטער ניסלמאַן: — שייעך צי מ'זאָגט. פאַר געלט קאָנט איר קריגן א גאַנצן מיניען.

פרוי (לאַכט): — און א פּערמיט פאַרן גאַניידן גיט איר אויך?

מיסטער ניסלמאַן: — נו, נו, לאַנדסלייט מעגן א ביסל שפּאַסן (נעמט אַרויס א קאַרטל פון קעשענע) אָבער פונדעסטוועגן פילט דאָס אויס, איר וועט מיר ניט אָנטזאָגן.

מאַריסאָן: —אָבער איך וועל דאָך ניט קאָנען נאָכן טויט זיך צערייסן אויף צוויי סעמעטערים. (ווייזט אויפן וואַנט אין פראַנט רום אַריין) איר זעט אַט דעם סערטיפיקאַט, אַט דאָרט בין איך א מעמבער.

מיסטער ניסלמאַן (הויבט זיך אויף און כאַפּט א קוק אַריין):
— איר זייט אויך א מעמבער ביי זיי? זאָג איך אייך ס'איז א שאַנדע.

און עפשער ווייסט איר אליין ניט ווי אזוי איך זיינט אהין אריינגעקראכן.

לעווינסקי: — ניט אריינגעקראכן, נאר טאקע אריינגעגאנגען, דורך מיר, ווייל כאווער מאריסאן איז אן ארבעטער, און אן ארבעטער דארף געהערן אין דעם ארבעטער ארדן.

פרוי: — אויב אזוי, טא וואס הערט זיך מיט מיר?

מאריסאן: — ועסטו טאקע אויך דארפן אריין.

מיסטער ניסלמאן: — פע, ניט שיין פון מיינע לאנדסליט צו באלאנגען מיט די שטערער און ברעכער. איר ווייסט (לויפט צו צו דער פרוי, כאפט איר אן פארן פארטוך) ביי זיי פריער פאר אלץ דארפט איר זיין שטארק און געזונט און פלינק און קלוג און אלץ אין דער וועלט. ווארום אלץ איז זייערע ביזנעס: יוניאן, סטרייק, כינע, קובא, סקאטסבארא, טאם מוני, לאקריץ, בוידעם, ציבעלע, א קאמף נעגן היטלערן, א קאמף נעגן פילסודסקין, לענדלארדס, באסעס, ציעניזם, ביליגע ברויט און אפילע באסער קאשער. אלץ איז ביי זיי אן איניען. וואס דארפט איר מער: די ערד איז זיי שוין צו ענג, קריכן זיי אין הימל אריין. אינמיטן דערינען א קאמף נעגן ריבוינע שעל אוילעם... געהערט אזא מייסע?

(לעווינסקי און מאריסאן לאכן, ווינקענדיג צו דער פרוי.)

מאריסאן: — נו, אויב דו ווילסט, גיב א שאו א לאנדסמאן. ועסט האבן א מענוירעלע, אן ארן אן טשוועקעס מיט א מאלע, אזש דיר וועט צעגיין אין אלע גלידער...

לעווינסקי (שפאסט): — און טאקע ליגן מיטן לאנדסמאן אויף איין סעמעטערי.

מיסטער ניסלמאן (לויפט צו צו מאריסאנען): — איר לאכט, איך פרעג אייך טאקע, איז דאס פאר אייערע קויכעס? איר קומט צו א מיטינג איז לעקציעס, פראקציעס, דיסקוסיעס, שמעזיסן טעזיסן, רעזאלוציעס, עקזעקוציעס, נישט גערעכט זאלן זיי ווערן. נא דיר א לעקציע וועגן קאפיטאל. איר בעסער ווייזט מיר דעם קאפיטאל, „קעש אן דהי ספאט", א לעקציע וועגן מילכאמע. נא דיר גאר מילכאמע. איך האב קיין איען הארע מיינע אייגענע מילכאמעס: א ווייב, דריי זין, פיר טעכטער... וואל-קאמפאניע, פאשיזם! — אלצדינג איז א סכוירע. ראס זיץ און שלאף אויף די הארטע בענק. ניין, ברודער, ס'איז געפערלעך! ניט פאר מיינע קויכעס. איך וועל שוין בעסער

זיצן און שפּילן אַ פּינאָקל. (לאַכט ביז דער גוידער וואַרפט זיך.)

לעווינסקי (מאַכט אַן ערנסט פּנים): — טאַקע, נו, אַז מאַכן אַ קערטל ביי אונזערן אַ מיטינג איז אַ פאַרברעכן, הערן אַ ראַוו איז אַ כוויזיק, גיין צו פאַראַדן אָון פּיקעט־ליינס אין מיטן דער נאַכט... טאַקע, נו? (לויפט צו צו דער פרוי, קלאַפּט איר אין פּלייצע) נו, איז וואָס הערט זיך מיט אַ באַנוקע־לעמפּל?

מיסטער ניסלמאַן: — איר מעגט זיך לאַכן, אָבער שענערע מענשן, רייכערע מענשן און באַלעבאַטישערע מענשן פון אייך זיינען מעמבערס אין ארבעטער־רינג.

פרוי (קלאַפּט מיטן לעפל אין האַנט, ווי אַפּלאָדירט): — אונזער לאַנדסמאַן איז גערעכט. (אַלע לאַכן.)

מאַריסאָן (גיט אַ פּאַך מיטן האַנטוך): — איר הערט, לאַנדסמאַן, צו מיין נעקסטן מיטינג ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, מאַך איך אַ פאַרשלאַג, אַז מ'זאָל אייך צאָלן ווידזשעס פון אַן אָרגאַנייזער, ווייל קיין בעסערן אַגיטאַטאָר פאַרן ארבעטער אָרדן דאַרפן מיר ניט האָבן.

מיסטער ניסלמאַן (פאַרזאָרגט): — נו, מיילע, איך זע דאָך, אַז מיט אייך איז ניטאָ וואָס צו רעדן, איר הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וועל איך שוין מוזן קויפן מיין ווייב אַ מענוירעלע מיט אַ באַנוקע־לעמפּל פאַר קעש. גוד־באַי. (לאָזט זיך צום טיר. אַלע אין הויז שיסן אַרויס מיט אַ געלעכטער.)

(פאָרהאַנג)

רויט אָדער טויט ··

(איינאַקטער)

רעב איד: אלטער מאַן, אין די זעכציגער יאָרן, מיט אַ לאַנגע באָרד און פּייעס.

באַרבער: אַ יונגער באָכער אין אַ „ווייסן אַנצוג. אַ פריינט פון סאָוועטנלאַנד.

(די סצענע קומט פאָר אין אַ באַרבער שאַפּ. ״עטלעכע שטולן אַרום די ווענט, אַ גרויסער שפּיגל אויפן וואַנט, אויף אַ טישל ליגט אַנגעוואָרפן האַנטוכער. דער באַרבער זיצט אויף זיין הויכן באַרבער־שטול, האַלט אַ צייטונג אין האַנט.)

באַרבער: — יע, „פּראָספּעריטי אַז די קאָרנער", האָט שוין דער גראַסערימאַן פון קאָרנער פאַרמאַכט דאָס געשעפטל (גיט אַ וואָרף די צייטונג) ער איז שוין געהאָלפן. (נעמט שאַרפן דעם ראַזיר־מעסער אויף אַ שטיין) אַנטלויפן דאַרף מען פון דאַנען. אַנטלויפן וואו די אויגן טראָגן (גיט אַ שפּיי אויפן שטיין) ניט געהאַט קיין סייכל פאַראַיאָרן נאָך געהאַט אַ פאָר הונדערט דאָלאַר, געדאַרפט איינפּאַקן זיך און פאָרן קיין בירא־בידזשאַן בויען אַ ניי לעבן. איצט? טפו! (גיט אַ שפּיי אויפן שטיין, וואַרפט דעם מעסער הין און צוריק) אַ לעבן? טפו! (שפּייט אויפן שטיין.)

רעב איד (קומט אריין): —אַ גוטער מאָרגן. שאַ שטיל, גלייך אַ נעקסט, אַ פאַרגעניגן.

באַרבער: — עס ווענדט זיך פאַר ווע מען ס׳איז דער פאַרגעניגן.

רעב איד (טוט אויס דעם מאַנטל): — איצט איז דער פאַרגעניגן פאַר מיר, אַז איך דאַרף ניט וואַרטן, און האָב שוין מיין נעקסט.

באַרבער (ווייזט אים דעם שטול): — איז וואָס געבן אייך, אַ טרים, אַ שייוו?

רעב איד: — אלץ אין דער וועלט נאר ניט קיין שייוו. פאר יעדער האר, זונעלע, וואס א איד גאלט אפ פון־דער מארדע, וועט מען אים אויף יענער וועלט אריינשטעכן א נאדל אויפן פלאץ.

בארבער: — איך קען שייוון א בארד אפילע פון משוועקעס ניט נאר פון נאדלען.

(רעב איד זעצט זיך אוועק. דער בארבער דעקט אים איין מיט א ווייסן ליילעך.)

רעב איד: — אזוי ווי איר האט צייט, ניט מיר אזוי א לייטישן העירקאט, וואס זאל זיין גוט פאר א האלב יאר, ביז איך וועל קומען אהיים אין דעם הייליגן לאנד.

בארבער: — א שיין לעבן קען איך מאכן פון געבן העירקאטס פאר א האלבן יאר.

רעב איד: — ניט געפערלעך. וואס איז, מ׳שיקט ארויס אייער ארבעט אין דער קאנטרי? אדער מ׳אימפארטירט העיר־קאטס פון דייטשלאנד, צי פון יאפאן? פאר אייך בארבערס איז ניטא קיין קריזיס. די האר, א דאנק גאט, וואקסן.

בארבער (זיפצט): — יע, די האר וואקסן און דער דאלעס וואקסט, נאר איך ווינש אלע מיינע פריינט, אז פון דריי זאכן זאל זיי גאט היטן: פון א פליך, פון רייכקייט און פון ווערן א בארבער. און ווייסט איר פארוואס איך זאג דאס זיי? ווייל זיי זיינען מיר אויך מעקאנע. איך זאג אייך, זאל דאס פארד מאכן אויף ברעק־פעסט און ראקעפעלער אויף סאפער, וואס איך מאך פון בארבעריי.

רעב איד: — הע, ניט געזינדיגט, איצט, אז די ווייבער האבן געקראגן סייכל און שערן זיך די האר, דארפן בארבערס שווייגן.

בארבער (שערט די האר צוביסלעך): — איר האט געזען דאס ווייבל, וואס איז איצט ארויס? אט דאס איז מיין אומגליק. זינט די פרויען האבן גענומען טראגן קורצע האר, האב איך קורצע יאר. קומט אריין אן אלטע באבע און מאכט זיך א „באב”, וויל זי איך זאל איר מאכן אויסזען ווי א יונגע מיידל. רייב איך דעם פאנים אויף אלע זייטן, שמיר מיט אלע קאלירן, אבער ווי זאגט מען, א קנייטש אויפן פאנים קען מען ניט אויספרעסן... נו, איז שולדיג דער בארבער, זאגט זי. ביי אנדערע בארבערס האט זי אן אנדער פאנים. נאר מיילע, מיט די אלטע ווייבער קום איך שוין דורך ווי עס

איז. די ריכטיגע צאָרעס האָב איך מיט די יונגע ווייבעלעך, אַז די מיט די געפּאַרבטע ליפּעלעך. זעצן זיי זיך אויפן „טשער" זיצן זיי ניט, נאָר טאַנצן, וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן, וואַרפן די „גאָם" אין מויל אויף ביידע באַקן, וואַרפן מיט די אויגן, און איך שטיי און עס וואַרפט מיך אין קאַדאַכעס.

רעב איד: — נו, איז אייך נאָך שלעכט? (דרייט אויס דעם קאָפּ.)

באַרבער: — אויב דאָס איז שוין גוט, זאָלן מיינע סאָנים זיין באַרבערס. איך גיב איר שוין, דאַכט זיך, דעם „באָב" פּאַנגט זיך דאָן אָן אַ געשעפט מיט מעסטן: די פּייע איז צו לאַנג, די איז צו קורץ, דאָ היינגט נאָך אַ האָר און דאָ איז ניט גוט פּאַרקאַמט. גלייך איך שוין אויס, קאָם שוין אויס, און מאַך אַלץ גלאַט, ערשט אין אוונט, אין סאַמע ברען, ווען איך האָב שוין אַ פּאָר רואיגע „קאַסטומער", — די ווייבל איז דאָ!

רעב איד: — איז דאָך ווידער גוט... (דרייט אויס דעם קאָפּ און לאַכט.)

באַרבער: — אָבער וואָס איז? דער מאַן איז געקומען און ער גלייכט ניט דעם סטייל „באָב". נעם איך זיך שוין ווידער צום שערל און קעמל און גיב איר שוין אַ „באָב" פאַרן מאַן. אויף מאָרגן גייט די ווייבל אריין צו איר שאָכן איבערן טיר און מ'פּיפּט שוין ווידער אויף מיין אַרבעט — דער „באָב" איז שוין ניט מער אין „סטייל".

אַט אַזוי ווי איר זעט, כאַטש נעם און גיי נאָך אַ גאַנצן טאָג דאָס ווייבל מיט אַ שער און אַ קאָם און האַלט איר אין איין „פיקסן".

איך זאָג אייך, איר דאַרפט מיך ניט מעקאַנע זיין!

רעב איד: — ווען איך בין אין דיינע יאָרן, וואָלט איך דיך שוין גאָר מעקאַנע געווען.

באַרבער (גיט אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע): — אי, ווען איך וואָלט געהאַט פאַראיאָרן היינטיגן סייכל, וואָלט איר געמעגט גיין מיט אַ צאָפּ. איך וואָלט שוין דאָ ניט געווען קיין באַרבער, נאָר וואָלט געהאָלפן מיינע אידעלעך אַקערן, זייען און בויען אַ ניי־לעבן. געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט.

רעב איד (קוקט מיט באַגייסטערונג): — וואָס? אין פּאַלע־סטינע? איר דיינקט אויך פאָרן אין הייליגן לאַנד?

באַרבער: — ניין, איך האַלט נאָך ניט פון שטאַרבן. איך רעד פון בויען אַ ניי־לעבן, דאָס איז אין בירא־בידזשאַן, דאָרט וואו די אידן ווערן באַזעצט און ניט באַליינגט...

רעב איד (גיט זיך אַ גלעט די באָרד): — אַזוי, קיין אַנדערע קאָפּ ווייטאָג פעלט דיר ניט, ווי פאָרן צו די באָלשעוויקעס?

באַרבער: — אַזאַ קאָפּ־ווייטאָג אויף אַלע אידן.

רעב איד: (דרייט אויס דעם פּאָנים): — דו רעדסט עפּעס וועגן בירא בידזשאַן ווי דו וואָלסט דאָרט געוועזן. דו פרעג מיך.

באַרבער (גלייכט אים אויס דעם קאָפּ): — איר זיינט דען געוועזן דאָרט?

רעב איד: — איך דאַרף דאָרט זיין צו וויסן, אַז עס טויג ניט? וואָס מיינסטו, אַ וועלט שלאָפט? איך לייען אַלע טאָג דעם „מאָרגן־זשורנאַל", פרעג שוין ניט, וואָס דאָרטן טוט זיך.

באַרבער (בלייבט שטיין מיט אַן אָפענעם שערל): — וואָס אַזוינס טוט זיך? אינטערעסאַנט צו הערן. (מאַכט זיך ערנסט.)

רעב איד (הויבט זיך פון שטול און בלייבט זיצן): — וואָס ווייסטו? ערשטנס, איז דאָרט אַ ווילדעניש, די מאַסקיטאָס, זאָגט מען, זיינען דאָרט ווי אָקסן. איצט שטעל דיר פאָר, ווי גרויס זיינען די פייגל און די בערן און די זשאַבעס און די וועלף, און ווער ווייס, וואָס נאָך איז דאָרט פאַראַן?

באַרבער: — איז דאָך גוט. אויב מ'וויל אַקערן ערד, שפּאַנט מען איין צוויי מאַסקיטעס און מ'אַקערט... (צעלאַכט זיך) כאַ־כאַ־כאַ.

רעב איד: — הע, כאַכמע זיך ניט, ווייל עפּעס שטעקט אין דעם. אויב דאָס איז ניט קיין אַנטיסעמיטיזם, איז דאָס אַן אַנדערע געזוירע. מ'וויל פּאַשיט אויפעסן דאָס אידישע פאָלק, גיט מען זיי איבער צו די מאַסקיטעס.

באַרבער (שפּאַסט): — ווי איז אָבער דער דין, אַז די אידן עסן אויף די מאַסקיטעס?

רעב איד (גלאָצט אויס די אויגן, הויבט זיך פון שטול): — וואָס? אידן עסן מאַסקיטעס?

באַרבער (האַלט אים איין): — איר דאַרפט זיך ניט ערגערן. מ'מאַכט דאָס קאַשער.

רעב איד (שפּרינגט פון שטול): — דו יונגאַטש! וואָס מיינסטו קאַשערע מאַסקיטעס, מאַכסט כּויזעק פון מיר?

באַרבער (לאַכט): — איך מיין גאָר פּאַשעט. מ'ווייקט זיי אויס און מ'זאַלצט זיי איין, און מ'ברענט זיי אויס פון די זומפּן. זעט איר אין פּאַלעסטינע וועלן קיין מאַסקיטעס ניט זיין. (רעב איד קוקט צופרידן) ווייל די מאַסקיטעס קענען ניט קיין העברעאיש.

רעב איד: — שפּאַס, שפּאַס, אָבער פאַר דעם אידן איז ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד פון בּאַקסער און פייגן אויף גאָר דער וועלט.

באַרבער (צעלאַכט זיך שטאַרק): — בּאַקסער ווי בּאַקסער, אָבער פייגן קריגט דאָרט דער איד איבער געננוג...

רעב איד (טראַכט וואָס צו זאָגן): — אין אייער בּירא בּידזשאַן איז דאָך אפילע קיין מיניען ניטאָ.

באַרבער (שטיפעריש): — ווייל אַלע קאַדיש־זאָגער זיינען אַוועק קיין פּאַלעסטינע...

רעב איד: — טאָקע דערפאַר דאַרפן אידן גיין קיין פּאַלעסטינע.

באַרבער (שערט און לאַכט): — צו שטאַרבן איז דאָרט אַ פּלעזשור, אַ פאַרגעניגן. (לאַכט.)

רעב איד: —טאָקע, נו, וואָס לאַכסטו? דיר איז עפּעס אַ קלייניגקייט ליגן צוגעדעקט מיט ערעץ איסראָעל ערד?

באַרבער: — מויכל. איך וויל בעסער ליגן צוגעדעקט מיט אַ קאַלדרע אויף די בּירא בּידזשאַנער לאַנקעס.

רעב איד (דרייט דעם קאָפּ): — אי, וואָס ווייסט איר כּעוורע וועגן דער שיינקייט פון ציען?

באַרבער (בלייבט שטיין מיטן שערל אין האַנט. רעדט ערנסט): — מיר ווייסן, מיר ווייסן. ציען איז אַ גוטער מיטל אויסצוציען דעם אידן אויף די קני פאַר די אָרטאָדאָקסן, ליבעראַלן, רעפאָרמער און סטאָם פּאַראַזיטן, וואָס וואַרטן אויף אַ אידישן אומגליק ווי אַ קרעמער אויף אַ קונד. די ציעניסטן האָבן האַנאָע פון קריכן אויף פרעמדע ערד, קעדיי צו קענען שרייען, אַז מ'טרעט אויף זיי...

רעב איד (מיט קאַס): — נו, און וואָס איז אין אייער רוסלאַנד?

באַרבער: — אין סאָוועטנלאַנד האָט דער איד אויסגעגליכן

זיין רוקן, און דערפאַר טאָקע קען איצט קיינער אים ניט קריכן אויפן קאָפּ.

רעב איד: — אָט האָב איך געלייענט אין די פּייפּערס, אַז אין רוסנלאַנד דריקט מען די אידן. מ'דריקט זיי אַזוי פיל, אַז — אַז —

באַרבער (כאַפּט אונטער): — אַז עס הויבן אָן צו פאַלן דאַלאַרן פון די קולאַקעס, שווינדלער און פּאַראַזיטן.

רעב איד: — אַוואַדע, מ'מאַכט דעם אידן פאַר א גאַנעוו קעדיי מ'זאָל אים קענען דריקן און אַרעסטירן.

באַרבער (ווייזט אים אויף די פּייעס): — די פּייעס א טרים טאָן א ביסל?

רעב איד: —טאָקע א ברעקעלע, ווייל אַ איד אָן פּייעס וועט שוין קיין טכיעס אַמייסים ניט אויפשטיין.

באַרבער: — איר הערט: איך האָב געהאַט א קלוגן זיידן. פלעגט ער צוזאַמענרופן די אייניקלעך און אַזוי זאָגן: איר הערט, קינדערלעך, ווען מעשיעך וועט קומען, זאָגט מען, וועלן די גויאים גיין אויף אַן אייזערנער בריק און זי וועט זיך איינברעכן און אַלע וועלן אַריינפאַלן אין וואַסער. די אידן ווידער, וועלן גיין אויף א פּאַפּירענער בריק און וועלן אַריבער בעשאָלעם. נאָר אַזוי ווי איך האָב אייך ליב, קינדערלעך, זאָג איך אייך אָז, פון זיכערקייט וועגן: גייט בעסער אויף אַן אייזערנער בריק...

רעב איד (שפּרינגט אַרונטער פון שטול און פאַכעט מיט די הענט אונטערן ליילעך): — אָט אַזוי רעדט נאָר א מעשומעד. קיין איד וועט אַזוי ניט רעדן.

באַרבער (זעצט אים אַוועק): — יאָ, א מעשומעד, ניט א מעשומעד, נאָר פונדעסטוועגן גייט אויף אַן אייזערנער בריק. פאַר־לאָזט זיך ניט אויף דעם, וואָס איר לייענט אין די באַלעבאַטישע צייטונגען. איך זאָג אייך, ווען איך האָב געלט, פּאַק איך איין דאָס קעמל מיט דעם שערל און פאָר אין בירא בידזשאַן. אין בירא בידזשאַן איז די ערד צום אַקערן, אין פּאַלעסטינע איז די ערד צום ליגן אין דר'ערד.

רעב איד: — און איך פאָר אויף דער הייליגער ערד ליגן לעבן דער מוטער ראָכל און ניט דאַרפן זיך קייקלען אונטער דר'ערד, ווען מעשיעך וועט קומען.

באַרבער (שפּאַסט): — איך ניט, אַפילע ווען זי, ראַבעלע, וואָלט זיין אַ לעבעדיגע.

רעב איד: — אי, ביזטו אַ יונגאַטש.

באַרבער (לאַכט): — הערט וואָס איך זאָג אייך: נאָכן טויט וועלן מיר אַלע האָבן אַ פּאָנים פון אַ מעס. אָבער לעבעדיגע מענשן דאַרפן לעבן און געניסן פון לעבן. אָבער פאַרן אין פּאַלעסטינע און אַראָפּטרייבן די אַראַבער און פאַרכאַפּן זייער לאַנד, דאָס איז ניט ריכטיג.

רעב איד (שפּרינגט פון שטול, פּאַכעט מיט די הענט אונטערן ליילעך שרייענדיג): — אַזוי קען נאָר רעדן אַ גוי, ניט קיין איד, לאָז מיך שוין אַרונטער פון שטול.

באַרבער (שטייט מיט אַ צעעפנט שערל אין האַנט און קוקט מיט שפּאַס): — וואָס מיינט איר? איך האָב נאָך ניט געענדיגט אייך שערן. (נעמט אים באַרואיגן) זיצט רואיג.

רעב איד (באַרואיגט זיך): — אַזוי זאָל רעדן אַ איד. הערסט, מ'טאָר שוין ניט אַרונטערטרייבן די אַראַבער פון אונזער לאַנד. דאָס איז דאָך אונזער לאַנד פון אַוועם אָוועסינו.

באַרבער: — וואָס, לעמאַשל, וואָלט איר געזאָגט, ווען די אינדיאַנער קומען דאָ אין אַמעריקע און טרייבן אייך אַרונטער פון זייער לאַנד?

רעב איד (דרייט דעם קאָפּ): — נאַדיר, נו, איך זאָל טראַכטן וואָס אינדיאַנער קען איינפאַלן?

באַרבער (נעמט ווידער שערן): — דעם עמעס געזאָגט, וויל איך אייך ניט צורעדן, ווייל אין בירא בידזשאַן וויל מען סיי ווי ניט האָבן קיין אַלטע לייט. דאָרט דאַרף מען יונג בלוט צו קענען בויען, אַקערן, קולטיווירן און מאַכן אַ לאַנד ווי עס ב'דאַרף צו זיין: אַרומטרימען די ווילדע גראָז, געבן אַ העירקאַט די וועלדער, אַ שאַמפּו די זומפּן, אַ מאַסאַדזש די מאַסקיטעס און פאַרקעמען אַזוי דאָס לאַנד מיט אַ שטעגעלע, אַז עס זאָל גלאַנצן . . .

רעב איד (דרייט אויס דעם קאָפּ): — הייסט דאָס, אַז קיין אידן וויל מען דאָרט ניט, נאָר די יונגאַטשעס.

באַרבער: — ס'הייסט, מ'וויל דאָרט אידן, נאָר אידן אויף צו

לעבן, ניט צום שטאַרבן. אידן וואָס ווילן בויען רויט — איז בירא בידזשאַן, אידן וואָס ווילן דעם טויט — איז פּאַלעסטינע.

רעב איד (גיט אַ שפּרונג אויף פון שטול. דער באַרבער שפּרינגט אַוועק).

באַרבער (לויפט נאָך מיטן שערל אין האַנט): — וואו לויפט איר? לאָזט זיך אָפּשערן די איבעריגע האָר. איך האָב אייך בלויז איין זייט קאָפּ אָפּגעשאָרן. זעצט זיך (וויל אים אומקערן) לאָזט פאַר־ענדיגן.

(רעב איד רייסט זיך אַרויס פון אים, גיט אַ וואָרף דעם ליילעך צו דריערד, כאַפּט זיין ראָק און העט, און גלעט זיך צו די האָלב פאַרבליבענע קאָפּ האָר.)

רעב איד (פאָכעט מיט די הענט): —גיי פאַרטרוי דאָס אַזאַ כעווורעמאַן דעם קאָפּ, און וואָס טו איך טאַקע, אַז ער שערט מיר אָפּ די באָרד? גיב אַ שאָו אַ אידן, איז דאָס גאָר אַ קאַפּער בעאיקער. אויב אַזוי, וועל איך מיר שוין לאָזן שערן אין פּאַלעסטינע (האַקט צו די טיר.)

באַרבער (לאַכט הארציג): — מ'וועט אים שוין דאָרט אָפּ־טרימען, אַז ער וועט קיין טכיעס האמייסים ניט אויפשטיין. (גייט צו, נעמט ווידער שאַרפן דעם ראַזיר־מעסער אויפן שטיין) דאָס איז דער עלעמענט וואָס בויט דאָס אידישע היימלאַנד, פּאַלעסטינע, טפו! (גיט אַ שפּיי אויפן שטיין).

(פאָרהאַנג פאַלט)

לאָד - שראָפּנעלן

רויטע פעפערלעך

מענטשן וואָס גלויבן אין קויעך פון גאָט און טייוול, ווייסן נים פון זייער אייגענעם קויעך.

* * *

די מערסטע מענטשן זיינען פרום, ווייל זיי דיינקען ניט, נאָר געדיינקען, וואָס די מאַמע האָט זיי געזאָגט.

* * *

פוילענצער רעדן פון גרויסע זאַכן, קעדיי זיי זאָלן גאָר נים דאַרפן טאָן.

* * *

צו זען אַ מענטשן קליין, מוז מען קוקן פון ווייטן; צו זען אַ מענטשן קליינלעך... מוז מען זיין זייער נאָענט צו אים.

* * *

אַ סאַך מענטשן גייען אַרום מיט פוסטע קעפּ, ווייל זייער מאַרך ליגט ערגעץ אין אַ קאַסע־קאַסטן.

* * *

צו זאָגן קלוגע ווערטער דאַרף מען ניט קיין גרויסן מויל.

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן אויף טאָג נאַכט און זיי בלייבן צום סאָף די גערעכטע, ווייל זיי רעדן אַזוי לאַנג ביז עס ווערט טאַקע נאַכט.

* * *

ביזנעס איז גוט צו פירן דורכן טעלעפאָן, ווייל מ׳דאַרף ניט קוקן אין פּאָנים אַריין.

* * *

די אַרבעטער וואָס זוכן אַ סאַך שטונדן צו אַרבעטן, קירצן זיך די יאָרן צום לעבן.

ראבאָנים און גאַלאָכים טראָגן לאנגע קאפאָטעס.

די אורזאַך — זיי זאָלן קענען האָבן לאנגע קעשענעס...

* * *

די מערסטע פירער אין דער א. פ. און ל., אנשטאָט צו פירן די מאַסע — ווערן א מאַסע אויף דער מאַסע.

* * *

רעדן הויך מיינט נאָך ניט עפּעס געזאָגט...

* * *

אין זאַמד קען מען ניט מאַלן קיין קונסט־בילדער.

* * *

שנאַפּס טרינקען מיט א מאַס האַלט מענטשן אויף די פיס; טרינקען שנאַפּס אָן א מאָס מאַכט אָסאַך מענטשן פאַלן פון די פיס.

* * *

א ווארעמער קאָפּ שאַפט ווייטאָג; א ווארעם הארץ — פאַר־גענינגן.

* * *

פאַרריסענע קעפּ ווערן שטענדיג איבערגעפאָרן.

* * *

דער וואס פאַלט אויף א גליטשיגן וועג, צעשלאָגט זיך קערפּער־לעך; דער וואס „פאַלט" אין שלעכטן וועג... צעשלאָגט זיך גייסטיג.

* * *

טייערע פּוירניטשור קען נאָך ניט רייך מאַכן א היים.

* * *

די וואס כאַפּן א צוג... פאָרן אָפט אויף יענער וועלט.

א בארג מיט א בארג קענען זיך ניט צוזאַמענקומען, אָבער פאַר אַ גאַלעד מיט א שיקסע קען מען ניט גאַראַנטירן.

* * *

א בלינדער און א נאַר קענען זיך ניט זען אין שפּיגל.

* * *

ריידן איז זילבער; שווייגן איז גאָלד. אָבער פאַר אַרבעטער צו שווייגן מיינט שקלאַפעריי.

* * *

ניט אַלע פויגל, וואָס פליען הויך, קענען אויך זינגען.

* * *

דער רייכער ליגט אין די בײנק; דער אָרעמאַן — אין „פּאָון־שאָפּ".

* * *

מענטשן מיט פאַררוסטענע קעפּ קענען ניט זען דעם גלײַכן וועג.

* * *

פילע מענטשן טראָגן ברילן ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס זיי ווילן בעסער זען, נאָר קעדיי ביי אַנדערע זיך אָנזעען.

* * *

פאַרגעס ניט דעם נעכטן, געדיינק דעם היינט, אָבער האָב אין זינען דעם מאָרגן.

* * *

דער אַרבעטער פאַרקויפט זיינע הענט, די פּראָסטיטוטקע — איר קערפּער, דער פאַררעטער — זיין נעשאָמע.

* * *

וואָס פאַר אַן עמעסן וואָרט קען מען נאָך היינטיגע צייטן הערן? אַז אַלץ איז בלאָף און שווינדל.

* * *

וואָס איז דער ענד־ציל ביי די אַמעריקאַנער לייבאָר פייקערס? ענדע־וואָך פּיידע.

קעמפן אליין מיינט זעלבסטמארד, קעמפן צוזאמען מיינט זיגן.

* * *

ווען די קעשענעס ווערן פול מיט געלט, ווערט פוסט די נעשאמע.

* * *

מענטשן, וואס שטייען אויף אין דער פרי, האבן א גרויסן טאג...

* * *

דער בלינדער פרעגט, און דער נאר בלאנדזשעט.

* * *

בעסער א הארציגן ביס, ווי א פאלשן קוש.

* * *

קאלטע הערצער קען ניט העלפן קיין פייער טאפ...

* * *

א פאלשן דימענט קענט איר טראגן אויפן האנט, אבער ניט אין פאון שאפ.

* * *

א קלוגער רעדנער איז דער וואס וויים ווען מ'דארף ניט רעדן.

* * *

מענטשן וואס זוכן קאוועד, דארפן קריגן — איבער די הענט.

* * *

א יוניאן אן קאמף, איז ווי א שיף געמאכט פון שטיין.

* * *

א בארג האלט זיך דערהויבן, ווייל ער האט א טאל לעבן זיך.

* * *

א סעקונדע טראכטן שפארט אמאל א שטונדע ארבעטן.

* * *

די מערסטע געפארבטע ליפן זאגן ארויס בלאסע געדאנקען.

מענטשן וואָס קענען זיך אַליין ניט אויפהויבן הויך, זוכן אַנדערע צו דערנידעריגן.

* * *

אַ לאַנד, וואָס האַלט זיך אויפן ביקס, איז ווי רעלסן געבויט אויפן וואַסער.

* * *

יעדער אידיאָטישער באַלעבאָס קען זיין אַ כאַכעם, ווען דער אַרבעטער נוצט ניט זיין סייכל.

* * *

די רייכע זאָגן, זיי האָבן אַ סאַר אין הימל, זאָגן־די אַרבעטער זיי האָבן דעם סאַר אין דר'ערד...

* * *

פילע אידן גייען הערן שויפער בלאָזן, קעדיי אַ גאַנץ יאָר קענען אָנפּייפן אַנדערע...

* * *

די קאַהאַלשע קליאַמקעס וואַרפן זייערע זינד אין וואַסער, ווייל זיי ווייסן, אַז פיש זיינען שטום.

* * *

ווען די זינדיגע וואָלטן בעעמעס געקענט אַריינוואַרפן זייערע זינד אין וואַסער, וואָלטן אַפילע די ,טשערעפּאַכעס שנעל אַרויסגעקראָכן פון אַזאַ בלאָטע.

* * *

דער בעסטער קוויטל פאַר דעם אַרבעטער, איז דאָס יוניאָן־ביכל!

ווען א באָס ווינשט אַן ארבעטער א „גוט יאָר“, מיינט דאָס, אַז דער ארבעטער זאָל ארבעטן „סטעדי“, א גאַנץ יאָר, ווי א פערד, קעדיי דער באָס זאָל קענען לעבן ווי א קעניג.

* * *

אַנשטאָט פאַלן „קוירים“, וואָלט דער ארבעטער בעסער געטאָן, ווען ער וואָלט מאַכן פאַלן די, וואָס הערשן איבער אים.

* * *

פאַרוואָס שאַקלען די אָפּגעפּאַשעטע בייכלעך צו טאַשלעך בלויז זייערע פּאָלעס און פאַרגעסן אינגאַנצן אַן זייערע קעשענעס?

* * *

דער ארבעטער קען אפילע די פּאָלעס אויך ניט שאָקלען צו טאַשלעך — די באַלבּוייוועס רייסן זיי אים אָפּ . . .

* * *

ראָשאַשאָנע שאָקלט מען די פּאָלעס; סוקעס — דעם לולעוו, און א גאַנץ יאָר — דעם ארבעטער!

* * *

ווען די אָרעמע וואָלטן זיך אָנגעפרעסן ווי די רייכע פאַרן דאַוונען, וואָלטן זיי אויך קויעך געהאַט צו שרייען אַזוי הויך, אַז גאָט זאָל זיי דערהערן . . .

* * *

ביי דעם אָרעמאַן איז יעדער טאָג ראָשאַשאָנע, ווייל יעדער טאָג איז ביי אים אַ יאָר.

* * *

די מערסטע פּרעזידענטן פון די אמעריקאַנער טעמפּלען פאַרקויפן יאָנטעוו „אַליעס“ און א גאַנץ יאָר — זייערע נעשאָמעס.

* * *

ניט איין שוואַרצער נעפעש טוט זיך אָן אַ ווייסן קיטל . . .

„שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן", איז דער רוף פון דער סאָוועטן מאַכט צום אַרבעטער־קלאַס.

די אַמעריקאַנער געניאַסן קלינגט פרעמד דער רוף, ניט זיי זיינען מער קיין שקלאַפן, ניט זיי האָבן קויעך אויפצושטיין...

* * *

זינט די אַדלער קעפּ זיינען געפאַלן אין רוסלאַנד, האָט דער אַר־בעטער אויפגעהויבן זיין קאָפּ!...

* * *

צאַר ניקאָלאַי האָט איצט געדאַרפט לעבן צו זען ווי טויט ער איז.

* * *

אין צען טעג האָבן די קאָמוניסטן איבערגעקערט די וועלט מיט גאָט אינאיינעם.

* * *

די פרומע זאָגן, אַז די הימלען זיינען פאַר גאָט און די ערד פאַר דעם מענטשן.

די קאָמוניסטן האָבן דאָס דורכגעפירט אין לעבן.

* * *

די בעזגראַמאָטנע פויערים אין רוסלאַנד האָבן אין צען יאָר צייט אנגעשריבן אַ וועלט־געשיכטע וואָס עס וועט נעמען די געבילדעטע פּראָפעסאָרן צענדליגער יאָרן צו לערנען, שטודירן און פאַרשן.

* * *

קאַפּיטאַל באַקלאָגט רוסלאַנד, אַז די קאָמוניסטן האָבן איבער־געקערט אַ וואויל לאַנד.

זאָגן די אַרבעטער טאַקע „איבערגעקערט" און דערפאַר זיינען איצט די אַרבעטער פון אויבן, ווייל פריער זיינען זיי געלעגן אין דר'ערד.

מים יאָרן צוריק איז דער איד אין רוסלאַנד געלעגן אין דר'ערד, היינט באַארבעט ער די ערד.

* * *

די „אָרעמע" רוסלאַנד איז היינט פאַר דער וועלט די רייכסטע טעמע.

* * *

די איצטיגע רוסלאַנד האָט באַוויזן צו מאַכן פון פויער א בויער, און פון מענאַכעם מענדלען — א באַלשעוויק...

* * *

געזאַנג, ווי קוואַל־וואַסער, איז א דערפרישונג.

* * *

פויגל זינגען אָן נאָטן, אָבער פויגל קענען אויך זינגען אָן א דיריגענט...

* * *

מאַסן־געזאַנג, ווי מאַסן־אַקציע, — לאָזט זיך הערן.

* * *

ווען מענטשן וואָלטן אַזוי געזונגען די נאַסן־לידער, ווי זיי לייענען די גאַסן־צייטונגען, וואָלטן זייערע העלזער געווען אַזוי טעמפּ ווי זייערע מויכעס.

* * *

דער זינגער מוז היטן דעם דיריגענט'ס האַנט, ווי דער קאַפּיטאַן פון א שיף — דעם קאָמפּאַס. אויב ניט, קען מען אין ביידע פאַלן אַריינפאָרן אין א בלאָטע...

* * *

פאַר אַסאַך פּרימאַדאָנעס שפּילט א גרעסערע ראָלע די רעקלאַמע־צונג ווי דער אייגענער האַלז. דער אַרבעטער־זינגער מוז טאַקע קענען זינגען.

די מייסע גאָט — ליגן; די פּרעדיגער פון „גאָטהייט — ליגנער.

* * *

גאָט־סטראַפּטשעס, ווי ווערים, קלייבן זיך נאָר וואו ס׳איז דאָ שימל...

* * *

דער איינפאַל, אַז רעליגיעזע אידן זאָלן טראָגן בערד און פּייעס איז אַ מיטל, מ׳זאָל זיך בעסער קראַצן ווי טראַכטן...

* * *

היט זיך פאַר הענט, וואָס קלאַפּן זיך אַל־חעט...

* * *

מיט דער מייסע „גאָט„ איז ווי מ׳זאָגט דאָס ווערטל: „אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין ברונעם, קענען אים קיין צען קלוגע ניט אַרויסנעמען”...

* * *

דער קאַמף געגן אַ גאָרניט איז אַ סך שווערער ווי דער קאַמף געגן אַן עפּעס...

* * *

מ׳האָט אַרונטערגעוואָרפן קעניגע פון די טראָנען, אָבער מ׳קען ניט אַרויסוואַרפן די פּוסטקייט פון אַ זאַק סידן אים פאַנאַנדערעפענען.

* * *

עס מוז געשאַפן ווערן אַ שטאַרקער פייער אויסצוטריקענען די וואַסערדיגע שערים פון דער פּירמע „גאָט און סאָן, אינק”.

* * *

גאָטלאָזיגקייט עפנט די אויגן; גאָטלויזינקייט פאַרמאַכט די אויגן.

* * *

טווירע איז די בעסטע סכווירע. דאָס איז דער איינציגער עמעס, וואָס די קליי קוידעש רעקעטירער האָבן אונז באַוויזן...

צדאַקע־פּושקע און אינקאַם־טעקס — אַ געשעפט פאַר די קאַהאַ־לישע קליאַמקעס.

* * *

די גאַט־מאַנופעקטשורערס האָבן די געטער גענוצט אויפן הימל, קעדיי ווען די פאַנאַטיקער וועלן קוקן צו די הימלען, זאָל מען זיי קענען אויסליידיקן די קעשענעס.

* * *

פאַרוואָס שרייען די אַנטיסעמיטן, אַז די אידן זיינען שלעכט? דערפאַר, ווייל ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי „גוטע אידן"...

* * *

רעליגיע איז ווי אַן איינגערעדטע קריינק — קיין קריינק איז ניטאָ, אָבער מאַרעשכוירעדיג מאַכט זי.

* * *

דער באָס זאָגט, אַז ער האָט אַ סאַר אין הימל, נאָר צו שפּאַלטן די קעפּ פון סטרייקער דינגט ער פּאָליציי.

* * *

היט זיך פון די, וואָס זאָגן: „באַהיט מיך גאָט".

* * *

„גאָט היט די נאַראָנים", זאָגן אידן אַ פּאָסוק. דער עמעס איז אָבער, אַז די נאַראָנים היטן גאָט...

* * *

נאַרישע אידן זאָגן ערעוו יאָם־קיפּער קאָל נידרע, זיי זאָלן ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער וואָרט און קלוגע פּאָליטישנס זאָגן דאָס אויף מאָרגן נאָך עלעקשאָן.

* * *

די גאָט'ס סטראַפּטשעס, ווי די „האָלד־אַפּניקעס", מאַכן אַ לעבן פון „הענדס־אַפּ" (סעאו יעדייכעם)...

פרומע אידן גייען יאָם־קיפּער אַז שיך. היינטיגע צייטן בעטן זיך א סאך פון זיי אויס, אַז זיי זאָלן אומגיין באָרוועס אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

* * *

רעליגיע לערנט דעם אַרבעטער צו האָפן אויף „יענער וועלט".

קאָמוניזם לערנט: גיב דעם גאָט'ס סטראָפּטשע יענע וועלט, און אליין נעם די וועלט.

* * *

פרומע אידן קלייבן ווייסע אויפעס אויף שלאָגן קאַפּאָרעס. מענטשן, נעמט דאָס אין אכט — ווערט רויט.

* * *

„רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק" און אַ שמאַלץ־גרוב פאַר די קליי־קוידעם.

* * *

פרומע אידן פאַלן קוירים צו גאָט יאָם־קיפּער און פאַר די הערשער א גאַנץ יאָר.

* * *

די קאַנדידאַטן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע גע־ווינען אין די וואַלן פאַרלירן דעם זיקאָרן.

* * *

קלאַסנבאַוואוסטזיניגע אַרבעטער לאָזן זיך די ציין ניט פאַררײדן, נאָר גיבן אין די ציינער וואו עס שטעקן די פאַלשע ציינגער.

* * *

ס'איז עמעס, אַז מיר זיינען אַטעאיסטן, אָבער אין טאָג פון וואַלן דאַרף יעדער קלאַסן־באַוואוסטער אַרבעטער מאַכן אַ ציילעמל לעבן סערפּ און האַמער.

ווען איר קוקט זיך צו צו די עמבלעמס פון די פּאַרטייען, זעט איר אַז אַדלער, וואָס פליט ניט, א שטערן, וואָס לויכט ניט, א פאַקל, וואָס ברענט ניט.

דערפאַר איז א שטימע פאַר סערפּ און האַמער א שניט און א קלאַפּ פאַר א נייער וועלט.

* * *

יעדער אַרבעטער קען אין טאָג פון די וואַלן ווערן א פּראָלעטאַרישער שרייבער, ווען ער שרייבט אריין זיין נאָמען פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט.

* * *

פּראָלעטאַרישער געזאַנג, ווי פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוואוסטזיין, עפנט די אויגן, שטעלט אויף די פיס און פאַראייניגט די רייען.

* * *

רעדן אין אַ כאָר איז טומל; זינגען אין א כאָר — א פאַרגעניגן.

* * *

זינגען האָט אין זיך אַלע מאַלעס — דאָס קאָן פאַרוויגן און דאָס קאָן אויפוועקן . . .

* * *

עס איז פיל גרינגער, אפילע היינטיגע צייטן, צו כאַפּן אַז האַלוואַ, ווי צו כאַפּן דעם ריכטיגן טאָן . . .

* * *

צו געזאַנג און עסן מוז מען האָבן אַ געזונטן האַלז. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס שלעכטע עסנס מוז מען אַליין פאַרדײַען און א שלעכטן זינגען מוזן אָפט אנדערע פאַרדייען . . .

* * *

איינער, וואָס האָט א גרוים מויל, מיינט נאָך ניט, אז ער איז א גרויסער זינגער . . .

זינגען אַן מוזיק, איז ווי פאָרן מיט אַ באַן אָן רעלסן...

* * *

שרייען הייסט ניט זינגען, ווי לויפן הייסט ניט שפּאַצירן...

* * *

האָבן אַ גוטע שטימע און זינגען שלעכטע לידער, איז ווי זייען קראָפּיווע אין אַ בלומען־טאָפּ...

* * *

אַ גוטע שטימע גייט ניט פאַרלאָרן אַפילו אין דער לעצטער ריי, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז שלעכטע שטימען דאַרפן געשטויסן ווערן פאָרויס.

נייער ווערטער - בוך

קריזיס — אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָדוקט, פּראָדוצירט גראָדע פון די באַלעבאַטים, ניט פון די אַרבעטער.

מאָראַטאָריום — קום איך ניט היינט, קום איך מאָרגן.

טעכנאָקראַטיע — אַ טויטן באַנקעט.

טעוויקשאַן — די מאַרשאַלס טראָגן אַרויס, און די אַרבעטלאָזע־קאָונסילס טראָגן אַריין.

סעקיוריטי — מ׳נעמט אַלץ פון דעם אַרבעטער מיט רעציכע און און מ׳גיט עפּעס צוריק מיט ראַכמאָנעס.

אַרבעט — אַ זעלטנהייט היינטיגע צייטן.

באַנקראָט — אַ לאַיף־סייווער געגן כוויוועס.

אימפּעריאַליזם — מיינס איז מיינס און דיינס איז מיינס.

אַן אַוואַנס — אַ זאַך וואָס מ׳קריגט ניט היינטיגע צייטן, אַפּילע ניט דערגאַד.

אָוטאָפּיע — קריגן אַ פולע וואָך ווידזשעס אין אַ שאָפּ.

אידעאַל — אַ פּאַרמעקט וואָרט אין גענאָסנשאַפּטלעכן ווערטער־בוך.

בוי־אַרבעט — אַ סאָוועטישע מאַכערייקע.

סטאַקס — שניי, ווען ס׳פאַלט און וואַסער — ווען ס׳פאַלט ניט.

כאַמעץ — אַ באָס, ווען ער דאַרף סעטלען אַ סטרייק.

סיידער — אַזאַ שפּיל, וואו יעדער פאַרד קען ווערן קעניג.

קאַשער — אַ ביזנעס, וואָס באַצאָלט זיך.

מאַרער — רייכע עסן דאָס מיט פיש, אָרעמע לייט מיט ברויט.

אַפּיקוירעס — אַ נאַרישע געניווע.

האַגאָדע — אַזאַ פאַרשלאָג פאַר קניידלעך.

קויסעס — געזעלשאַפטלעכער בוטלען.

רעכטער — אַ מענטש, וואָס אַלץ איז ביי אים רעכט.

לינקער — אַ מענטש, וואָס לאָזט ניט די „רעכטע" פירן קיין „לינקע ביזנעס".

צענטריסט — אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך.

„פאָרווערטס" — אַ ווייסער פּאַפּיר, שוואַרצע ווערטער און געלער אינהאַלט.

„טאָג" — אַ שטינקנדיג ליכטל, וואָס באַלייכט די אונטערוועלט.

„מאָרגן זשורנאַל" — אַ ציימונג פאַר „העגט" אין קעפּ.

„מאָרגן פרייהייט" — זאָגט אַ סאַך (פאַרן אַרבעטער) אויף ווייניג זייטן.

„וועקער" — אַ רעצעפּט פאַר איבערגעפּרעסענע צו — שלאָפן.

„האַמער" — אַ שמידער פון קאָמוניזם.

„צוקונפט" — אַ מיעסקייט מיט אַ פאַרגאַנגנהייט.

„אַרטעף" — אַ קורצער נאָמען מיט אַ גרוים פאַרנעם.

„ס. פּ." — אַ שאַנד־וואָרט פאַר די אַרבעטער.

„י. ל. פּערעץ פאַראיין" — אַ פּעגירע מיט אַ מענטשלעכן נאָמען.

„אַרבעטער־רינג" — אַ קוואָורע־געשעפט, וואָס באַגראָבט זיך אַליין.

„קולטור־געזעלשאַפט" — אַזאַ זאַך, וואָס דאַרף זיך שעמען צו ווייזן צווישן געזעלשאַפט.

העסיב־בעט — אַ קעניגלעכער שטול אין אַ סעקאַנד עווענין טעאַטער.

מאַצע — ליטעראַטור אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע — פּלאַר, אַז זאָלץ, אַז שמאַלץ, און לעבערלעך.

מאַרער — אַ פאַרשפּייז פאַרן באַס צום סידער, פאַרן אַרבעטער — קעסיידער.

קאַל דיכפּין יעיסעי וועאייכל (ווער ס'איז הונגעריג זאָל קומען עסן) — אַן אַדווערטייזמענט אין אַ רעסטאָראַן.

קוויסעס — אַ „דעמאָקראַטישע" קאַמפּיין־אישו.

פייסעך — אַן אַנטי־וואָנצן יאָגטעוו פאַר די פרומע ווייבער.

איירעוו טאַוושילין — אַן אייבום־קאָרפּוס צו מעגן קאָכן, בראָטן און פּרעסן — פאַר די, וואָס האָבן וואָס.

קעהאַ לאַכמאַ אַניע — עסן אַ מאַלצייט אין ברויט ליין.

אַפּיקוימען — אַ „דעפּאָזיט", וואָס איינער לייגט אוועק און אַ צווייטער נעמט דאָס צו.

קאָרבן־פּייסעך — איינער וואָס עסט זיך אָן מיט מאַצעס, קניידלעך און ראָסל־פלייש און נעמט ניט גלייך קיין אַפּפּיר־מיטל.

כאַדגאַדיע — אַ קאַפּיטאַליסטישע מייסע וועגן בעסערע צייטן.

פון קעמפ - לעבן

זי באַקלאָגט זיך

זי איז אַ וואוילע כאַווערטע, נאָר זי האַלט זיך אין איין באַ־פלאָגן.

באַלד ווי זי פאָרט צו צום קעמפ, באַקלאָגט זי זיך אויף דער רייזע: דער „באָס" האָט זיך געוואָרפן און געסקריפּעט. דער וועטער איז ניט געווען פויגלדיג. דער שאָכן וואָס איז געזעסן לעבן איר האָט געכראָפּעט.

אויף מאָרגן באַקלאָגט זי זיך אויפ'ן אַפּעטיט; ס'הייסט, זי עסט, נאָר איר געפעלט בעסער, ווי דער וואָס זיצט לעבן איר, עסט. ביי יעדן ביסן טוט זי אַ זיפץ: אַי, ווען איך האָב זיין אַפּעטיט, וואָס וואָלט מיר געפעלט?

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט באַקלאָגט זי זיך אויפ'ן טענט. ביי־נאַכט, זאָגט זי, איז איר דאָרט צו קאַלט און בייטאָג איז דאָרט צו הייס. זי קען אין אים בייטאָג ניט שלאָפן.

גייט פאַרביי דער פאַרוואַלטער, באַקלאָגט זי זיך אויף די ווייטערס; קומט צו דער ווייטער, באַקלאָגט זי זיך אויף דער פאַר־וואַלטונג. און אַז זי גייט אַרויס אויפ'ן „פאָרטש" באַקלאָגט זי זיך פאַר די כאַווייירים: ווי שלעכט איז, אַז עס איז ניטאָ אַפילו פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן.

גייט זי זיך באָדן, באַקלאָגט זי דעם טייך פאַרוואָס זי קען זיך ניט באָדן: ביי דעם ברעג איז דאָס וואַסער צו פלאַך, און ווייטער — איז צו טיף. שטייט זי ביים וואַסער ביז עס ווערט איר נימעס דאָס שטיין, לייגט זי זיך אַוועק אַ האַלב־נאַקעטע אויפ'ן בריקל ביז זי ווערט אָפּגעבאַקן פון דער זון. קלאָגט זי זיך שוין אויפ'ן וואַסער און אויפ'ן פייער...

אין אַלגעמיין באַקלאָגט זי זיך אויף די דירעקטאָרן. דער ספּאָרט־דירעקטאָר לאָזט איר ניט שלאָפן, וועקט איר אויף זיבן אַזייגער צו מאַכן גימנאַסטישע איבונגען, און ווען זי פאָלגט אים ניט און קערט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, פאַרשלאָפט זי

שוין דערוויל פּרישטיק. דער כאָר־דירגיענט דערהאַרגעט איר דעם מיטאָג, ווייל ער האָט אָנגעזאָגט, אַז זינגען מיט אַ פולן בויך איז ניט גוט, קומט איר אוים אָדער ניט זינגען אָדער ניט עסן. דער קולטור־דירעקטאָר ווידער דערהאַרגעט איר דעם „סאָפּער", וואָרום אַזוי גיך ווי ער אַנאָנסירט דעם פּראָגראַם פאַר׳ן אָוונט, מוז זי גלייך לויפן אין טעאַטער, ווייל זי וויל ניט זיין פון די לעצטע...

קומט דער טאָג ווען זי פאָרט צוריק אין שטאָט אַריין, דאַן הויבט זי זיך ערשט אָן צו באַקלאָגן. איצט, קלאָגט זי, נאָך דעם ווי איך האָב זיך שוין צו אַלעם צוגעוואוינט, כ׳האָב שוין געקענט האָבן אַביסל פאַרגעניגן, דאַרף איך פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין.

ס׳איז אים אומעטיק

ער איז שוין די צווייטע וואָך אין קעמפּ, און נאָך האָט ער ניט אויסגעטאָן זיינע לאַנגע הויזן און שניפּס, ווייל ער איז נאָך ניט זיכער, צי ער וועט בלייבן דאָ, אָדער ניט — עס איז אים אומעטיג.

צו פרישטיג פאַרשפּעטיגט ער אַלע טאָג, און ווען ער טרעפט שוין קאַלטע קאַווע אויפ׳ן טיש ווערט אים אומעטיג. ער זעצט אַליין צווישן די ליידיגע טישן און בורטשעט צו זיך: אויך מיר אַן עסן, און זעט נאָר וואָס פאַר אַן אומעט דאָ איז!

וועקט מען אים אינדערפרי צו גימנאַסטישע איבונגען, גיט ער זיך אַ וואַרף מיט קאַעס: וואָס איז דאָ, וואָס? מ׳לאָזט ניט שלאָפן. וואָס פויקט ער, וואָס? און ער קערט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, רוקט אַרויף דעם בלענקעט איבער׳ן קאָפּ און שלאָפט ווידער — עס איז אים אומעטיג אויפצושטיין.

רופט אים דער כאָר־דיריגענט צו באַטייליגן זיך אין קעמפּ־כאָר, גלאָצט ער אוים אויף׳אים אַ פּאָר אויגן

— כ׳וועל באַלד אַנגרייטן פאַר אייך אַ שטימע. כ׳האָב מער ניט וואָס צו טאָן, ווי ווערן אַ קאַרוזאָ. עפּשער ווילט איר נאָך, איך זאָל שפּילן פידל אויך?

ער דרייט זיך אוועק, און עס איז אים אומעטיג.

ווען דער פארוויילונגס־דירעקטאר בעט אים אנטייל צו נעמען אין א שפיל, ווערט ער ווי אנגעצונדן:

— איר האט שוין אימיצן אנדערש ניט געטראפן? וואס מיינט איר, איר וועט דא מאכן פון מיר אן „ארטעף"?

אוואדע נעמט ער ניט קיין אנטייל אין דער שפיל. אבער ער ווייזט זיך אויך ניט צו דער אויפפירונג, און ס'איז אים אומעטיג.

בעט אים א כאווערטע נעמען א שיפל. קוקט ער זי אן מיט שפאט: קיין אנדער זאך האט איר ניט וואס צו טאן? פארן אין ניו־יארק אין דער סאבוויי צוויי מאל א טאג איז אייך ניט גענוג? קומט איר זיך דא גאר שיפלען? — און עס איז אים אזוי אומעטיג.

— איר גייט פאר א שפאציר? — רופן אים כאוויירים.

— א דאנק, פאר מיר איז גענוג, אז איך שפאציר אויף סעקאנד עוועניו, אין שטאט.

— קומט שפילן בעים־באל, — רופט אים דער ספארט־דירעקטאר.

— א, ניט גוט איז מיר! — צעלאכט ער זיך. — מער ווי דאס פעלט מיר ניט, ווערן א בייב רוט...

ער רירט זיך ניט פון ארט. זיין פוס באטרעט ניט דאס ספארט־פעלד. ער זיצט מיט זיך אליין, און — עס איז אים אומעטיג.

פונדעסטוועגן הערט איר אט דעם קעמפער אלע מאל זיך באַקלאגן:

פע, ס'איז פאסקודנע און נודנע. כ'דריי זיך ארום גאנצע טעג, און עס איז ניטא וואס צו טאן! ס'איז אומעטיג...

א מיטל געגן מאסקיטעס

די מאסקיטעס היינט צו טאג, זיינען א פיל גרעסערע נעפאר פאר דער מענטשהייט, ווי דער קאפיטאליזם, ווייל דער קאפיטאליזם, וואס ער ווערט עלטער, ווערן אים אלץ שוואכער די ציין. מיט די מאסקיטעס, ווייזט אויס, איז פארקערט: וואס א טאג ווייטער, בייסן זיי שטארקער. נאך א זאך: געגן די קאפיטאליסטן איז פאראן א מיטל — רעוואלוציע. אבער מיט די קליינע סאב־קאנטראקטערלעך — די מאסקיטעס, איז א ביטערער קאמף.

אבער קעדיי צו ראטעווען דער מענטשהייט, שלאגן מיר פאר דאס פאלגענדע:

1) כאוועדט זיך ניט מיט קיין מאַסקיטעס, מאַכט ניט מיט זיי קיין שפּאַס, וועלן זיי אויך ניט קריכן אויפן קאָפּ.

2) מיר מוזן זיי געבן אַ מאַסקיטע־קאַלאָניע מיט אַ זומפּ, וואו זיי זאָלן לעבן פאַר זיך אַליין. אַזאַ פּלאַץ קען מען געפינען ביי דער „איטאַ", „געוווערקשאַפטן" אָדער אין נאַציאָנאַלן אַפּיס פון א. ר.

3) דער בעסטער מיטל בלייבט אָבער נאָך אַלץ דער: ווען אַ מאַסקיטע גיט אייך אַ ביס, גיט אַ פּאַטש און אַ קראַץ.

זאָל ער וויינען בעסער

אַ קינד האָט אַ גאַנצן אָוונט געוויינט און ניט געלאָזט קיינעם צומאַכן אַן אויג. ענדלעך, אַרום איינס אַזייגער, איז צוגעקומען אַ פרוי (ווייזט אויס אַ מאַמע) און גענומען איינשטילן דאָס קינד, זינ־גענדיג אַ ליד.

פון אַלע טענטס האָט זיך דערהערט איין געשריי: „פּליעז, לאָזט שוין בעסער דאָס קינד וויינען".

אַ פּיאַנאָ זאָל לעבן

איך האָב זייער ליב די פּיאַנאָ — זאָגט דער דיריגענט צו אַ קעמפּער.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס מיטאַמאָל געקראָגן אַזאַ ליבע צו דער פּיאַנאָ? — פרעגט דער קעמפּער.

— גאַנץ איינפאַך — ענטפערט דער דיריגענט — דאָס איז דער איינציגער אינסטרומענט, וואָס ניט יעדער קאַליקע קען דאָס מיטנעמען אין קעמפּ אַריין.

גיי רעד

ביי אַ קעמפּ־מיטינג האָט אַ קעמפּער גענומען פרעגן קלאָץ־קאַשעס, וואָס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ווען די אַרומיגע האָבן זיך צעלאַכט, האָט דער טשערמאַן שטיל באַמערקט צו דעם רעדנער:

— כאָווער, אויב איר ווילט רעדן, טאַ רעדט לאַגיש.

דער קעמפּער האָט זיך צעשריען:

— וואָס איז דאָס? די יאַנג וואָרקערס הייסן מיך רעדן ענגליש, איר הייסט מיך רעדן לאַניש, וואָס מיינט איר בין איך, א שפּראַכן־קענער? . . .

עס איז קורץ

אַ כאַוועך (סאַכאַקל זיבן פוס הויך) באַקלאָגט זיך פאַר דער מענעדזשמענט, אַז דער טענט, וואו ער שלאָפט איז צו קורץ פאַר אים, אָדער די פיס קריכן אים אַרויס פון טענט, אָדער דער קאָפּ פאַלט אים אויפן פלאָר און אַז ער שטעלט זיך אַוועק, הויבט זיך אויף דער גאַנצער טענט.

דער מענעדזשער האָט אים צוגעזאָגט, אַז פאַר קומענדיגן סעזאָן וועט מען מאַכן פאַר אים אַ טענט פון גומי, ער זאָל זיך קענען ציען אין דער לענג און אין דער ברייט.

ווי די מאַסן שפּאַסן

ס'איז שאַ, שטיל

— איך ווייס ניט, — באַקלאָגט זיך אַ כאַווער, — עפּעס איז לעצטנס געשען מיט מיין כאַווערטע. — וואָס איז?

— פריערדיגע צייטן, ווען זי פלעגט קומען אין הויז, איז אויב זי איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, פלעגט זי זינגען; איז זי ווידער-געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, פלעגט זי שרייען, מאַכן געוואַלדן.

איז זי ווען געגאַנגען צו אַ דעמאָנסטראַציע, פלעגט זי קערן וועלטן: געוואָרפן לאָזונגען, געזונגען, געשריען, איצט איז שאַ, שטיל.

אַזוי אויך אין שאַפּ ביי דער אַרבעט. ווי די מאַשינען האָבן ניט געקלאַפּט, דאַך האָט זי די מאַשינען איבערגעשריען. און אַז דער באָס פלעגט אַ קוק טאָן, האָט זי זיך ניט געפוילט און אַ זינג געטאָן אַזוי, אַז מ'האָט געהערט אויף די אַנדערע 14 פלאָרס. איצט? זי עפנט ניט דאָס מויל.

טאַמער איז שוין געקומען דער לענדלאָרד און געסטראַשעט מיט אַרויסשטעלן אין גאַס, און איך האָב געטראַכט, אַז דאָ וועט שוין מיינע צוריק עפענען דאָס מויל. האָט זי אים קיין איין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר גענומען אים פאַרן קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן פון הויז.

איך, ווידער, מעג איצט אָפּטאָן דאָס ערגסטע, רעדט זי ניט אַ וואָרט. זי פאַרשטשימעט מיט די ציינער און שווייגט.

דער כאַווער וואָלט אַזוי געהאַלטן אין איין וויינען אויף זיין אומגליק, וואָס זיין כאַווערטע רעדט ניט, שרייט ניט און געוואַלדעוועט ניט, ווען אַ צווייטער כאַווער, וואָס איז געשטאַנען דערביי וואָלט ניט אַרויסגעשאָסן קיין געלעכטער.

— ס'איז גאָר פּאַשעט, — האַלט זיך דער כאַווער ביי די זייטן פון געלעכטער, — אייער כאַווערטע זינגט דאָך אין „פרייהייט געזאַנגס-פּאַראיין", נו, האָט דער דיריגענט אָנגעזאָגט, אַז צוליב דער אָראַ-טאָריע וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן, מוזן די זינגער היטן זייערע שטימען.

— אזוי? ! — האט זיך דער כאוועך א ביסל פארשעמט, און דערנאך פריילעכער געווארן, — מעג דער דירינענט מאכן אן אראַטאריע אלע מאנאט און דער „פרייהייט געזאנגס־פאראיין” א קאנצערט אלע וואך...

אן אייגענע „האנט”...

אן ארבעטער האט אין שול געטראפן זיין באס. ער, דער באס, איז געשטאנען אין מיזרעך־וואנט זיך געפרופט קלאפן אל־כעט. נאר זיין קורצע, פוכקע האנט האט ניט געקאנט דערלאנגען צום הארצן צוליב זיין גראבן בויך. איז דער ארבעטער צוגעגאנגען, פארקאשערט דעם ארבל און גענומען זעצן דעם באס אין הארצן אריין.

דער באס איז צעקאכט געווארן, און גענומען שרייען.

— וואס שרייט איר? — האט דער ארבעטער אים אנגעקוקט, — דאס איז דאך אייער „האנט”...

ער מאכט זיך גלויבן...

שטייט א יונגערמאן לעבן א סטאר, וואו עס איז געווען ארויסגעשטעלט אין פענסטער א גרויסע פעסל ביר, און האלט אין איין מאכן מיט די ליפן, ווי ער וואלט געזופט.

א פארבייגייער, וואס האט דאס דערזען, איז אים געווען משונהדיק קאווע דער יונגערמאן, וואס שטייט און פאסמאקעוועט זיך אזוי. שטעלט ער זיך אפ און פרעגט אים:

— ווי גלייכט איר עפעס די ביר?

דער יונגערמאן האט א דריי געטאן דעם קאפ און גלייך געענטפערט:

— די צייטונגען שרייבן, אז מ׳דארף אנפאנגען גלויבן, אז עס קומען בעסערע צייטן, וועלן זיי טאקע קומען. דערפאר שטיי איך און מאך מיר גלויבן, אז איך טרינק ביר, עפשער וועל איך טאקע ווערן שיקער...

ניטאָ קיין כאַמעץ...

דער באָס, מיסטער גודמאַן, איז אַ פרומער איד. גאָט, זאָגט ער, האָט אים געגעבן דאָס רייכטום. דערפאַר, ווען ס'קומט אַ יאָנטעוו, דינט ער אָפּ גאָט און דערמאָנט די אַרבעטער וואָס זיי דאַרפן טאָן. היינטיגן שאבעס איז ראָש־כוידעש בענטשן, נעקסטע וואָך איז טישע־באָוו, מאָנטאָג איז אַזוי אַ טאָניס. אַזוי פלעגט ער אַרומלויפן פון טיש צו טיש און אַריינשרייען די אַרבעטער אין פּאָנים.

ערעוו פּייסעך איז דער באָס, ווי אַלעמאָל, אַרומגעלאָפן און אָנגעזאָגט די אַרבעטער:

— פאַרגעסט ניט מאָרגן פרי צו פאַרברענען דעם כאַמעץ, איר הערט ? !

אַן אַרבעטער האָט אים אָנגעקוקט און סאַרקאַסטיש באַמערקט:

— ווען מ'אַרבעט פאַר אַזעלכע באַלעבאַטים ווי איר, דאַרפן אפילע די פאַנאַטישע אידן אויך ניט פאַרברענען קיין כאַמעץ, ווייל איר טיילט דאָך אונז אויס דעם ביסן ברויט פון האַנט אין מויל...

געלערנט פון דער פּראַקטיק

שול-לערער (צו די קינדער): — וויפיל סעזאָנען זיינען דאָ אין יאָר ?

אַרבעטער-קינד: — איינער — אַ „סלעק" סעזאָן...

געלייזט די פּראָבלעם

גראָסערימאַן (צום קאָנסומער): — זעט, וואָס וועט זיין דער סאָף ? אייער מאַן אַרבעט ניט, און איר האָלט אין איין באָרגן, ווי איר זעט, איז שוין דאָס ביכל באַלד פאַרשריבן.

קאָנסומער: — נו, מיילע, וועל איך אייך נעקסטע וואָך ברייני־גען אַ נייַ ביכל.

אַ דיפּלאָמאַט...

פרוי (צום מאַן): — דו ווייסט, דו האַנדלסט פּונקט ווי אַן עמעסער דיפּלאָמאַט.

מאַן (דערשמייכלט): — מיט וואָס ?

פרוי: — אַלע טאָג קומסטו אַרוים מיט אַ נייעם ליגן, אָבער עסן, קליידער און דירע־געלט ברייגנסטו אַ קריינק...

א קוש און א בים

דעמאָקראַטישער פּאָליטישן (כאַפּט אַרום אַ קינד פון אַ ביר־נער און נעמט דאָס קושן): — „יו ליטל דעמאָקראַט".

מאַמע: — ווי איז מיר, איך האָב דאָס קינד נאָך ניט אַרומ־געוואַשן פון דעם רעפּובליקאַנער פּאָליטישן, וואָס האָט איר געקושט, און עס קושט איר שוין אַ דעמאָקראַט...

ער פאַרשטייט שוין

באָבע (צום אייניקל): — קענסט שוין פרעגן די פיר קאַשעס?

אייניקל: — יע.

באָבע: — אַנו, לאָז הערן.

אייניקל: — די ערשטע קאַשע: פאַרוואָס ברייננט אונזער לענדלאָרד זיין אינגל מיט אַ מאַשין צו דער סקול, און מיר גיט די מאַמע ניט אַפילו אויף קיין קאַר־פעיר? די צווייטע קאַשע: פאַרוואָס טראָגן די רייכע קינדער שיך מיט ראָבערס, און איך טראָג שיך אָן פּאָדעשוועס? די דריטע קאַשע: — — —

באָבע: — גענוג צו פרעגן, ווייל ס'איז ניט פאַר מיין קאָפּ צו פאַרענטפערן.

רעכטע עלעקשאָנס

— ווי האַלט עס עפּעס מיטן עלעקשאָן? — פרעגט אַן אַרבעטער שטייענדיג אין פּולינג־פּלאַץ, — שוין אָפּגעגעבן אַ סאַך שטימען?

— גיב אַ קוק אויף דעם גאַלאָן, — האָט אים דער צווייטער פאַר־ענטפערט, — וועסטו וויסן רעזולטאַטן...

קריזיס געשפרעך

קרעמער (צום באַרבער): — איך ווייס ניט ווי־וועד, איך האָב זיך גאָר ניט וואָס צו באַקלאָגן אויפן קריזיס. אַלע וואָך צעמופן זיך די שכיינים, און די נייע, ביז זיי באַקאַנען זיך, באָרגן ניט אין מיין סטאָר.

באַרבער: — און מיך האָט דער קריזיס רואינירט. די האָר וואַקסן אַלעמען אויס פון די קעפּ, ביז זיי קריגן אַ סענט וואָס צו פאַר־דינען.

א „סאָך" געלט

באַצאָלנדיג פאַר א וואָך שווערע ארבעט — גאַנצע אַכצן דאָלאַר, האָט דער באַס געגומען צייל'ן דעם ארבעטער איינציגע דאָלאַר־בילס און דערביי באַמערקט: — נו, אבי מ'זאָגט שלעכטע צייטן, זע נאָר וואָס פאַר אַ בארג מיט געלט דו האָסט געקראָגן.

— א שאָד וואָס איר האָט דאָס ניט אויסגעביטן אויף פּענים — האָט זיך דער ארבעטער ביטער צעלאַכט.

ניט באַשערט אים

— האָסט געהערט? — זאָגט אַן אַ פרוי דעם מאַן — שוין ווידער א באַנק געקראַכט.

— נו, א גליק האָט מיך געטראָפן, — גיט א מאַך מיטן האַנט דער מאַן — וואָס בין איך עפּעס א ליקווידאַטאָר? . . .

בעסער ווי געוואונשן

קומט אריין א הונגעריגער אין א רעסטאָראַן און עסט אָפּ א מאָל־צייט. ביים ארויסגיין זאָגט ער צום קעשיר.

— שיקט אריין דעם ביל צום מעיאָר פון שטאָט.

— וואָס הייסט דאָס? — צעשרייט זיך דער קעשיר, — וואָס מיינט איר, דער מעיאָר וועט צאָלן פאַר אייער עסן?

— ס'מאַכט ניט, גיט דער אָפּגעגעסענער א מאַך מיט דער האַנט, דער מעיאָר האָט שוין אויף מיין רעכענונג מער געגעסן ווי איין מאָל־צייט . . .

— אָבער דאָס קען ניט גיין, — לויפט שוין צו דער רעסטאָראַן־איינגנטימער — אויב איר באַצאָלט ניט, קענט איר ניט ארויס פון דאַנען.

— פיין, זייער פיין! האָט זיך דער קונד צעלאַכט, אויב אזוי בלייב איך, הייסט עס, דאָ פאַר סאַפּער.

טאַקע בעסער

— מיר איז גוט, זיפצט אַן ארבעטלאָזע פרוי, זינט מיין קינד האָט „קינדער פּאַראַליסיס" ווייזט זיך ניט דער לענדלאָרד נאָך קיין רענט.

— זעט איר, איז מיר שוין בעסער — זאָגט א צווייטע פרוי — ביי מיר ליגט דער לענדלאָרד פּאַראַליזירט.

עס ברענט ניט...

קאכט זיך א „סאציאליסט" אויף א ראנ־נאס נעגן די קאמוניסטן. ער געוואלדעוועט:

— ווען אין אמעריקע וועט קומען די רעוואלוציע, וועלן די קאמוניסטן כאפן די „סאציאליסטן" און זיי פארברענען.

— ניין, עס קען גאר ניט זיין, — ענטפערט אים איינער פון די צוהערער, — איר וועט ניט ברענען, ווייל צעפוילטע זאכן ברענען ניט.

א בוך און א באנק-בוך

— זעסט דעם בוך? איך האב איצט באצאלט פאר אים אין ביכער פארלאג 60 סענט און איבעראל קאסט דאס פינף און ניינציג, שטאלצירט אן ארבעטער.

— אט האב איך א ביכל, ווייזט א צווייטער, האב איך באצאלט פאר אים דריי הונדערט דאלער. האט דאס איצט דאס ווערט ארום 30 פראצענט...

— וואס איז דארט, פאעזיע? פרעגט דער ערשטער.

— ניט קיין פאעזיע, — ענטפערט דער צווייטער. עס איז קישקע-געלט...

א שווערער ארבעטער

— גיט מיר דריי „פעסעס" צו דער ארבעט, — האט זיך געווענדעט אן ארבעטער צו דעם קלוירק אין אפיס פון דער יוניאן.

— דריי „פעסעס"? — איז דער קלוירק איבערראשט געווארן, — וואס איז, איר האט דריי דזשאבס?

— ניין! — האט אים דער ארבעטער דערקלערט — דער פראדאקשאן איז אזוי הויך, אז אויף איין דזשאב דארף איך ארבעטן פאר דריי...

וואס טויגן אים ביידע הענט?

נאך א גאנצן טאג ארומזוכן ארבעט, האט זיך דער ארבעטסלאזער געלאזט צום טריין פארן אהיים. ביי דער סטאנציע האט ער באגעגנט שטייענדיג א מאן א קריפל, מיט איין האנט. ער האט זיך אפגעשטעלט א ווײלע און גענומען אנקוקן דעם קריפל.

דער קריפּל, ניט פילנדיג זיך באקוועם, האט זיך געווענדט צו אים:

— מיסטער, וואס קוקט איר מיך אן?

— איך קוק אייך אן! — זאגט דער ארבעטסלאזער מיט אן איראנישן שמייכל, — אייך איז גוט. איר האט איין האנט, מאכט איר כאטש א שטיקל לעבן, אבער וואס זאל איך טאן, אז איך האב ביידע הענט?...

ער ווייסט וואו עס ליגט

אן ארבעטער האט באגעגנט זיין באס שטייענדיג לעבן בריק און שאקלענדיג זיינע קעשענעס (צו טאשלעך).

דער ארבעטער האט זיך צעלאכט און א געשריי געטאן:

— וואס טויג אייך שאקלען די קעשענעס, ניט בעסער א שאקל די סיף!...

א מיטל צום אפּעטיט

צו א ליטעראַרישן אוונט וואס דער „פּראָלעטפּען" האט דורכגעפירט, איז דער אוילעם געזעסן ווי צוגעשמידט ביז צום סאָף פון פּראָגראַם.

ביים ארויסגיין רופט זיך אן אן ארבעטער צום פּארזיצער:

— איר וועט מיר גלויבן, איך בין געזעסן די צוויי שעה אזוי געשפּאנט, הערנדיג רעדן, לייענען און זינגען, אז איך האב אינגאנצן פארגעסן פון עסן?

— שוויג! — רופט אוים א צווייטער — ווען רוזוועלט דערוויסט זיך פון אזא פּעטענט, קריגן מיר קאנצערט אנשטאט רעליף...

א דזשאב אין כאָלעם

שטייען גרופּן ארבעטלאזע און דיסקוטירן צווישן זיך. דערציילט איינער:

— נאכדעם ווי איך האב נעכטן א גאנצן טאג ארומגעשפּאנט איבער די גאסן און געזוכט א דזשאב, כאָלעמט זיך מיר היינטיגע נאכט, אז איך ארבעט און איך בין אזוי „ביזי", אז איך מוז נאך ארבעטן „אווערטיים".

— האלוואי האָב איך כאָטש אזא כאַלעם — שפּאַסט א צווייטער אַרבעטסלאָזער.

— אויב אזוי, — זאָגט דער ערשטער, — מיינע כאַלוימעס צו דיין קאָפּ.

געקראָגן...

כאַיעם: — איך בין היינט אויפגעשטאַנען אין נוס־דעגן און געלאָפן זוכן ארבעט.

יאַנקל: — נו, האָסטו עפּעס געקראָגן?

כאַיעם: — יע, די גריפּ...

„גאָד דעפענס קאָמיטע"

ראָוו (באַקלאָגט זיך): — די קאָמוניסטן פאַרפאַלגן גאָט אין סאָוועטנלאַנד.

אַרבעטער: — און איר, אַפּאַנים, באַלאַנגט צו דער „גאָד דע־פענס קאַמיטע"...

א גאָט׳ס ראַכמאָנעס אויף גאָט...

אַן עלטערע פרוי איז ערעוו ראַשאַשאָנע געקומען באַזוכן איר זון, און פרעגט דערביי:

— האָסט שוין, זונעלע, א טיקעט אין שול?

— ניין! — זאָגט ער, — איך דאַרף דאָס ניט מער.

— אָבער, קינד מיינס, שויפער־בלאָזן מוז דאָך א איד הערן.

— איך האָב שוין געהערט גענוג! די „יור־עס" באַנק האָט מיר שוין גענוג אָנגעפייפט...

— יע, זונעלע, אָבער הערן א כאַזן?

— א כאַזן? מיין באָס זינגט מיר שוין גענוג. אלע טאָג — נייע פרייזן.

— ווויי איז מיר, האָ טדי מוטער זיך שוין צעשריען, — אָבער דאַרפסט דאָך גאָט בעטן, דו זאָלסט קענען עקזיסטירן.

— היינטיגע צייטן, מאַמע,—דאַרף מען בעטן פאַר גאָט, אַז מ׳זאָל אים לאָזן עקזיסטירן...